STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02552

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אַלטען אוצר

(דריטע זאַמלונג)

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואַלען און
כל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאַמעלט און בעאַרבייט
פון ב. ראַושזאַהן

זעקסטער באַנד	במדבר דברים חמש מגלות ימים־טובים

וואַרשא — תרצ״ו

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען,
בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1936 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

●

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
Warszawa 1936.

Drak. „KAIRO“, Warszawa. — געזעצט ביי ו. ראָטענבערג, וואַרשע, מילא 32

ספר במדבר

בְּמִדְבָּר

איש איש למטה, איש ראש לבית אבותיו הוא... (א. ד.)

ביי פרעמדע מענשען איז לייכטער צו ווערען אַ חשוב, איידער ביי דער אייגענער משפחה, וואו מען קען גענוי די חסרונות פון איטליכען איינציגען און וואו מען קוקט דעריבער גאַנץ אָפט מיט ביטול אויף די יעניגע, וועלכע זענען פלוצלונג אויסגעוואַקסען און פערנעהמען אַנ'אָנגעזעהן אָרט אין דער געזעלשאַפט... אָבער אויב „איש לבית אבותיו הוא", אויב ער איז אַנערקענט אויך אין דער אייגענער פאַמיליע, איז עס דער בעסטער סימן, אַז ער פערמאָגט נישט אין זיך קיין שום פסול און חסרון און ער איז ראוי צו ווערען אַ נשיא פון שבט...

(רבי משה חפץ)

ווענען רבי אלעזר בן עזריה דערצעהלען די חז"ל, אַז בשעת מען האָט איהם אויסגעקליבען אַלס נשיא, האָט ער געזאָגט: „איזיל ואמליך בדביתהו", אַז ער וועט געהן זיך שואל-עצה זיין מיט'ן ווייב, ווייל דער נאָהנסטער שטוב-מענש, דאָס אייגענע ווייב, ווייסט אַמבעסטען זיין ווערט, צי ער איז ווירקליך אַנ'אדם גדול, וואָס זאָל ראוי זיין צו פערנעהמען אַ העכערע געזעלשאַפטליכע התמנות...

(יערות דבש)

ואתה הַפְקֵד את הלוים... (א. נ.)

„שנים במסורה וכו' וזהו שאמרו, אין אָדם נעשה שוטר מלמטה אלא אם כן נעשה רשע מלמעלה" (בעל הטורים)

און אין „מדרש חסר ויתיר" איז דער נוסח אַביסעל אַנדערש: „כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה".

דאָס בעציהט זיך — זאָגט דערויף דער חתם-סופר — אויף די יעניגע פרנסים און ראשי-הקהל, וועלכע ווערען נישט געוועהלט מיט'ן רצון פון צבור, נאָר זיי ווערען „נתמנה", בעשטימט דורך דער אויסערליכער מאַכט.

אויב דו זעהסט אַ נאָמינירטען פּרנס און ראש־הקהל, זאָלסטו וויסען, אַז „נעשה רשע מלמעלה", דען נאָמינירען נאָמינירט מען על פּי רוב נור אַזעלכע, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער רשעות...

רבי מענדעלי קאָצקער פּלעגט זאָגען: „כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה", ווארום ווען ער וואָלט נישט געווען קיין רשע, וואָלט ער נישט געשטראָפט געוואָרען מיט אַזאַ מורא'דיגען עונש, צו ווערען אַ „פּרנס על הצבור"...

רבי לוי יצחק האָט געהאַט אויסצושטעהן גרויסע רדיפות און בזיונות אין די אַלע שטעדט, וואו ער איז געווען רב.

איינע פון די דאָזיגע שטעדטלעך איז געווען זשעליכאָוו. דאָרט האָבען די רדיפות אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז געהענדיג איינמאָל אין גאַס, איז איהם אַנטקעגענגעלאָפען דאָס ווייב פון ראש־הקהל, וועלכע האָט איהם אָנגעגאָסען מיט אַ פּאָמעשאַף און דערביי איהם געשאָלטען און געזידעלט מיט די ערגסטע רייד.

איז רבי לוי יצחק אַריינגעלאָפען אין בית־המדרש, צוגעגאַנגען צום ארון־קודש און אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל, האָט ער מתפּלל געווען:

— כ'בעט דיך, רבונו של עולם, דו זאָלסט די דאָזיגע אשה נישט מעניש זיין, דען אונזערע הייליגע חכמים זאָגען: „אשה כשרה עושה רצון בעלה", און אויך זי איז אַנ'אשה כשרה — זי האָט געטהון דעם רצון פון איהר מאַן. מסתמא האָט איהר דער מאַן אַזוי געהייסען...

ווי בעקאַנט, איז רבי לוי יצחק אַנטלאָפען פון זשעליכאָוו אום הושענא־רבה.

אויך אין בערדיטשעוו האָט ער קיין מנוחה נישט געהאַט. אין בערדי־טשעוו איז געווען ראש־הקהל איינער, ברוך וויינשענקער, אַ איד אַ תקיף און אַ גרויסער חשוב ביי'ם פּריץ, און דער דאָזיגער תקיף איז רבי לוי יצחק'ן ממש דערגאַנגען די יאָהרען.

איינמאָל, אַנ'ערב שבת, בעת רבי לוי יצחק איז גראַד נישט געווען אין שטאָדט, האָט דער ראש־הקהל גענומען די רביצין מיט'ן בני־בית, אַרויס־געזעצט זיי אויף אַ מיסט־וואָגען און אַרויסגעפיהרט פון שטאָדט.

די חסידים, רבי לוי יצחק'ס אָנהענגער, זענען געווען אויסער זיך פון דער נבלה און מוצאי־שבת, תיכף נאָך הבדלה, זענען עטליכע פון זיי אַוועק־געפאָהרען קיין זשיטאָמיר, צו רבי וועלוועלע זשיטאָמירער, וועלכען זיי האָבען דערצעהלט וועגען דער מעשה־נורא און איהם געבעטען, ער זאָל מתפּלל זיין, אַז די מחוצפים זאָלען גענש ווערען.

— אַנ'אומזיסטע טרחה — האָט זיי דערויף רבי וועלוועלע געענטפערט— איך פערזיכער אייך, אַז רבי לוי יצחק האָט זיך שוין מקדים געווען און ער שטעהט איצט אַודאי מיט'ן תהלים'ל אין האַנד און בעט רחמים דעם רבונו של עולם, אַז עס זאָל קיינעם פון זיי, חלילה, קיין שום שלעכטס נישט געשעהן...

בשעת רבי לייב, דער „שאגת אריה״, איז געווען רב אין וואָלאָזשין', האָט ער בעקומען דריי גילדען אַ וואָך און דאָס בני-בית פלעגט בוכשטעבליך הונגערען. אַפילו קיין שבת'דיג מלבוש האָט ער נישט פערמאָגט און סיי אינדערוואָכען, סיי שבת, געגאַנגען אין דער זעלבע אַלטע, צוריסענע קאַפּאָטע. די רביצין פלעגט געהן אין פרעמדע הייזער קנעטען דייזשעס פאַר עט־ליכע גראָשען.

איינמאָל האָט דער „שאגת אריה״ געבעטען, מען זאָל איהם מוסיף זיין אַ האַלבע גילדען אַ וואָך, וואָרום ער האָט שוין מיט זיין ווייב און קינ־דער קיין כוח נישט צו הונגערען. האָט דער ראש-הקהל צונויפגערופען אַנ'־אַסיפה און בהסכם פון אַלע פרנסים איז געבליבען, אַז מען קאָן דעם רב קיין הוספה נישט געבען. נישטאָ פונוואַנען... און דער „שאגת אריה״ איז אַוועק פון וואָלאָזשין...

אויפגענומען איז ער געוואָרען שפעטער אַלס רב אין מעץ, וואו ער איז פערזאָרגט געוואָרען מיט פרנסה בריוח און די גאַנצע שטאָדט האָט איהם שטאַרק נוהג כבוד געווען, אָבער די וואָלאָזשינער בעהאַנדלונג האָט ער אַזוי גיך נישט פערגעסען און ער האָט ממש נישט געקענט איהר נאָמען הערען, אַזוי ווייט, אַז זיצענדיג איינמאָל ביי זיך אין הויז אויף אַנ'אַסיפה מיט די טובי העיר, הערט ער, ווי עס געהט עמיצער אויף די טרעפּ.

— דאָס געהט, דוכט זיך מיר — רופט זיך אָן דער „שאגת אריה״ — אַ וואָלאָזשינער.

— אין וואָס דערקענט איהר, רבי? פרעגט מען איהם.

— אינ'ם חוצפה'דיגען גאַנג...

און כך הוה. עס איז אַריינגעקומען אַ וואָלאָזשינער איד, אַ שליח פון דאָרטיגען ראש-הקהל, וועלכער האָט איהם געשיקט אויס'מוסר'ן דעם „שאגת אריה״, הלמאי ער האָט צוליעב אַ האַלבען גילדען אַוועקגעלאָזען דאָס וואָ־לאָזשינער כסא-רבנות...

און מאָהילעוו איז פרנס-העיר געווען אַ איד אַ גביר, ר' חאסקעל ראטנער. אַ חוץ זיין עשירות איז ער אויך געווען אַ למדן, אַ מחבר פון ספרים און, פערשטעהט זיך, אַ גרויסער תקיף. אַלע מאָהילעווער רבנים

—עס—ענטפערט דער חסיד פער׳דבקה׳ט—כ׳בין גישט געקומען אהער עסען.

—זעהסטו, יונגערמאן — שמייכעלט רבי חיים — אויך די נשמה קומט, חלילה, נישט אהער אויף דעם עולם בכדי צו עסען, און פונדעסטוועגען, אז מען גיט איהר נישט קיין עסען — אנטלויפט זי...

רבי עזריאל הורוויץ, דער „אייזערנער קאפ", האט אמאל געזאגט צום רבי׳ן פון לובלין: איך האב זיך בעקענט מיט עטליכע חסידים אייערע און איך מוז אייך זאגען, אז הגם בנוהג שבעולם, אויב א איד טרינקט און שיכור׳ט איז ער א געמיינער מענש, א׳אויסוואורף, דאך זענען צווישען אייערע חסידים, הגם זיי האלטען אין איין טרינקען, פארהאן גאר פיינע אידען, מדרגה-אידען...

ענטפערט איהם דערויף דער רבי פון לובלין:

אין פ׳ נשא, אויפ׳ן פסוק „כי יפליא לנדור נדר נזיר", זאגט רש״י: „למה נסמכה פ׳ נזיר לפ׳ סוטה, לומר לך שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין", אז וויין טרינקען, הייסט עס, איז א שלעכטע זאך. דאגעגען אויפ׳ן ווייטערען פסוק, „וכפר עליו מאשר חטא על הנפש", זאגט רש״י: „רבי אליעזר הקפר אומר שציער עצמו מן היין", אז מען דארף, הייסט עס, יא טרינקען וויין. איז דאך עס א תרתי דסתרי?...

נאר אין וויין אליין ליעגט באמת קיין שום שלעכטס נישט, ווארום „וויין ישמח לבב אנוש", און געווענדעט איז בלויז, ווער עס טרינקט איהם. אויב דאס איז אזעלכער, וועלכער איז א „רואה סוטה בקלקולה", וועלכער איז געניוגט צו זעהען אין אלעמען שלעכטס, צו זוכען ביי יעדען קלקולים און חסרונות (א נאיידעלע אנצוהערעניש געגען רבי עזריאל׳ן, וועלכער האט נישט סובל געווען די חסידים און רק געזוכט אין זיי פעהלערען), אזא איינער איז — „יזיר עצמו מן היין", פאר אזעלכען איז דאס טרינקען וויין א שעדליכע זאך, דען דאס וועט איהם נאכמעהר אריינטרייבען אין כעס און ער וועט נאכמעהר אנהויבען זעהען חסרונות ביי אלעמען... דער אבער, וועלכער פערמאגט נישט אין זיך די דאזיגע מדה מגונה, צו זיין א שטענדיגער „רואה סוטה בקלקולה", אזעלכער דארף זיך נישט אבזאגען פון וויין טרינקען...

כה תברכו את בני ישראל... (ו. כג.)

פארוואס הויבט אן דער פסוק מיט א לשון רבים: „כה תברכו את בני ישראל אמור להם" און נאכהער, ביי די ברכות, געהט ער איבער צו לשון יחיד: „יברכך וכו׳ וישמרך וכו׳"?

ווייל נישט יעדע פון די אויסגערעכענטע ברכות קאָן געזאָגט ווערן בדרך כלל, פאַר אַלעמען גלייך. "יברכך", למשל, מיינט מען: "יברכך בממון" און "יברכך בבנים", און געלד איז אַזאַ זאַך, וואָס פאַר איינעם איז עס אַ ברכה, פאַר'ן צווייטען, דאַגעגען, אַ קללה, וואָס פערדארבט איהם און פיהרט איהם אַראָפּ פון דרך-הישר. דאָס זעלבע איז מיט קינדער. אַ ברכה איז עס, אויב מען האָט פון זיי נחת און זיי געהען אין גוטען וועג, אַ קללה אָבער — אויב מען האָט פון זיי אויסצושטעהען, רח"ל, בזיונות... און דעריבער ווערען די ברכות געזאָגט בלשון יחיד. איטליכען — אַזאַ ברכה, אין וועלכע ער נויטיגט זיך...

(חן מדניאל)

רבי יהושע'לע אָסטראָוווער פלעגט זאָגען: "ואני תפלתי לך ד' עת רצון". איך בין צו דיר מתפלל, רבונו של עולם, אַז דו זאָלסט ממלא זיין מיין רצון, איך ווייס אָבער נישט, צי מיין רצון און פערלאַנג איז אַ גוטער, בעט איך דיך דעריבער: "אלקים ברב חסדך ענני באמת ישעך", העלף מיר, ווי אַזוי דו אַליין פערשטעהסט, אין וואָס עס ליגט באמת מיין הילף, וואָס עס איז פאַר מיר באמת גוט...

אין פיעל קהלות איז מען זיך נוהג, אַז בשעת דער חזן זאָגט "ברכת כהנים", ענטפערט דער צבור אין דער שטיל נאָכ'ן ערשטען פסוק: "יהי רצון בזכות אברהם אבינו", נאָכ'ן צווייטען פסוק: — "יהי רצון בזכות יצחק אבינו", נאָכ'ן דריטען פסוק: — "יהי רצון בזכות יעקב אבינו". צוליעב וואָס זאָגט מען דאָס? וואָס איז דער טעם?

כ'האָב געפרעגט וועגען דעם — שרייבט רבי משה חגיז אין "אלה המצוות" — פערשיעדענע פערזאָנען און קיינער האָט מיר נישט געוואוסט צו ענטפערען. וואַהרשיינליך אָבער נעהמט זיך דער דאָזיגער מנהג דערפון, וואָס אין מדרש איז פאַרהאַן אַ חלוקי-דעות, אין וועמענס זכות מען האָט זוכה געווען צו ברכת-כהנים: "רבי יהודה אומר מאברהם זכו, שנאמר כה יהיה זרעך וכתיב כה תברכו, רבי נחמיה אומר מיצחק, שנאמר ואני והנער נלכה עד כה, לפיכך אומר המקום כה תברכו, רבנן אמרו, מיעקב, כה תאמר לבית יעקב".

און דעריבער זאָגען מיר: "בזכות אברהם", "בזכות יצחק", "בזכות יעקב", כדי יוצא צו זיין אַליבאַ דכל הדעות...

כה תברכו את בני ישראל אמור להם... (ו. כג.)

"אמור" — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — איז דער טייטש: ליעב האָבען, ווי "כי ד' האמירך היום". "כה תברכו את בני

נָשׂא

צו את בני ישראל וישלחו מן המחנה... (ה. ב.)

אין „ערוך" (ערך „זרז") געפינען מיר די פאלגענדע ווערטער: „ובריש וישלחו אין מזרזין אלא למזורזין".

וואס ווערט געמיינט מיט די ווערטער „ובריש וישלחו"? דער בעל „הפלאה שבערכין" מיינט, אז די דאזיגע ווערטער זענען אריינגעפאלען עפ"י טעות און אין די שפעטערדיגע אויסגאבען האבען עס טאקי די מדפיסים אויסגעמעקט.

באמת אבער איז דא קיין שום טעות נישט. מיט די ווערטער „ובריש וישלחו" מיינט דער ערוך דעם ספרי פון פרשת נשא, וועלכער הויבט זיך אן מיט'ן פסוק „וישלחו מן המחנה כל צרוע" און דארט געפינט זיך טאקי דער מאמר „אין מזרזין אלא למזורזין", דען ווי בעקאנט ווערען די נעמען פון פיעל מדרשים אנגערופען לויט די פסוקים, מיט וועלכע זיי הויבען זיך אן, ווי „מדרש שוחר טוב", ווייל ער הויבט זיך אן מיט'ן פסוק „שוחר טוב יבקש רצון", „מדרש חזית", אנהויבענדיג זיך מיט'ן פסוק „חזית איש מהיר במלאכתו", „מדרש תדשא", „מדרש ויכולו" א. א. וו.

(יעקב כהנא)

והתודו את חטאתם אשר עשו... (ה. ז.)

ווי אזוי — פרעגט רבי משה חגיז — זענען מיר אינ'ם יום-כפור'דיגען „על חטא" זיך מתודה אויף פערשיעדענע מיני חטאים, צווישען וועלכע עס זענען פארהאן אזעלכע, וועגען וועלכע מיר ווייסען אויף זיכער, אז מיר זענען ריין דערפון? ווי אזוי מעג מען זיך אין דעם יום-הקדוש אוועקשטעלען און זאגען וועגען זיך ליגען? און ער פערענטפערט עס דערמיט, וואס „כל ישראל ערבים זה בזה" און הגם מיר אליין זענען די און יענע חטאים נישט בעגאנגען, זענען מיר אבער מיטשולדיג און מיטפעראנטווארטליך פאר יענע, וועלכע טראגען יא אויף זיך די דאזיגע זינד.

אלס ראיה דערצו ווייזט ער אן אויפ'ן פסוק אין דער דאזיגער

סדרה: „והתודו את חטאתם אשר עשו״. די פרשה רעדט דאך פריהער וועגען א יחיד: „איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם״, און אויך דער אויס־פיהר איז בלשון יחיד: „והשיב את אשמו בראשו וכו׳״, טא ווי קומט עפיס אינמיטען „והתודו את חטאתם אשר עשו״ בלשון רבים? איז דערפון, אלזא, צו זעהען, אז אויב אפילו א יחיד זינדיגט איז דער רבים מחויב זיך מתודה צו זיין, דען — „כל ישראל ערבים״...

איש איש כי תשטה אשתו... (ה. יב.)

רבי צבי הירש קאלישער טייטשט דאס ווארט „תשטה״ פון לשון „שטו העם״, וואס בעדייט: דאס פאלק האט זיך פונאנדערגעשפרייט אין פערשיעדענע מקומות אויפצוקלויבען דעם מן, און אויך דא איז דער פשט: „כי תשטה אשתו״, זי וועט ארומלויפען און פערקעהרען אין פערשיעדענע ערטער. וואס עס וועט ארויסרופען ביי׳ם מאן פערדאכט...

וכפר עליו מאשר חטא על הנפש... (ו. יא.)

אויפ׳ן מאמר „היושב בתענית נקרא חוטא״ פלעגט זאגען דער אסטראווצער רבי (וועלכער פלעגט, כידוע, פאסטען כסדר תעניתים), אז דאס איז געזאגט געווארען נאר אויף אזעלכען, וועלכער איז א „יושב בתענית״, וועלכער איז מיט זיינע תעניתים גארנישט מתקן און ער בלייבט זיצען אויפ׳ן זעלבען ארט, נישט דערגרייכענדיג דאדורך קיין שום העכערע מדרגה...

„האי בר בי רב דיתיב בתעניתא ליכול כלבא לשירותיה״ (תענית י״א)

וואס פאר א שייכות האט עס איינס צום צווייטען? נאר א כלב קאן קיין סך נישט עסען און איז געוואוינט צו פאסטען, ווי די גמרא זאגט: „לית דעניא מכלבא ששוהה אכילתו במעיו ג׳ ימים״ (שבת קנ״ה). א ת״ח ווידער, ווי מיר געפינען ביי די חז״ל אין פערשיעדענע שטעלען, דארף א סך עסען, כדי ער זאל האבען כח עוסק צו זיין בתורה, און דעריבער, אויב דער בר בי רב האט איבערגענומען די טבע פון כלב, ארייגלאזענדיג זיך אין תעניתים — „ליכול כלבא לשירותיה״, דארף דער כלב איבערנעהמען די טבע פון ת״ח און מען דארף איהם אוועקגעבען זיין סעודה...

(הדרשן רצ״ה דיינאוו)

רבי חיים צאנזער האט אמאל ביי׳ם טיש געפרעגט א חסיד, צי די משמשים האבען איהם נישט פערטיילט ביי׳ם עסען געבען און צי ער האט שוין געגעסען.

האָבען געהאַט פון איהם אויסצושטעהן רדיפות און אַפילו דעם מלבי"ם האָט ער נישט נושא-פנים געווען און כסדר געפיהרט געגען איהם מחלוקת.

איינמאָל איז דאָס מאָהילעווער כסא-רבנות געבליבען לעדיג און מאָהילעוו האָט זיך אַ צייט לאַנג נישט געקענט צוקלויבען קיין רב, מחמת, וואָס פאר אַ רבנישען קאַנדידאַט מען האָט נישט פאָרגעלעגט — האָט ר' חאַסקעל נישט מסכים געווען.

האָט רבי יאָשע בער בריסקער דאַן געזאָגט:

— מאָהילעוו וועט שוין קיין רב נישט צוקלויבען זיך, ווארום ר' חאַסקעל וויל אַזאַ רב, וואָס זאָל קענען ווענינער לערנען פון איהם, און אַזאַ רב איז גאָר כלל נישט בנמצא...

(די וועלט דערצעהלט)

ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ד' את משה... (א. נד.)

צוזאַמען מיט די בני ישראל זענען דאָך אויך די לוים אין דער זעלבער פרשה נצטוה געוואָרען, טאָ פאַרוואָס שטעהט נישט אויך ביי זיי, אַז „ויעשו וכו' ככל אשר צוה ד' את משה"?

נאָר ווייזט אויס — האָט געזאָגט דערויף דער ראַדזינער רבי, ר' גרשון העניך — אַז מיט די כלי קודש, מיט די לוים, קומט אָן שווערער, אַז זיי זאָלען טהוען „ככל אשר צוה ד'". ביי די פּראָסטע אידען איז דאָס לייכטער צו פּועל'ן...

איש על דגלו באותות לבית אבותם יחנו... (ב. ב.)

אין ש"ך יורה-דעה סי' קמ"א ווערט געזאָגט, אַז „אסור לצייר אריה ושור מפני שהם מזלות שעבדו להם והם עבודה זרה".

פרעגט דערויף רבי משולם איגרא אַ האַרבע קשיא פון מדרש רבה במדבר פרשה ד', ווי אויך פון זוהר בהעלותך קנ"ד, אַז אויף די פיער דגלים זענען געווען אויסגעמאָלט פיער צורות: אריה, נשר, שור ואדם, און אויב אריה ושור וואָלטען געווען צורות פון עבודה-זרה, ווי אַזוי האָבען זיי זיך געמעגט געפינען אויף די דגלים?...

„בשעה — ווערט געזאָגט אין מדרש — שאמר הקב"ה למשה עשה אותו דגלים כמו שנתאוו, התחיל משה מיצר, אמר: עכשיו עתידה המחלוקת להנתן בין השבטים; אם אני אומר לשבטו של יהודה שישרה במזרח, והוא אומר: אי אפשי אלא בדרום, וכן ראובן, וכן אפרים, וכן כל שבט ושבט, מה אני עושה"?...

(מדרש רבה במדבר פ"ב)

ואלה תולדות אהרן ומשה... (ג. א.)

„ואינו מזכיר אלא בני אהרן ונקראו תולדות משה, לפי שלמדן תורה, מלמד שכל המלמד את בן חברו תורה, מעלה עליו הכתוב, כאלו ילדו" (רש"י)

„כאלו ילדו" איז משמע, ער האט כמעט אזא חשיבות, ווי דער פאטער, אבער דער אייגענער פאטער אליין איז מעהר חשוב, און פון דער גמרא (בבא מציעא סוף פרק ב׳) ווייזט דאך אויס פערקעהרט. עס ווערט דארט געזאגט: „אבדת רבו ואבדת אביו אבדת רבו קודמת, שזה מביאו לחיי עוה"ז וזה מביאו לחיי עוה"ב", נמצא, אז רבו איז מעהר חשוב פאר אביו?

די דאזיגע קשיא האט דער מלמד געפרעגט דעם רבי'ן ר׳ העשיל'ן בשעת ער איז געווען א פינף-יעהריג אינגעל, און דערויף האט איהם דער קליינער עלוי געענטפערט, אז „מעלה עליו הכתוב" איז דער פשט: דער וואס לערנט מיט בן חבירו תורה, איז איהם דער פסוק „מעלה" און שטעלט איהם העכער, „כאלו ילדו", ווי ער וואלט איהם אליין געווען געבוירען. ער שטעהט העכער און איז חשוב׳ער פונ׳ם פאטער...

ישראל — אמור להם", בענשען די אידען מעג נאר אזעלכער, וועלכער האט ליעב די אידען, ווי עס ווערט געזאגט אין זהר: „מאן דלא רחים ית עמא לא יברך יתהון"...

יברכך ד' וישמרך... (ו. כד.)

„יברכך — בממון, וישמרך — מן המזיקין" (ספרי)

אין פסחים (קי"א) ווערט דערצעהלט, אז רב פפא איז איינמאל געגאנגען אין וועג צוזאמען מיט אביי און רב הונא, וועלכע האבען מורא געהאט פאר שדים, נאר רב פפא האט קיין מורא נישט געהאט, און אויף זיין פראגע: „אנא מאי שנא דלא חשש לי", פארוואס האב איך קיין מורא נישט? האבען זיי איהם געענטפערט: „את שעתא קיימא לך", און דערויף פערטייטשט דער רשב"ם: „עשיר אתה ויש לך מזל טוב ולא תיזוק". פאר אנ'עושר, הייסט עס, האבען אפילו די שדים מורא און זיי זענען איהם נישט מזיק...

בשעת, אלזא, „יברכך בממון", וועט דאן ממילא אויך זיין „וישמרך מן המזיקין"...

(ברית שלום)

רבי שלמה אייגער איז איינמאל אוועק א ברוגז'ער פון א קהלה-זיצונג, וואו מען האט איהם געשטעלט א גרויסען עטאט. אוועקגעהענדיג האט איהם איינער פון די דאזאגעס געוואלט באגלייטען, אבער רבי שלמה האט נישט געוואלט.

— רבי — בעט זיך דער דאזאר — עס איז דאך א בפירוש'ע גמרא: „תלמיד חכם אל יצא יחידי בלילה"?

— דער טעם דערביי — ענטפערט איהם דערויף רבי שלמה אייגער — איז דאך דערפאר, ווייל מען דארף מורא האבען פאר מזיקים. נאכדעם, אבער, ווי איהר האט מיר געשטעלט אזא גרויסען עטאט, איז צו זעהן, אז איהר האלט מיך פאר א גביר, און א גביר, ווי עס איז משמע פון דער גמרא אין פסחים קי"א, האט פאר מזיקים נישט וואס מורא צו האבען...

„יברכך — בממון, וישמרך — מן המזיקין".

אויפ'ן פסוק „עושר שמור לבעליו לרעתו" ווערט געזאגט אין זהר, אז ס'זענען פארהאן אזעלכע מזיקים, וועלכע לאזען נישט דעם מענש שולט זיין איבער זיין געלד, נאר זיי זענען דערויף שולט...

און דאס איז דער פשט: „וישמרך — מן המזיקין"...

(רבי בעריש מייזעלס)

אילים חמשה עתודים חמשה... (ז. יז.)

אין דער הקדמה צו סדר זרעים וואונדערט זיך דער תוספות יום טוב אויפ'ן מחבר פון ספר „כף נחת", וועלכער רעכענט-אויס די סדרי המשניות לויט'ן פאלגעגדען סדר: נשים, זרעים, מועד, קדשים, טהרות, נזיקין. פונ־וואנען — פרעגט דער תוספות יום טוב — האט ער גענומען דעם דאזיגען סדר, ווערענד אין דער גמרא (שבת ל"א) אין דרש אויפ'ן פסוק „והיה אמונת עתיך" איז דאך דער סדר א גאנץ אנדערער: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות, דארט איז נזיקין נאר דער פיערטער סדר, נישט דער לעצטער?

א חדוש אויפ'ן תוספות יום-טוב, וועלכער האט פערזעהן, אז דער זעלבער סדר, וואס ווערט אויסגערעכענט אין „כף נחת" איז פארהאן אויך אין מדרש פון דער דאזיגער סדרה, אויפ'ן פסוק „אילים חמשה". אויך דארט איז דער סדר: נשים, זרעים, מועד, קדשים, טהרות, נזיקין, נישט ווי אין תלמוד בבלי...

(דבש וחלב)

ביום השני הקריב וכו'... (ז. יח.)

וועגען אלע זאכען, וואס ווערען דא אויסגערעכענט, זאגט רש"י א טעם, צוליעב וואס מען האט עס געבראכט: „קערת כסף — כנגד שנותיו של אדם הראשון", „מזרק אחד כסף — על שם נח", „שבעים שקל — כנגד שבעים אומות", „כף אחת—כנגד התורה" און אזוי ווייטער. פארוואס ברענגט נישט רש"י די דאזיגע טעמים באלד ביי'ם ערשטען טאג. ביים ערשטען נשיא?

ווייל — האט דערויף געענטפערט דער חדושי הרי"ם — אויפ'ן ערשטען נשיא דארף מען נישט זוכען קיין ספעציעלען טעם, ווארום עס איז דאך איהם נישט איינגעפאלען סתם אין דער וועלט אריין צו ברענגען א „קערת כסף" און א „מזרק אחד" און א „כף אחת" און ער האט זיכער געהאט א געוויסען טעם דערביי. וועגען די אנדערע נשיאים אבער, קוים האבען זיי אויך געבראכט די זעלבע חפצים, קאן מען דאך מיינען, אז דאס האבען זיי זיך פערקוקט אויפ'ן ערשטען נשיא און וואס ער האט געטהון — האבען זיי איהם נאכגעטהון, איז דעריבער דא נויטיג אנצווייזען, אז זיי האבען איהם נישט בלויז סתם נאכגעטהון, נאר זיי האבען יעדע זאך בעגריגדעט מיט א געוויסען טעם...

ביום שנים עשר וכו' אחירע בן עינן... (ז. עח.)

דערויף ווערט געזאגט אין ילקוט: „בן עינן—שהיה נוהג טובת-עין בחבריו".

(יומא ע״ה), און דעריבער „העם בוכה למשפחותיו — על עסקי משפחות״, האָט דאָס פאָלק געוויינט, ווייל דער מן האָט מיט איינמאָל אויפגעדעקט אַלע פערבאָרגענע חטאים און אַלע פאַמיליען־געהיימניסען...
(גרש כרמל)

האנכי הריתי את כל העם הזה, אם אנכי ילדתיהו... (יא. יב.)

איך בין נישט מחויב פון זיי צו ליידען. דו אָבער, רבונו של עולם, ביסט זייער פאָטער, מוזטו יאָ ליידען. אַ טאַטע מוז ליידען און רחמנות האָבען אַפילו אויף אַ שלעכט קינד...
(רבי ר׳ בונם)

אֶסְפָה לי שבעים איש מזקני ישראל... (יא. טז.)

רבי יאָשע בער איז אַמאָל אַרויסגערופען געוואָרען אין אַ שטעדטעל נעבען בריסק בכדי אויסצוגלייכען אַ סכסוך. עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דעם, וואָס אַרום דעם קליינעם פרייגעוואָרענעם כסא־רבנות האָבען זיך געשאַפען פערשיעדענע צדדים און יעדער צד האָט זיך אַראָפגעבראַכט אַ בעזונדערען רב. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ געוואַלדיגע מחלוקת, און וועלכער עס איז אַריינגעצויגען געוואָרען דאָס גאַנצע שטעדטעל, פערגעסענדיג צוליעב דעם אין אַלע אַנדערע דאגות, אַפילו אין דאגת־הפרנסה.

— איצט — האָט זיך אָנגערופען רבי יאָשע בער, צוזעהענדיג, ווי דאָס גאַנצע שטעדטעל איז פערקאָכט אין דער רבנות־פראַגע — איז מיר פערענטפערט געוואָרען, פאַרוואָס נאָך דער מחלוקת וועגען מן און וועגען שליו האָט דער אויבערשטער פּלוצים געזאָגט צו משה׳ן: „אספה לי שבעים איש״. אין פלוג, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו די פריהערדיגע מחלוקת׳ן און וואָס פאַר אַן׳אויסוועג איז עס צו דער געשאַפענער לאַגע? אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז עס טאַקי געווען אַ ריכטיגער אויסוועג. זעהענדיג, ווי די אידען קריגען זיך כסדר אַרום צוליעב פרנסה און משה קאָן זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבען, האָט איהם השי״ת געגעבען אַן׳עצה: „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל וכו׳ ולקחת אותם אל אוהל מועד והתיצבו שם עמך״, שטעל צונויף אַ ליסטע פון זיבעציג נייע מנהיגים, זיבעציג רבנים און דאַן וועסטו זעהן, ווי עס וועט ווערען לעבעדיג ביי אידען, ווי מען וועט מיט איינמאָל פערגעסען אין די דאגות פרנסה, אין מן, אין שליו און אין אַלע איבריגע וואָכעדיגע אינטערעסען...

המקנא אתה לי — ומי יתן כל עם ד׳ נביאים... (יא. כט.)

מקנא איז מען נור אזעלכען, וועלכער פערמאגט א סך. הלואי „ומי יתן כל עם ד׳ נביאים״, און עס זאל זיין טאקע וואס מקנא צו זיין...

(רבי יוסף שאול נאטאנזאהן)

והאיש משה עניו מאד... (יב. ג.)

דער אמת׳ער עניו — פלעגט זאגען רבי שמעון קאריצער — איז דער, וואס עס ארט איהם אפילו נישט, ווען מען זאגט אויף איהם, אז ער איז א בעל-גאוה... און דעריבער ווערט וועגען משה׳ס עניוות דערמאהנט אין דער תורה ערשט דא אין צוזאמענהאנג מיט׳ן פארוואורף פון מרים ואהרן, וועלכע האבען איהם חושד געווען אין גאות און גע׳טענה׳ט: „הרק אך במשה דבר ד׳, הלא גם בנו דבר״, און ער האט זיך דעריבער גישט וואס גרויס צו האלטען... און דערויף ריהמט איהם דער פסוק: „והאיש משה עניו מאד מכל האדם״, ער איז געווען אזא גרויסער עניו, אז ער האט אפילו סובל געווען און געשוויגען, ווען מען האט געזאגט אויף איהם, אז ער איז א בעל-גאוה...

די אמת׳ע מדה פון ענוות — פלעגט זאגען דער בעש״ט — איז נישט די ענוה חיצונית, די אויסערליכע ענוה, וואס מען ווייזט ארויס פאר מענשען, נאר די ענוה פנימית, די ענוה שבלב, און מעשה במלך אחד, וועלכער האט בעשלאסען צו פיהרען א בעשיידען, עניוות׳דיג לעבען און בשעת מען האט געשפאנט פאר איהם די קארעטע צו פאהרען שפאציערען, האט ער געהייסען, אז די לעדיגע קארעטע זאל פאהרען פאראויס און ער איז נאכגעגאנגען צו-פוס. האט א חכם זיך אנגערופען צו איהם און געזאגט: ניין, אדוני מלך, נישט דאס איז דער ריכטיגער דרך, דער אמת׳ער עניו מאכט נישט קיין פרסום פון זיין עניוות, נאר ער איז אנ׳עניו זיצענדיג אין דער קארעטע...

(צפנת פענח)

— פריהער — האט אמאל געזאגט דער רבי אלימלך צו זיין ברודער, רבי זישע — פריהער דארף דער מענש ביי זיך ווערען א שפל בתכלית השפלות און ערשט דאמאלס איז ער מסוגל משיג צו זיין און צו פערשטעהן די גדלות הבורא.

— און איך ברודער-סערדצע — רופט זיך אן דער רבי ר׳ זישע — האלט פערקעהרט, פריהער דארף דער מענש מצמצם זיין אלע זיינע חושים און אריינטראכטען אין גדלות הבורא און ערשט דאמאלס איז ער מסוגל צו ווערען ביי זיך א שפל בתכלית השפלות...

אידישע לעבען וועט זיין פערוואלקענט און פערפינסטערט און עס וועט זיך אויסדאכטען, אז עס איז שוין, חלילה, קיין שום אויסוועג נישטא, דאן — „ומראה אש לילה", וועט אין מיטען דער נאכט־פינסטערניש אויפפלאקערען א פייערדיקע ליכטיגקייט, וואס וועט פונאנדערטרייבען אלע וואלקענס און וועט ווייזען די אידען דעם וועג צו זייער הילף...

(רעיונות וחומר לדרוש)

והאספסוף אשר בקרבו... (יא. ד.)

„והאספסוף" — פלעגט זאגען דערויף רבי אייזיל חריף — מיינט מען די אסיפה־לייט, די קהל'שע טומלער, וועלכע האלטען רק אין איין רופען דעם עולם אויף אסיפות...

והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה...

„התאוו תאוה", זיי האבען געגלוסט און געגארט נאך תאוה, ווי זאטע נגידים, וועלכע זוכען מיטלען אויף אפעטיט...

(דמשק אליעזר)

ויאמרו מי יאכילנו בשר... (יא. ד.)

די גמרא זאגט דאך (יומא ע"ה), אז דער מן האט געהאט אין זיך די אייגענשאפט, דאס יעדער איינער האט געקאנט אין איהם פיהלען וועלכען טעם ער האט געוואלט, איז אויב אזוי טא פארוואס האבען זיי געשריגען: „מי יאכילנו בשר"? זיי האבען דאך געקאנט דעם טעם פון בשר פיהלען אין מן!

נאר אין דער פרשה דא (פסוק ח') ווערט געזאגט, אז „והיה טעמו כטעם לשד־השמן", אז דער גרונד־טעם פון מן איז געוועזן ווי בוימאייל, און אין פ' שלח ווערט געזאגט, אז זיין גרונט־טעם איז געוועזן „כצפיחת בדבש", ווי האניג, און בוימאייל מיט האניג, ווי עס ערקלערען אונז די חז"ל (ע"ז ל"ט), רופען ארויס א ווידער־טעם, אנ'איבעלקייט צו פלייש און — דעריבער האבען זיי נישט געקאנט פיהלען אין מן דעם טעם פון בשר...

(הרב ברוך עפשטיין)

זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם... (יא. ה.)

ווי עס בעהויפטען די היסטאריקער (און אזוי שרייבט אויך פראפ. הערמאן שניידער) האט ביי די אלטע מצריים עקזיסטירט א שטרענגער רעליגיעזער פערבאט, נישט צו עסען קיין פיש, און דערמיט ווערט, אלזא, פערשטענדליך דער „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם", דען צוליעב

דעם, וואָס די מצריים האָבען עס נישט בענוצט, האָט עס קיין שום ווערט נישט געהאַט און די אידען האָבען געקענט עסען פיש וויפיעל זיי האָבען געוואָלט — בחנם...

(שבולי עולם)

אַ מערקווירדיגען טייטש געפינען מיר אויפ'ן וואָרט „הדגה" אין פירוש הטור על התורה. לויט'ן דאָזיגען פירוש מיינט מען נישט „הדגה" — פיש, דען אויב אַזוי וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן „הדגים", נאָר „הדגה" איז דער פשט: אַ סך, אָהן אַ שיעור, ווי „וידגו לרוב בקרב הארץ", און עס בעציהט זיך אויף די קישואים און אַבטיחים און בצלים, אַז די דאָזיגע מאכלי בהמה האָט מען זיי טאַקי נישט געזשאַלעוועט און מען האָט זיי געשטאָפּט דערמיט לרוב, וויפיעל זיי האָבען געוואָלט...

אשר נאכל במצרים חנם...

„חנם מן המצות" (רש"י)

מיט אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג צוריק האָבען אַמאָל די רוסישע פיש-הורטאָווניקעס געשלאָסען צווישען זיך אַ סינדיקאַט און זיי האָבען אויף אַנ'אונגעוועהנליכען אופן געהויבען די פרייזען אויף פיש. אין אַ גרויסען טייל קהלות איז דאַן אויסגערופען געוואָרען אַנ'איסור, אַז צוליעב דעם קינסטליכען יקרות זאָלען זיך אידען אָבהאַלטען פון צו קויפען פיש אויף שבת. דער איסור האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטען, דער עולם האָט נישט געקאָנט ביישטעהן דעם גרויסען נסיון אויסצוקומען עטליכע שבתים אָהן פיש, צו וועלכען מען האָט זיך צוגעוועהנט, ווי צו אַ הייליגקייט און מצוה, אָהן וועלכען דער שבת איז קיין שבת נישט...

אַז מען האָט עס דערצעהלט דעם אָסטראָווצער רבי'ן, רבי מאיר יחיאל, האָט ער געענטפערט דערויף בדרך הלצה, אַז דאָס אַ פנים איז דער פשט פון „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם" — חנם מן המצות". געגעסען האָט מען דעמאָלס פיש, ווייל זיי זענען געווען בחנם, זיי האָבען קיין געלד נישט געקאָסט, מען האָט אָבער דערפון נישט געמאַכט קיין מצוה, קיין קדושה-זאַך, פאַר וועלכער עס איז קיין צו-טייערער פרייז נישטאָ...

וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו... (יא. י.)

„על עסקי משפחות, על עריות הנאסרות להם" (ספרי)

דען דער מן — זאָגען די חז"ל — „מגיד להם לישראל מה שבחורין ומה שבסדקין וכו' זה אומר היא סרחה עלי והיא אומרת הוא סרח עלי וכו'"

וואָס פֿאַר אַ טובת-עין האָט ער אין זיי נוהג געווען און פֿונוואַנען איז דאָס געדרינגען?

נאָר אַחירע בן עינן, דער נשיא פֿון די בני נפתלי, ווי מיר זעהען פֿון פסוק, האָט מקריב געווען דער סאַמע לעצטער, הגם לויט'ן סדר פֿון די שבטים האָט איהם געדאַרפֿט אויסקומען אַ סך פֿריהער, און דערפֿון איז צו זעהען, „שהיה נוהג טובת עין בחבריו", אַז עס האָט איהם נישט געאַרט, וואָס די חברים האָבען זיך מקדים געווען און האָבען איהם געלאָזט צום סוף...

(רבי העניך מאלעקסאנדער)

בְּהַעֲלֹתְךָ

ולא יהי׳ בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקדש... (ח. יט.)

ווען — פלעגט זאָגען דערויף רבי מאיר׳ל דזשיקאָווער — קומט אַ איד אל הקודש, ווען ווערט ער פרום? בשעת עס פּאַסירט מיט איהם אַ נגף, עפּיס אַנ׳אומגליק, חלילה. אונזער וואונש אָבער איז, אַז „ולא יהי׳ בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקודש״, אַז קומען זאָלען זיי אל הקודש, נישט צוליעב אַ נגף, נישט מתוך צער, נאָר מתוך נחת...

(אמרי נועם)

זאת אשר ללוים... (ח. כד.)

מען האָט אַמאָל דעם רבי׳ן ר׳ בונם, בשעת ער איז געווען אַ יונגעל, געפרעגט, פאַרוואָס די משנה זאָגט אין אבות: „בן חמש שנים למקרא, בן עשר למשנה וכו׳״, פאַרוואָס ווערט עס איינגעטיילט אין פינפער יאָהרען, אַז דער טערמין פון לערנען איין געגענשטאַנד ביז צום צווייטען דאַרף דויערען פינף יאָהר?

— דער דאָזיגער מספר — האָט ער דערויף געענטפערט — איז גענו־מען געוואָרען פון דער תורה. אויפ׳ן פסוק „זאת אשר ללוים״, דערפון וואָס דאָ שטעהט „מבן חמש ועשרים שנה ומעלה״ און אין אַ צווייט אָרט שטעהט „מבן ש״שים שנה״, דרינגען די חז״ל: „מכאן לתלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו בחמש שנים ששוב אינו רואה״. און דערפון איז, אַלזאָ, צו זעהן, אַז דער העכסטער טערמין פון לערנען אַ געגענשטאנד איז פינף יאָהר...

(אור תורה)

כן יהיה תמיד הענן יְכַסֶּנוּ ומראה אש לילה... (ט. טז.)

„כן יהיה תמיד״. אַזוי ווי עס איז געווען מיט׳ן משכן אין דער מדבר, אַזוי וועט עס אויך שטענדיג זיין מיט אידען: „הענן יכסנו״, בשעת דאָס

מיט ענִיוּות — פלעגט זאָגען רבי דוד׳ל טאָלנער — דאַרף מען זיך נישט שפּיעלען, און ער האָט דערביי דערצעהלט אַ מעשה: נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער איז געקומען צו איהם אַ איד אַ נגיד און אַוועקגעלעגט גאָר אַ גרויסען פדיון.

— וואָס גיט איהר מיר אַזויפיל געלד? — פרעגט איהם רבי דוד׳ל.

— כ׳האָב מיך אַזוי געפיהרט — ענטפערט דער איד — ביי אייער פאָטער, וויל איך מיך ביי אייך אויך אַזוי פיהרען.

— וואָס גלייכט איהר מיך — מאַכט רבי דוד׳ל — צו מיין פאָטער. דער טאַטע איז געווען אַ קדוש עליון, אַ גדול בישראל, אָבער איך וואָס בין?

— אַזוי? — רופט זיך אָן דער איד פערוואונדערט — כ׳האָב געמיינט, אַז אויך איהר זענט אַזוי גרויס, אָבער אַז איהר אַליין זאָגט, אַז איהר קומט נישט צו אייער טאַטען, דאַרף איך אייך טאַקי קיין געלד נישט געבען.

און ער האָט צוריק צוגענומען דעם גאַנצען פדיון.

— און פון דעם דאָזיגען איד — האָט רבי דוד׳ל פערענדיגט מיט אַ שמייכעל — האָב איך זיך אָראָפּגעלערנט, אַז מען טאָר זיך נישט צופיעל שפּיעלען מיט ענִיוּות...

לא כן עבדי משה, בכל ביתי נאמן הוא, פה אל פה אדבר בו... (יב. ז. ח.)

„מאן דמשתעי בהדי דריש לקיש בשוקא — דערצעהלען די חז״ל — יהבין ליה עסקא בלא סהדי״ (יומא ט׳), ווייל, האָט מען געזאָגט, ווען יענער וואָלט נישט געווען קיין איש מהימן, אַנ׳ערליכער מאַן, וואָלט ריש לקיש נישט געווען עפענטליך מיט איהם גערעדט... דאָס זעלבע איז אויך דער פּסוק דאָ מדייק: „לא כן עבדי משה, בכל ביתי נאמן הוא״, אַ ראיה האָט איהר — „פה אל פה אדבר בו״, די שכינה רעדט מיט איהם...

דאָס זעלבע אויך: „בעבור ישמע העם בדברי עמך וגם בך יאמינו לעולם״ (שמות יט. ט.). בעת דאָס פאָלק וועט הערען, אַז איך רעד מיט דיר, דאַן — „וגם בך יאמינו״, וועלען זיי האָבען צו דיר צוטרוי און דיר גלויבען...

(לקוטי מהר״ם)

פה אל פה אדבר בו...

ווען איך וואָלט געהאַט — האָט דער חתם-סופר זיך אַמאָל אויסגע-דריקט — אַזאַ רבי׳ן ווי דער רבונו של עולם, וואָלט איך אויך געווען אַ משה רבינו. איי וועט איהר דאָך פרעגען: פאַרוואָס האָב איך טאַקי נישט אַזאַ רבי׳ן, ווי דער רבונו של עולם? — ווייל איך בין נישט קיין משה רבינו...

אַל נא תהי כמת אֲשר בצאתו מרחם אמו ויֹאכַל חצי בשרו... (יב. יב.)

דער דין איז אין דער גמרא, אַז אַ „יוצא מחותך", אַז אַ ולד וואָס ווערט געבוירען מיט אַ צעשעדיגטען, פעהלערהאַפטען קערפער, אַ מחותך אברים, ווערט עס לגמרי נישט גערעכענט פאַר קיין לעבעדיג נפש און „הבא אַחריו בכור לנחלה", ווייל — „דאמר קרא ראשית אונו, מי שלבו דוה עליו, יצא זה שאין לבו דוה עליו", אַזאַ מין פערקריפעלט ולד דערוועקט נישט ביי די עלטערען קיין שום געפיהלען פון צער און מיטלייד.

בשעת אהרן האָט, אַלזאָ, אַפעלירט צו משה'ן, ער זאָל מתפלל זיין אויף מרים'ן, האָט ער איהם געבעטען, אַז כאָטש מרים האָט גערעדט אויף איהם לשון-הרע און כאָטש זי איז בעדעקט מיט מצורעת און מאַכט אַזאַ אַבשטויסענדען איינדרוק, דאָך „אַל נא תהי כמת אשר בצאתו מרחם אמו ויאכל חצי בשרו", זאָל ער זיך נישט בעציהען צו איהר, ווי צו אַ פערקריפעלט נפש, אַ מחותך אברים („ויאכל חצי בשרו"), וואָס הגם עס איז אייגען בלוט און פלייש, דאָך פיהלט מען נישט דערצו קיין שום סענטימענט און קיין שום מיטלייד...

(תורה ותמימה)

שְׁלַח

רבי חיים בריסקער האט אמאל ארויסגעשיקט משולחים איבער דער מדינה צו זאמלען געלד פאר דער בריסקער ישיבה. אז עס איז געקומען צום חשבון האבען עטליכע פון זיי צוגעשטעלט אזא רעכנונג, אז פון זייער געזאמעלטען געלד איז פאר דער ישיבה קיין גראשען נישט געבליבען.

— איצט ווערט מיר פערשטענדליך — האט רבי חיים בעמערקט דערוף מיט א ביטערען שמייכעל — דער פשט פון פסוק „שלח לך אנשים ויתורו". בשעת משה האט געשיקט די מרגלים האט ער זיי נאטירליך געמוזט געבען אויף הוצאות און נאך שטעלען צו זייער דיספאזיציע א געוויסע געלד-סומע אויף שפיאנאזש-צוועקען, און דער אויבערשטער האט איהם דעריבער אנגעזאגט, אז ער זאל אויף זיי גוט אכטונג געבען און נישט פערלאזען זיך אויף זייערע חשבונות. „שלח לך אנשים ויתורו" — שיקען זאלסטו אזעלכע משולחים, וועלכע זאלען כאטש עפעס איבערלאזען און נישט אראבלאזען דאס גאנצע געלד אין קעשענע אריין...

כלם אנשים ראשי בני ישראל המה... (יג. ג.)

„אותה שעה כשרים היו" (רש"י)

האט רבי יצחק הורוויץ געזאגט דערויף א דבר חדוד:

כידוע איז צוליעב די פיערציג טעג. וואס די מרגלים האבען פערבראכט אין וועג, נגזר געווארען אויף די אידען צו בלאנדושען פיערציג יאהר אין דער מדבר, „יום לשנה יום לשנה תשאו את עוונותיכם". ווען מען זאל דאס זעלבע בערעכענען אויף שעה'ן, קומט אויס, אז פאר יעדע שעה האבען זיי געדארפט ליידען א האלבען חודש (פיערציג טעג האבען 960 שעה, פיערציג יאהר — 480 חדשים).

לויט'ן חשבון אבער זענען זיי נישט געווען קיין גאנצע פיערציג יאהר אין דער מדבר, דען פון מצרים זענען זיי ארויס פיערצעהן טאג אין ניסן און קיין ארץ-ישראל זענען זיי געקומען צעהן טאג אין ניסן, ווי עס שטעהט

אין יהושע: „והעם עלו מן הירדן בעשור לחודש", פעהלט דאָך שוין קודם-כל פיער טעג, חוץ לזה פעהלען נאָך עלף טעג, וועלכע עס וואָלט בײַ זיי סיי-ווי, אויך אָהן די זינד פון די מרגלים, געדאַרפט דויערען דער וועג אין דער מדבר, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר". צוזאַמען, אַלזאָ, האָבען אויף אַזאַ אופן געפעהלט צום חשבון פופצעהן טעג, אַ האַלבער חודש. מיט וואָס ערקלערט זיך עס?

און אָט דאָס בעוואָרענט רש"י און זאָגט: „אותה שעה כשרים היו", די דאָזיגע איינע שעה אין טאָג פון די פיערציג טעג, זענען זיי געווען כשרים, און צוליעב דער דאָזיגער שעה האָט מען זיי דעריבער שפּעטער אַראָפּגערעכענט אַ האַלבען חודש, דען אַזוי קומט דאָך אויס לויט'ן חשבון — אַ האַלבען חודש פאַר יעדע שעה...

ויקרא משה להושע בן נון יהושע... (יג. טז.)

פאַרוואָס שטעהט עפּעס דאָ „בִן" נון מיט אַ חיריק און נישט „בֶּן" מיט אַ סגול?

האָט געענטפערט דערויף רבי העשיל אַפּטער בדרך חדוד: די גמרא זאָגט (סנהדרין ק"ז), אַז די יוד, וואָס מען האָט מוסיף געווען פון הושע אויף יהושע, האָט מען גענומען פון שרה'ן, וועלכע האָט פריהער, איידער מען האָט איהר געענדערט דעם נאָמען, געהייסען שרי. האָבען דאָך אָבער געפעהלט צו דער יוד צוויי נקודות אַלס שְׁוָא, דען אינ'ם נאָמען „שרי" איז דאָך די יוד אינגאַנצען אָהן נקודות געווען, איז אָט די צוויי נקודות האָט מען אַראָפּגענומען פון דער סגול אונטער'ן וואָרט „בֶּן" און עס איז געבליבען — „בִן" מיט אַ חיריק...

ויקרא משה להושע בן נון יהושע...

„וכדי חמא משה ענותנותיה קרא משה להושע בן נון יהושע" (תרגום יונתן בן עוזיאל)

בײַ אַנ'אמת'ן עניו — האָט געזאָגט דערויף רבי מיכעלע זלאָטשעווער — דערקענט מען נישט דאָס עניוות, מען זעהט עס נישט אַרויס, און דעריבער „כדי חמא משה ענוותנותיה", אַז משה האָט דערזעהן יהושע'ס עניוות, אַז דאָס דאָזיגע עניוות איז קענטיג און וואַרפט זיך אַלעמען אין די אויגען, האָט ער אויף איהם מתפלל געווען: „יה יושיעך מעצת מרגלים"...

ומה הארץ אשר הוא יושב בה הטובה היא... (יג. יט.)

„הטובה היא — במעינות ותהומות טובים ובריאים" (רש"י)

וואס צווינגט עס רש"י'ן צו טייטשען, אז „הטובה היא" מיינט מען, אויב זי פערמאגט גוטע קוואלען וואסער, און נישט איינפאך, צי די ערד אליין איז גוט, צי זי איז גוט צו זייהען און צום וואקסען?

ווייל גלייך אינ'ם ווייטערען פסוק ווערט געזאגט: „השמנה היא אם רזה" און דאס, אייגענטליך, איז דאך די הויפט-אייגענשאפט פון דער ערד, אין דעם בעשטעהט דאך איהר גוטסקייט, טא נאכוואס איז די דאפעלטע שאלה: „הטובה היא"? און דערפון דרינגט, אלזא, רש"י, אז מיט דער ערשטער פראגע „הטובה היא" ווערט געמיינט — „הטובה היא במעינות ותהומות טובים"...

(הרב ברוך עפשטיין)

והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ... (יג. כ.)

וואס פאר א התחזקות, וואס פאר אזא שטארקייט פאדערט זיך עס אויף צו נעהמען מפרי הארץ?

נאר דער דין איז, אזוי ווערט גע'פסק'נט אין רמב"ם, [illegible] אויך אין חושן משפט סי' קצ"ב, אז אויב מען נעהמט פון א כרם א אשכול ענבים האט עס שוין דעם דין פון א חזקה.

און דאס, אלזא, איז דער פשט: „והתחזקתם", אריינקומענדיג קיין א"י זאלט איהר גלייך קונה חזקה זיין, און די חזקה איז— „ולקחתם מפרי הארץ"...

(רבי משה גאלאנטי)

— די אומות — שרייבט רבי נחמן בראצלאווער — האבען ביי [illegible] אוועקגע'גזל'ט ארץ-ישראל, און מיר מוזען דעריבער כסדר שרייען, אז עס איז אונזער לאנד און אונזער נחלה, בכדי מוסר-מודעה צו זיין פאר דער וועלט, אז דערמיט, וואס די דאזיגע אומות זיצען אזוי לאנג אין אונזער לאנד, איז נאך דאס לאנד נישט געווארען זייערס און זייער חזקה איז קיין חזקה נישט, דען דער דין איז, אז מען טרעט ארויס מיט א מחאה געגען מחזיק, מאכט מען דערמיט צונישט זיין חזקה...

(לקוטי הלכות, חזקת מטלטלים)

ויהס כלב את העם... (יג. ל.)

און פארוואס האט יהושע געשוויגען?

דען אין דער פריהערדיגער סדרה ווערט דערצעהלט, אז „אלדד ומידד מתנבאים במחנה", אז זיי האבען נביאות געזאגט: „משה מת ויהושע מכניס

את ישראל לארץ". עס איז דעריבער פאר איהם שווער געווען אויסצושרייען צוזאמען מיט כלב'ן: „עלה נעלה וירשנו אותה!" כדי מען זאל איהם נישט חושד זיין, אז ער איז דערביי פערזענליך אינטערעסירט, אז דעריבער וויל ער, אז די אידען זאלען תיכף געהן קיין ארץ-ישראל, כדי משה זאל שטארבען און ער זאל פערנעהמען זיין פלאץ...

(כלי חמדה)

ארץ אוכלת יושביה היא... (יג. לב.)

„בכל מקום שעברנו מצאנו קוברי מתים" (רש"י)

עס איז געווען א מנהג ביי די פארצייטיגע כנענים, אז בשעת עס פלעגט ביי זיי שטארבען א מת, האבען זיי איהם נישט באלד בעגראבען, נאר זיי האבען איהם געלאזט ליגען אין א קאסטען, ביז עס איז געשטארבען אנ'אדם חשוב און דעמאלס ערשט פלעגט מען צונויפנעהמען און מקבר זיין די אלע אנגעזאמעלטע מתים, כדי ער זאל אויף זיי מגין זיין און זיי מיטנעהמען אין גן-עדן אריין. און דערמיט ווערט אונז, אלזא, פערשטענדליך די טענה פון די מרגלים: „ארץ אוכלת יושביה היא", דען ווי די חז"ל זאגען (סוטה ל"ה, ווערט אויך געבראכט אין רש"י אויפ'ן פסוק „סר צלם"), איז אינ'ם דאזיגען טאג געשטארבען איוב און צוזאמען מיט איהם, אלס אדם חשוב, האט מען אויך קובר געווען אלע איבריגע מתים. די מרגלים אבער, זעהענדיג אזויפיעל מתים אין איין טאג, האבען זיי געמיינט. אז עס הערשט אין לאנד אזא גרויסע שטערבליכקייט.

(ש"ך על התורה)

„ארץ אוכלת יושביה היא" — ארץ-ישראל ליידט נישט קיין „יושבים", דארט דארף מען זיין הולכים, עולים, — דארט דארף מען שטייגען...

(א חסידי'ש ווארט פארן אסטראווצער רבי'ן)

ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם... (יג. לג.)

„שמענו אומרים זה לזה נמלים יש בכרמים" (רש"י)

א פלא! אין פסוק שטעהט דאך אויסדריקליך „כחגבים", פארוואס איז רש"י משנה און זאגט „נמלים"?

אל תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם... (יד. ט.)

אין תנ"ך געפינען מיר דעם אויסדרוק „לחם" נישט-נאר אויף מלחמה, נאר אויך אויף נצחון, ווי: „ולא לגבורים המלחמה" (קהלת ט. יא.) און דער זין איז, אלזא: „כי לחמנו (פון לשון „ד' ילחם לכם") הם", מיר וועלען

זיי בעזיגען און מנצח זיין, און אזוי איז טאקע מתרגם יונתן בן עוזיאל:
„לחמנו הם — ארי בידנא מסורין אינון".
(הכתב והקבלה)

דער חוזה פון לובלין פלעגט יעדען טאג זאגען זיך אליין מוסר, מאכען זיך די שטרענגסטע פארוואורפען, אויסרעכענען אויף זיך כל מיני חסרונות און יעדעס מאל פאר'ן אוועקזעצען זיך לערנען פלעגט ער אויסשרייען: רבונו של עולם! אפשר מיינט מען עס מיך מיט'ן „ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי?!"...

ויהי היום, האט איהם אימיצער אונטערגעטראגען, אז די מתנגדים האבען גערעדט אויף איהם לשון-הרע, און הערענדיג דאס, האט עס איהם שטארק פערדראסען. פרעגט איהם א חסיד:

— רבי, איהר אליין רעדט דאך אויס אויף זיך כל דבר אסור, טא הלמאי פערדריסט אייך, ווען דאס זעלבע טהוען מתנגדים?

ענטפערט איהם דער „חוזה":

— געוויס, דאס אלץ, וואס איך זאג אויף זיך איז אמת און וואס אנדערע זאגען אויף מיר, איז אודאי אויך אמת, אבער אויך די מרגלים האבען געזאגט אמת, און דאך זענען זיי נענש געווארען... דען עס איז געווענדעט, ווי אזוי מען זאגט דעם דאזיגען אמת, אויף וואס פאר אנ'אופן. זאגט מען עס מיט בעדויערונג, מיט צער, איז עס נישט מעהר, ווי אמת, זאגט מען עס אבער מיט הנאה, מיט שאדען-פרייד, איז עס לשון-הרע... און דערויף טאקע קלאגט זיך דוד המלך: „עוני אגיד אדאג מחטאתי" — בשעת איך אליין רעד וועגען מיינע חטאים, זאג איך עס מיט דאגה, מיט צער, אבער — „ואויבי חיים עצמו", בשעת מיינע שונאים רעדען וועגען דעם — „חיים עצמו", בעקומען זיי אריין א חיות, האבען זיי דערפון א געוואלדיגע הנאה...

סלחתי כדברך וכו' וימלא כבוד ד' את כל הארץ... (יד. כ. כא.)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט, כידוע, זיך אויס'טענה'ן ביי יעדע געלעגענהייט מיט'ן רבונו של עולם און האבען צו איהם פרעטענזיעס, באשר ער בעהאנדעלט נישט דאס פאלק ישראל, ווי עס דארף צו זיין.

— היתכן, רבי — האט איהם דערויף אמאל בעמערקט איינער פון זיינע נאהנסטע מקורבים — ווי מעג מען דאס? דאס הייסט דאך, חלילה, גערעדט לשון-הרע אויפ'ן רבונו של עולם?

האט איהם רבי לוי יצחק געענטפערט:

וועגען די מרגלים, דערצעהלט אונז די תורה, אז זיי האבען גערעדט

לשון-הרע סיי אויף ארץ-ישראל, סיי אויפ'ן רבונו של עולם, געגען וועלכען זיי האָבען זיך אויסגעדריקט — „כי חזק הוא ממנו", אָבער השי"ת האָט זיי דעם לעצטען חטא מוחל געווען: „ויאמר ד' סלחתי כדבריך", צוגעבענדיג דערצו אַ טעם, אַז דערפאַר איז ער זיי דאָס מוחל, ווייל „ואולם חי אני וימלא כבוד ד' את כל הארץ", השי"ת איז איבעראַל, מלא כל הארץ כבודו, און דער דין איז: „כל מלתא דמתאמרא באפי מרה ליה בה משום לישנא בישא" (ערכין ט"ו), איז עס נישט קיין לשון-הרע...

ועבדי כלב עֵקֶב היתה רוח אחרת עמו... (יד. כד.)

דער קאָוונער רב, רבי יצחק אלחנן, האָט, כידוע, סימפאַטיזירט מיט דער חבת-ציון בעוועגונג, אָבער קיין אַקטיווען אַנטייל האָט ער דערין ג־שט גענומען און אונטער'ן דרוק פון זיין בעקאַנטען סעקרעטאַר, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון דער „לשכה השחורה", האָט ער פערנומען אַ נייט־ראַלע פאָזיציע און — געשוויגען.

איינמאָל, בשעת די דערמאָהנטע „לשכה השחורה" האָט אָנגעהויבען אַ שטאַרקען קאַמף געגען די חובבי-ציון, אַרויסלאָזענדיג געגען זיי אַ רייה העסליכע פאַמפלעטען, האָט דאַן רבי שמואל מאָהילעווער זיך געווענדעט מיט אַ בריעף צו רבי יצחק אלחנן, וועלכען ער האָט פאָרגעוואָרפען, פאַר־וואָס ער שווייגט און לאָזט נישט הערען עפענטליך זיין מיינונג וועגען דער פראַגע. אויף וואָס רבי יצחק אלחנן האָט איהם געענטפערט, אַז ער האַלט דאָס פאַר איבריג, דען „די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז איך בין מיט אייך".

דערויף האָט איהם רבי שמואל מאָהילעווער צוריק געענטפערט:

— צוויי מענשען זענען געווען געגען די מרגלים: כלב און יהושע׳ און דאָך ווערט געזאָגט אין פסוק: „ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו״. פאַרוואָס ווערט נישט געזאָגט דאָס זעלבע וועגען יהושע'ן, אויך ער איז דאָך געווען אין דער זעלבער מיינונג, וואָס כלב? — דערפאַר, ווייל בשעת די מרגלים זענען אַרויס מיט זייער ערשטען שטורם געגען ארץ-ישראל, שטעהט בלויז: „ויהס כלב את העם", יהושע דאַגעגען האָט זיך אָפּגעהאַלטען אָן אַ זייט און געשוויגען, פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן חבר, און געגומען אַ וואָרט האָט ער ערשט שפּעטער, ווען עס איז שוין צוגעקומען דערצו, אַז „ויפול משה ואהרן על פניהם"...

והאזרח בבני ישראל ולגר הגר בתוכם — תורה אחת יהי׳ לכם... (טו. כט.)

על אחת כמה וכמה — פלעגט דערויף זאָגען רבי חיים בריסקער — אַז די פרומע אידען דאַרפען אַודאי און אַודאי האָבען איין תורה...

ויהיו בני ישראל במדבר וימצאו איש מקושש עצים וכו׳... (טו. לב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין בעל-הטורים: „סמך מקושש למגדף לומר לך שבזמן אחד היו כדאיתא בחולין פ״ק, ומפני ששבת חמורה כע״ז סמך להם פ׳ ציצית ששקולה ג״כ ככל המצוות״.

וואו ווערט דען אין מס׳ חולין דערמאָהנט, אַז מקושש ומגדף בזמן אחד היו?

נאָר, ווי עס ווייזט אויס, זענען די ווערטער „כדאיתא בחולין פ״ק״ נישט געשטעלט געוואָרען דורכ׳ן מדפיס אויפ׳ן ריכטיגען אָרט און דאַרפען דאַרף זיין אַזוי: „סמך מקושש למגדף לומר לך שבזמן אחד היו, ומפני ששבת חמורה כע״ז, כדאיתא בחולין פ״ק, סמך להם פרשת ציצית״. אַזוי איז ריכטיג, דען דער מאמר, אַז „שבת חמורה כע״ז״, געפינט זיך טאַקע אין ערשטען פרק חולין דף ה׳.

(מקור ברוך)

ונתנו על ציצית הכנף פתיל תכלת... (טו. לח.)

צווישען די ווערטער „הכנף פתיל״, זאָגען די חז״ל (ברכות ט״ו), דאַרף געמאַכט ווערען אַ הפסק, ווייל „הכנף״ ענדיגט זיך מיט אַ „פ״׳ און אויב מען וועט עס לייענען אָהן אַ הפסק וועט איין „פ״ נבלע ווערען און עס וועט בלייבען „הכנפתיל״.

דערפון איז, אַלזאָ, צו זעהען, אַז אין די צייטען פון חז״ל האָט מען גערעדט לשון קודש מיט דער הברה הספרדית, לויט וועלכעביידע פייען ווערען געלייענט ווי מיט דגושים, דען לויט דער הברה האשכנזית איז דאָך די ערשטע „פ״ אַ רפה און די צווייטע מיט אַ דגוש, יעדע פון זיי ווערט אַנדערש אַרויסגערעדט און אויף אַזאַ אופן איז דאָך דער גאַנצער הפסק נישט נויטיג...

(הרב ברוך עפשטיין)

קֹרַח

ויקח קרח וכו׳... (טז. א.)

הגם עס שטעהט נישט אין פסוק, וואס ער האט גענומען, האבען מיר אבער שוין דערויף א כלל אין דער גמרא (קידושין ב׳): „גמר קיחה קיחה משדה עפרון״, אז סתם קיחה איז — בכסף...

(ארונו של יוסף)

עס שטעהט נישט „ויקחו קרח וכו׳ ודתן ואבירם״, א לשון רבים, נאר „ויקח קרח״, א לשון יחיד. דען יעדער איינער פון זיי האט אין דער דאזיגער מחלוקת געצויגען פאר זיך, יעדער פון זיי איז געווען א בעזונדערער צד...

(רבי צבי הירש קאלישער)

און דעריבער ווערט געזאגט: „איזהו מחלוקת שאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח ועדתו״, נישט „קרח ומשה״, נאר „קרח ועדתו״. צווישען דער עדה גופא איז קיין שלום נישט געווען, מען האט זיך אויך צווישען זיך ארומגעקריגט, יעדער פון זיי האט געוואלט דעם כבוד פאר זיך, און דאס איז דער סימן, אז די מחלוקת איז נישט לשם שמים...

(יערות דבש)

„ויקח קרח — לקח מקח רע לעצמו״ (מדרש רבה)

רבי יונתן אייבעשיץ, וועלכער האט זעהר פיעל געליטען פון מחלוקת, שרייבט דערויף אין „תפארת יונתן״ פאלגענדעס:

קרח האט אודאי געהאט דאס רעכט איינצורעדען זיך, אז עס קומט איהם דאס נשיאות, דען ער איז א גרויסער חכם געווען און אויך א גרויסער עושר, אבער — „לקח מקח רע לעצמו״, ער האט איינגעפיהרט א שלעכט געשעפט און געוויזען דערמיט א שלעכטען ביישפיעל פאר אנדערע, פאר די שפעטערדיגע דורות. דערמיט האט ער גורם געווען, אז יעדער שפל ונבזה, יעדער, וואס פיהרט מחלוקת, זאל זיך איינרעדען, אז ער איז קרח, א ג׳אדם גדול, א חכם און פקח...

בן יצהר בן קהת בן לוי... (טז. א.)

דער פסוק רעכענט אויס דעם געניועם יחוס פון קרח'ן און זיינע מיטהעלפער: דעם און דעמ'ס זוהן, דעם און דעמ'ס אייניקעל, דען עפ"י רוב איז עס דאס איינציגע „פערדיענסט", צוליעב וועלכען די בעלי־מחלוקת בעקומען העזה צו פערלאנגען פאר זיך די גרעסטע קהל'שע כיבודים — זייער יחוס...

(החוזה מלובלין)

ביים פערשטארבענעם לובלינער רב, רבי יעקב קלאטשקין, איז אמאל פארגעקומען א דין־תורה צווישען א געוויסען הייגטיגען [illegible]ב'ן און זיין ווייב, וועלכע איז ארויסגעטרעטען געגען איהם מיט פערשידענע שווערע בעשולדיגונגען, צוליעב וועלכע זי האט געפאדערט פון איהם א גט. דער בעל־דין, דער רבי, האט זיך געפרובט פערטיידיגען און נישט האבענדיג, וואס צו ענטפערען אויף די עצם־טענות, האט ער אפעלירט צום רב און איהם דערמאהנט, אז ער איז א גרויסער יחסן, א בנן של קדושים, רבי יחזקאל'ס קוזמירער'ס אייניקעל...

רופט זיך אן צו איהם דער לובלינער רב:

אין פרשת קרח, אויפ'ן פסוק „בן יצהר בן קהת בן לוי", זאגט דער מדרש: „ולא הזכיר בן יעקב, שבקש רחמים על עצמו שלא יזכר שמו על מחלוקתם, שנאמר ובקהלם אל תחד כבודי". פרעגט זיך: וואס פאר א רחמים איז דאס? אדרבה! צוליעב רחמים, פון רחמנות־שטאנד־פונקט, וואלט דאך יעקב יא געדארפט דערמאהנען דא זיין נאמען, כדי די אייניקלעך זיינע זאלען אין זיין זכות ניצול ווערען און עס זאל אויף זיי מגין זיין דער זכות־אבות?

נאר, ווייזט אויס, אז טאקי דערפאר, דוקא צוליעב רחמנות, האט יעקב נישט געוואלט, אז מען זאל זיי דערמאהנען, דאס זיי האבען א גרויסען זיידען, ווארום אויב מען האנדעלט אזוי געמיין, האבענדיג אזעלכע גרויסע זיידעס, איז דאס פיעל ערגער פאר'ן בעל־דין, קומט איהם דאן א פיעל־הארבערע שטראף...

רב לכם כי כל העדה כלם קדושים... (טז. ג.)

דער ב"ח, וועלכער איז געווען, כידוע, רב אין קראקע, איז איינמאל אראבגעקומען אין א קליין שטעדטעל נעבען קראקע און, כנהוג, איז ער אריין אבגעבען א וויזיט דעם ארטיגען רב. צושמועסענדיג זיך מיט'ן רב האט דער ב"ח דערזעהען, אז יענער איז גאר א קנאפער בן־תורה, אז ער קאן רעכט קיין שאלה נישט פסק'נען, רופט ער זיך אן צו איהם:

— איך מיין, אז מיר וואלטען זיך געדארפט בייטען מיט די ערטער: איהר

וואָלט געדאַרפט ווערן קראָקאָווער רב און איך — רב אין אייער שטעדטעל.

יענער רב האָט עס אָנגענומען פאַר אַ קאָמפּלימענט און ער איז געוואָ-רען ביי זיך שטאַרק געהויבען.

— טאַקי באמת? — חדושט ער זיך.

— טאַקי באמת, מחמת ביי מיר אין קראָקע איז ב"ה „כל העדה כלם קדושים", עס זענען פאַראַן, אָהן עין-הרע, אַ סך מורי-הוראות און סתם גרויסע תלמידי חכמים, אויף וועלכע מען קאָן זיך סומך זיין מיט אַ שאלה, קאָן דעריבער דאָרט זיין רב אפילו אַזעלכער, וועלכער קאָן אַליין קיין שאלות נישט פסק'ענען. ביי אייך אָבער, אין אייער שטעדטעל, זענען קיין מורי-הוראות נישטאָ און קיין לומדים זענען נישט בנמצא, וואָלט מען דעריבער נויטיג געדאַרפט האָבען אַ רב, וועלכער זאָל זיין ביכולת צו פסקנ'ען אַ דין...

וישמע משה ויפול על פניו... (טז. ד.)

„מלמד שחשדוהו באשת-איש" (מדרש רבה פרשה י"ח)

ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש, האָבען די ווייבער ביי מעשה-קרח נישט מיטגעהאַלטען מיט די מענער, ובכלל ווערט אין פסוק קיינמאָל נישט דערמאָהנט, אַז די ווייבער זאָלען האָבען אַנטיילגענומען אין די מחלוקת'ן געגען משה'ן, און דעריבער — „חשדוהו באשת-איש", האָבען זיי איהם חושד געווען, אַז דאָס, וואָס די ווייבער זענען אויף זיין זייט, איז עס נישט אומזיסט...

(כתב סופר)

אין לשון חז"ל ווערט אויף השגת גבול אָנגעווענדעט דער אויסדרוק „אשת איש", ווי מיר געפינען: „ואת אשת רעהו לא טמא, שלא ירד לאומנות חברו" (סנהדרין פ"א), און אויך דאָ ווערט דער „שחשדוהו באשת איש" געמיינט אין דעם זין, דאָס זיי האָבען בעשולדיגט משה'ן, אַז ער האָט קרח'ן משיג-גבול געווען און שלא כדין פון איהם דאָס נשיאות און די כהונה צוגענומען...

(הפלאה)

רב לכם בני לוי... (טז. ז.)

„קרח שפקח הי' מה ראה לשמות זה, עינו הטעתו, ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו שמואל וכו'" (רש"י)

פונ'ם דרש אין דער גמרא (חגיגה ט"ו) אויפ'ן פסוק „חכם חרשים נבון לחש שר חמשים" איז משמע, אַז אַ מנהיג על הצבור דאַרף זיין נישט יונגער, ווי אַ בן חמשים, און קרח איז דאָך געוועזן יונגער, ווי חמשים,

דען ער איז דאָך געווען, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש, פון די טועני הארון (און אַ לוי, עלטער פון פופציג יאָהר, איז דאָך פסול לעבודה), טאָ ווי אַזוי האָט ער געוואָלט ווערען אַ מנהיג?

נאָר „ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו שמואל הרמתי״, ער האָט זיך אַראָבגענומען אַ היתר פון שמואל הנביא. שמואל איז געווען עלף יאָהר שופט איבער די אידען און געלעבט האָט ער אינגאַנצען צוויי און פופציג יאָהר און אויף אַזאַ אופן איז ער דאָך, אַלזאָ, געוואָרען מנהיג ווענינער ווי צו בן-חמשים...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

וישלח משה לקרא לדתן ולאבירם... (טז. יב.)

„מכאן שאין מחזיקין במחלוקת, שהיה משה מחזר אחריהם להשלימם בדברי שלום״ (רש״י)

אַיי, פאַרוואָס איז איהם נישט געלונגען מיט זיי שלום צו מאַכען?

— דערפאַר — האָט געזאָגט דערויף דער רבי ר' בונם — ווייל ער איז נישט געגאַנגען צו זיי, נאָר ער האָט זיי געשיקט רופען צו זיך...

לא חמור אחד מהם נשאתי... (טז. טו.)

בשעת רבי ברוך משה, דער שעדלעצער רב, האָט געזאָלט ווערען רב אין שעדלעץ, זענען געקומען צו איהם צוויי פרנסים, וועלכע האָבען פאַר-פיהרט מיט איהם אַ שמועס און איהם געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ צווייטער קאַנדידאַט אויפ'ן דאָזיגען כסא-רבנות, אַז יענער קאַנ-דידאַט איז זיך ביי זיי שטאַרק משתדל, אַז ער האָט זיי צוגעזאָגט צו געבען געלד, נישט מעהר, זיי זענען אָרענטליכע מענשען, זיי לאָזען זיך נישט משחד זיין...

פונ'ם דאָזיגען שמועס האָט רבי ברוך משה גלייך פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע חברה-לייט מיינען טאַקי געלד און זיי וואַרטען בלויז אויף זיין פאַר-שלאַג, רופט ער זיך אָן צו זיי:

— בשעת משה האָט געשיקט נאָך דתן ואבירם און זיי האָבען איהם געענטפערט: „העיני האנשים ההם תנקר״, איז משה געוואָרען בייז און האָט אויסגערופען: „לא חמור אחד מהם נשאתי!״ איז, אייגענטליך, וואָס פאַר אַ תשובה איז דאָס אויף זייערע ווערטער?

נאָר די מעשה איז אַזוי. דתן ואבירם האָבען געמיינט, אַז משה האָט בדעה זיי משחד צו זיין, מיט פאָסטענס צי מיט געלד, אָבער היות, ווי זיי האָבען נישט געהערט פון איהם קיין קלאָרע דבורים, האָבען זיי געענטפערט מיט אַן אָנצוהערעניש: „העיני האנשים ההם תנקר?״ צי ווילסטו אונז די-

אויגען פערבלענדען, אונטערקויפען מיט שוחד? וועלענדיג אַזוי אַרום הערען פון איהם אַ פרייז... משה האָט פערשטאַנען די כונה זייערע און ער האָט זיי דעריבער אָבגעענטפערט מיט כעס: ניין, מיינע ליעבע אידען, איך האַלט נישט ביי אַזעלכע זאַכען. „לא חמור אחד מהם נשאתי”, איך האָב נאָך אַליין אין מיין לעבען קיין שוחד נישט גענומען, וממילא האָב איך אויך נישט בדעה צו געבען...

ולא הרעותי את אחד מהם... (טז. טו.)

„שלא חייבתי את הזכאי ולא זכיתי את החייב” (מדרש)

וואָס פאַר אַ שבח און רבותא איז דאָס פאַר משה רבינו?

נאָך די משנה אין אבות זאָגט: „כשבאים לפניך לדין יהי׳ בעיניך כרשעים וכשנפטרים מלפניך יהי׳ בעיניך כזכאים” (אבות פ״א מ״ח), לויט וועלכען עס קומט-אויס, אַז פאַר׳ן פסק-דין ווערט ביי׳ם דיין אויך דער זכאי געהאַלטען פאַר אַ חייב און שפעטער — אויך דער חייב פאַר אַ זכאי. וועגען משה רבינו אָבער ווערט געזאָגט אין מדרש: „בקש קהלת להיות כמשה לדון בלי עדים, יצתה בת-קול ואמרה: כתיב יושר דברי אמת”. משה רבינו האָט, אַלזאָ, דן געווען אָהן עדים, וויסענדיג ברוח הקדש, ווער עס איז גערעכט און ווער אומגערעכט, און ער האָט דעריבער פערשפאָרט צו האַלטען פאַר׳ן פסק-דין דעם זכאי פאַר אַ חייב און נאָכ׳ן פסק-דין — דעם חייב פאַר אַ זכאי. „לא חייבתי את הזכאי ולא זכיתי את החייב”...

(חכם צבי)

ויאבדו מתוך הקהל... (טז. לג.)

„עדת קרח אין להם חלק לעולם-הבא וכו׳ דברי רבי עקיבא” (סנהדרין ק״ט)

פרעגט זיך: אין אַ וויטערער שטעלע (סנהדרין ק״י) זאָגט דאָך דער זעלבער רבי עקיבא, אַז דער גאַנצער „דור המדבר אין להם חלק לעולם הבא”, און אויך עדת-קרח האָט דאָך געהערט צום דור-המדבר, און אויב אַזוי זענען זיי דאָך דאָ קיין שום אויסנאַהם נישט געווען?

דער תירוץ איז: דער דרש, אַז „דור המדבר אין להם חלק לעולם הבא” ווערט געדרינגען פון פסוק „במדבר הזה יתמו ושם ימותו” און אין דער דאָזיגער גזירה זענען די לְוִיִם נישט געווען בכלל, און היות ווי אויך קרח איז געווען אַ לוי, איז ממילא אויך אויף איהם נישט חל געווען די גזירה פון דור-המדבר, און דעריבער איז נויטיג דער בעזונדערער דרש, אַז די בני קרח, כאָטש זיי זענען געווען לוים, דאָך — „אין להם חלק לעולם הבא”...

(דבש וחלב)

חֻקַּת

זאת חקת התורה... (יט. ב.)

„לפי שהשטן ואומות-העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני" (רש"י)

עס איז דאָך יאָ פאַראַהאַן אַ טעם אויף דער פרה-אדומה? רש"י אַליין ברענגט דאָך דעם טעם פון ר' משה הדרשן: „תבא פרה ותכפר על העגל"?

נאָר טאַקי דערפאַר — האָט דערויף געענטפערט רבי ישעי'לע פראַגער — ווייל די פרה-אַדומה איז מרמז אויפ'ן חטא העגל, ווילען דער שטן און די אומות-העולם שטענדיג קומען מיט דער שאלה: „מה טעם יש בה"? כדי מקטרג צו זיין און צו רייצען זיך מיט די אידען, כדי צו הערען פון זיי יעדעס מאָל דעם ענטפער, אַז מיר האָבען געזינדיגט און אַנ'עגל געמאַכט... „לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני". ערקלער זיי נישט קיין טעמים, ענטפער זיי נישט...

איינפאַך ענטפערט דערויף דער רבי ר' העשיל:

אויפ'ן פסוק „שם שם לו חק ומשפט" זאָגען די חז"ל, אַז „שבת ופרה במרה נצטוו" און דאַמאָלס איז עס נאָך געווען אַ חוקה, דען דאַן איז דאָך נאָך געווען קודם מעשה העגל...

ויקחו אליך פרה וכו' אשר לא עלה עליה עול... (יט. ב.)

אויפ'ן פסוק „אשר לא עלה עליה עול" דרשנ'ען די חז"ל (פרה פרק ב'): „עלה עליה זכר — פסולה".

פרעגט זיך: אויך אין שמואל געפינען מיר דעם זעלבען אויסדרוק: „ושתי פרות אשר לא עלה עליהם עול" (שמואל א. ו.) און דערביי קומט דער אויספיהר — „והשיבותם בניהם מאחריהם הביתה", פון וואָס עס איז דאָך, אַלזאָ, צו זעהן, אַז דער „אשר לא עלה עליהם עול" בעדייט נישט: „שלא עלה עליהם זכר"?...

שמעו נא המורים... (כ. יט.)

דער רמב״ן (אין פסוק ח׳) ברענגט די ערקלערונג פון רמב״ם, אַז דער חטא פון משה׳ן איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געצאָרנט אויף די אידען און אויסגעשריען צו זיי: „שמעו נא המורים״, אָבער דער רמב״ן איז נישט מסכים מיט דער דאָזיגער ערקלערונג, אויסדריקענדיג זיך: „ומוסיף הבל על הבלים״...

באמת אָבער שטיצט זיך די ערקלערונג פון רמב״ם אויף אַ בפירוש׳ן מדרש. אין מדרש רבה ויחי (פ׳ צ״ט) געפינען מיר דייטליך: „ומפני שאמרו שמעו נא המורים נידונו בשפתותיהם, לכן לא תביאו את הקהל הזה״...

(שפתי צדיקים)

דער בעש״ט האָט נישט סובל געווען די מגידים, וועלכע פלעגען אין זייערע דרשות זיך אָוועקשטעלען און אויסרעכענען כל מיני חטאים אויף אידען. איינער אַ מוכיח, וועלכען דער בעש״ט האָט וועגען דעם אויפמערק-זאַם געמאַכט, האָט זיך פערענטפערט, אַז אויך די תורה, ווי מיר געפינען אין זעהר פיעל שטעלען, האַלט אין איין מוסר׳ן די אידען פאַר זייערע זינד.

ענטפערט איהם דערויף דער בעש״ט:

— אמת טאַקי, אַז השי״ת שטראָפט אונז אָפט און צאָרנט אויף אונז און פונדעסטוועגען, אַז משה רבינו האָט זיך אויסגעדריקט: „שמעו נא המורים״, איז צוליעב׳ן דאָזיגען חטא אויף איהם נגזר געוואָרען נישט אַריינצוקומען קיין ארץ-ישראל. ער, כביכול, מעג — עס זענען זיינע קינדער. אַ בשר-ודם אָבער, מעג ער אַפילו זיין משה רבינו אַליין — טאָר נישט...

יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בני ישראל... (כ. יב.)

די מפרשים ערקלערען אויף פערשיעדענע אופנים דעם ענין, פון וואָס עס איז געשטאַנען די זינד פון משה רבינו ביי מי מריבה און איטליכער געפינט דערביי אַן אַנדערען חטא. דער אברבנאל, למשל, רעכענט אויס גאַנצע צעהן חטאים. בעמערקט דערויף דער שד״ל (שמואל דוד לוצאַטו) אין זיין ביאור אויף תורה: „כל ימי — שרייבט ער — האָב איך אויסגעמיטען נישט צו פער-טיעפען זיך אינ׳ם דאָזיגען ענין; מורא האָבענדיג, אַז איך זאָל אויך פון מיין זייט דערביי עפּיס נישט מחדש זיין, צוליעב וואָס עס וואָלט, חלילה, צוגעקומען אַ פרישער חטא אויף משה רבינו...

יען לא האמנתם בי...

„הא אם האמנתם בי לא הגיע זמנם ליפטר מן העולם" (יומא פ"ז)

מיט'ן דאזיגען מאמר ווערט פערענטפערט די קשיא פון אייניגע מפרשים, וועלכע פרעגען: די גמרא זאגט דאך, אז „כיון שעברו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב לא יחטא, שנאמר רגלי חסידיו ישמור", און אט זעהען מיר דאך, אז משה ואהרן האבען געזינדיגט, כאטש זיי האבען שוין געהאלטען ווייט איבער די רוב שנותם?

לויט'ן דערמאהנטען מאמר אבער, אז „הא אם האמנתם בי לא הגיע זמנם ליפטר מן העולם", אז משה ואהרן זענען געשטארבען פאר דער צייט, קומט דאך אויס, אז דאמאלס בעת זיי האבען געזינדיגט, איז עס נאכנישט געווען קיין רוב שנותם...

(עדות ביהוסף)

ויבכו את אהרן שלשים יום... (כ. כט.)

רבי שלמה קלוגער האט איבערגעלאזט א צואה, מען זאל איהם נישט מספיד זיין, אבער די דאמאלסדיגע גדולי־הדור, וועלכע זענען געקומען צו זיין לויה, האבען זיך נישט גערעכענט דערמיט און זיי האבען איהם יא מספיד געווען, שטיצענדיג זיך אויפ'ן „בית יעקב" סי' פ"ג, אז א גדול הדור, „אם מצוה קודם מיתתו שלא להספידו אין שומעים לו".

אינ'ם הספד, וואס עס האט דאן געהאלטען דעם נפטר'ס זוהן, רבי אברהם בנימין, האט ער געזאגט:

די חז"ל זאגען אונז, אז „סימן טוב למת שלא נספד כהלכה". הגם די הלכה איז, אז „מצוה לשמוע דברי המת", און אויב דער רצון־המת איז געווען, מען זאל איהם נישט מספיד זיין, וואלט מען דאך איהם געדארפט עפ"י דין פאלגען, און דאך איז מען עובר אויף דער הלכה און מען איז איהם יא מספיד. איז עס א סימן טוב פאר איהם; איז עס א סימן, אז דער כבוד־התורה און דער כבוד הנפטר איז ביי אלעמען אזוי גרויס, אז מען מעג אין דאזיגען פאל נוטה זיין פון דין...

(בכורי יעקב)

וישב ממנו שבי... (כא. א.)

דערויף ווערט געזאגט אין תרגום יונתן: „ושבא מנהון שביא רבא".

די מבארים געפינען אין די דאזיגע ווערטער א סתירה צו דער גמרא, וואו עס ווערט געדרשנ'ט (ווערט אויך געבראכט אין רש"י אויפ'ן פסוק): „שלא שבו רק שפחה אחת".

אבער העכסט וואהרשיינליך איז דא אריינגעפאלען א קליינער טעות

הדפוס, אַנשטאָט „שביא רבא“ דאַרף זיין „שביא ריבא“ (מיט אַ י׳ נאָך די ר׳) און עס ווערט געמיינט: „ריבא“, אַ מיידעל, שפחה אחת...

(רבי יצחק אלי׳ לאַנדוי)

ונפשנו קצה בלחם הַקְלֹקֵל... (כא. ה.)

מעגליך, אַז דאָס וואָרט „הקלקל“ איז פון לשון קלקול, ווי „וכל הגבעות התקלקלו“ (ירמי׳ ד׳), און דער טייטש איז, אַלזאָ, גאַנץ איינפאַך: „לחם הקלקל“ — פערדאָרבען ברויט.

(דמשק אליעזר)

וישלח ישראל מלאכים אל סיחון וכו׳... (כא. כא.)

אין דער בעקאַנטער מחלוקת צווישען צאַנז און סאַדיגור איז דעם צאַנזער רב געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט פיעל פון די אַנגעזעהענע מתנגדישע רבנים אין פוילען, ווי רבי בעריש מייזעלש, רבי חיים אלעזר וואַקס און אַנדערע. מען האָט זיך אויך בעמיהט צו ווירקען אויפ׳ן דאַמאָלסדיגען בריסקער רב, רבי צבי הירש אָרנשטיין, וועלכער איז געווען אַ געגנער פון סאַדיגורער דרך און דאַגעגען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון רבי חיים צאַנזער, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישען אין דער מחלוקה און ווען מען האָט איהם איינגעלאַדען קיין צאַנז אויף אסרו חג שבועות תרכ״ט (ווען עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דער בעקאַנטער שאַרפער קול-קורא געגען סאַדיגור, אונטערגעשריבען דורך זעקס און פיערציג רבנים), האָט רבי צבי הירש געענטפערט דעם צאַנזער שליח:

אין מדרש רבה פ׳ חקת (פרשה י״ט) ווערט געזאָגט: „ג׳ דברים אמר משה לפני הקב״ה וכו׳ כשא״ל עשה מלחמה עם סיחון, אפילו הוא אינו מבקש לעשות עמך וכו׳ שנאמר קומו סעו ועברו וכו׳, ומשה לא עשה כן אלא ואשלח מלאכים, א״ל הקב״ה חייך שאני מבטל דברי ומקיים דבריך“. אַלזאָ, מה-דאָך דאָרט, וואו דער בעל-דבר איז געווען אַזאַ רשע, ווי סיחון, און די מלחמה געגען איהם האָט איהם געהייסען פיהרען דער רבונו של עולם אַליין, האָט משה רבינו פונדעסטוועגען זיך נישט געאיילט און האָט געפרובט צו געהן מיט שלום, על אחת כמה וכמה בשעת עס האַנדעלט זיך אין אַ מלחמה געגען סאַדיגור...

בָּלָק

ובלק בן צפור מלך למואב בעת ההוא... (כב. ד.)

פארוואס ווערט באלד אין אנהויב פון דער פרשה, אין פסוק „וירא בלק בן צפור", נישט דערמאהנט, אז ער איז געווען א מלך?

נאר, ווי עס ווייזט אויס, איז בלק געקומען צו דער מלוכה נור דאנק דעם, וואס ער האט געהעצט דאס פאלק און געדראהט מיט דער אידען-געפאהר. „וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי", פריהער איז ער געווען א געוועהנליכער בלק, וועלכער האט צוליעב די געשעהעניי־שען מיט אמורי „פאראויסגעזעהען" און געווארענט פאר דער סכנה, וואס די אידען שטעלען מיט זיך פאר, „ויגר מואב מפני העם מאד", און דאס פאלק האט פון דער אנגעווארפענער שרעק אנגעהויבען מורא האבען און ערשט דאן — „ובלק בן צפור מלך למואב בעת ההוא", איז ער צוליעב דעם געווארען דער מלך פון מואב...

(רבי חיים טשאַרטקאָוויטש)

אם יתן לי בלק מלוא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור... (כב. יח.)

„למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים" (רש"י)

אין פלוג: פונוואנען איז די ראיה? פערקעהרט, ער האט דאך בפירוש צוגעגעבען: „לא אוכל לעבור את פי ד'", אז פאר קיין שום געלד וועט ער זיך נישט לאזען איבערקויפען?

נאר די ראיה איז דערפון, וואס בלק האט דאך לגמרי נישט דערמאהנט קיין געלד און ער האט גערעדט בלויז וועגען כבוד: „כי כבד אכבדך מאד", טא וואס האט איהם עפיס בלעם געענטפערט: „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב"? איז דערפון געדרונגען „שמחמד ממון אחרים" און ער האט איהם דער־מיט געגעבען אנצוהערעניש, אז ער פערלאנגט געלד...

(דברי חבר...)

אין די צייטען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען האָט אין רוסלאַנד גע'שמ'ט דער מיניסטער איגנאַטיעוו, אַ בעקאַנטער שונא־ישראל, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען די ביטערסטע גזירות אויף אידען.

איינמאָל האָבען די אַנטיסעמיטען אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער באַראָן גינזבורג זאַמעלט געלד אונטערצוקויפען איגנאַטיעוו'ן, און טרעפענדיג זיך מיט גינזבורג'ן טהוט איהם דער מיניסטער אַ פרעג:

— כ'האָב געהערט, הערר באַראָן, אַז איהר ווילט מיר געבען געלד. וויפיעל אַ שטייגער האָט איהר עס בדעה מיר צו געבען?

— צו געבען אייך, ה' מיניסטער — ענטפערט איהם באַראָן גינזבורג — אַזוי פיעל, וויפיעל די אידען זענען ביי מיר ווערט — דאָס פערמאָג איך נישט. דאַגעגען צו געבען אייך, וויפיעל די אידען זענען ביי אייך ווערט — דערצו בין איך גרייט יעדע רגע...

ויתיצב מלאך ד' בדרך לשטן לו... (כב. כב.)

„מלאך של רחמים היה" (רש"י)

דער חתם־סופר האָט, כידוע, געפיהרט אַ שטאַרקע מלחמה געגען די רעפאָרם־ראַבינער, וועלכע ער האָט גע'רודפ'ט אָהן רחמנות. האָט מען איהם איינמאָל געפרעגט: היתכן, ווי קומט עס צו איהם, וועלכער איז לויט זיין התנהגות אַלעמען בעקאַנט אַלס מזג טוב, אַלס בעל־רחמים, ער זאָל האַנדלען אַזוי שטרענג, מיט אַזאַ פערביסענקייט?

האָט דער חתם־סופר געענטפערט:

אויף „ויתיצב מלאך ד' בדרך לשטן לו" זאָגט רש"י: „מלאך של רחמים היה", איז דאָך אין פלוג קשה: פאַרוואָס האָט מען עפעס געשיקט אַ מלאך של רחמים, נישט קיין מלאך של דין, ווי קומט אַ מלאך של רחמים צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ שטן? איז דערפון אַ בעוויז, אַז אויף צו קעמפען געגען בלעמ'ן מוז מען דוקא האָבען אַ בעל־רחמים, וואָס פון גרויס רחמנות צו אידען און בכדי צו ראַטעווען זיי פון די געפעהרליכע בלעמ'ס, זאָל ער זיך נישט אָבשטעלען פאַר קיין זאַך...

ויאמר בלעם לאתון כי התעללת בי... (כב. כט.)

און דערויף פערטייטשט דער תרגום: „ארי חַיְכְתְּ בִי", דו האָסט גע־לאַכט פון מיר.

איז וואו ווערט דען, אייגענטליך, דערמאָהנט אין פסוק, אַז דאָס אייזעל זאָל האָבען געלאַכט פון בלעמ'ן?

— דערפון — האָט געזאָגט דערויף רבי גרשון העניך — וואָס נאָכדעם, ווי עס איז געווען „ותלחץ את רגל בלעם אל הקיר", נאָכדעם, ווי עס האָט צוגעקוועטשט בלעמ'ס פוס צו דער וואַנד, אַז ער איז אַזש געוואָרען הינ־קענדיג אויפ'ן גאַנצען לעבען, ווי די חז"ל זאָגען: „בלעם חיגר ברגלו אחת היה", האָט זיך דאָס אייזעל אַוועקגעשטעלט און געפרעגט מיט אַ תמ'עוואַטע מינע: „מה עשיתי לך", וואָס האָב איך דיר דען געטהון? איז דאָך נישט אַנדערש, נאָר עס האָט פון איהם געלאַכט און חוזק געמאַכט...

הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב... (כג. ט.)

דעריבער זענען מיר אַנ׳ „עם לבדד ישכון", דעריבער, טראָץ אַלע צרות און רדיפות דערהאַלטען מיר זיך און עקזיסטירען, ווייל — „ובגוים לא יתחשב", ווייל מיר האָבען ביי די גוים קיין חשיבות נישט, ווייל זיי בעטראַכטען אונז אַלס „מינדערווערטיג" און זייערע טהירען זענען פאַר אונז געשלאָסען... דאָס איז אונזער גליק, וואָרום ווען נישט דאָס, ווער ווייסט, צי מען וואָלט שוין היינט נישט געדאַרפט זוכען אַ אידען מיט ליכט...

(נועם מקדש)

ויקר ה׳ אל בלעם וישם דבר בפיו... (כג. טז.)

„נתן לו הקב"ה רסן וחכה בפיו" (רש"י)

אויך אין די ברכות האָט מען איהם געמוזט צוימען, דען די גמרא זאָגט, אַז „כולן חזרו לקללה" (סנהדרין ק"ה), אַז אין אַ שפּעטערדיגע צייט זענען אַלע ברכות פון בלעמ'ן פערוואַנדעלט געוואָרען אין קללות, האָט מען איהם דעריבער געמוזט איינהאַלטען, ער זאָל נישט צופיעל בענשען...

(מגדל דוד)

לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל וכו׳... (כג. כא.)

דער, וואָס זעהט נישט קיין „און ביעקב" און קיין „עמל בישראל" ער זוכט נישט אויף אידען קיין חטאים און ער איז זיי שטענדיג דן לכף זכות, נאָר אַזאַ צדיק איז — „ה׳ אלקיו עמו ותרועת מלך בו"...

(רבי חיים צאַנזער)

כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל... (כג. כג.)

עס וועט זיך קיינער און קיינמאָל מיט די אידען קיין עצה נישט געבען. נישטאָ אַזאַ מיטעל, מיט וועלכען די שונאים זאָלען אימשטאַנד זיין

זיי אומצוברענגען. קיין שום תחבולות ועלען נעגען זיי נישט העלפען און קיין שום כישוף...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

וישא משלו ויאמר וכו'... (כד. ג.)

אויפ'ן דאָזיגען פסוק ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „ילמדנו רבינו מי שאכל ולא נטל ידיו מה יהא חייב וכו'".

און אַלע מפרשים וואונדערען זיך: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער דרש צו דעם פסוק?

נאָר העכסט וואַהרשיינליך בעציהט זיך דער דרש אויפ'ן ווייטערען פסוק „יזל מים מדליו", ווענען וועלכען די חז"ל זאָגען (חולין ק"ט), אַז דאָס געהט אַרויף אויף נטילת ידים. אַזוי איז אָפט דער דרך המדרש אין פיעל ערטער, אָנצוהויבען דעם דרש מיט אַ פריהערדיגען פסוק, הגם באמת בעציהט זיך עס אויף אַ פסוק, אָדער עטליכע פסוקים שפּעטער.

(רבי מענדיל קרענגיל)

מה טובו אוהליך יעקב... (כד. ה.)

„כולם חזרו לקללה חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות" (סנהדרין ק"ח)

בשעת רבי שמעון סופר איז אָנגעקומען אַלס רב קיין קראָקע, האָט ער דאָרט געטראָפען נישט וועניגער, ווי הונדערט מנינים, שוהלען און שטיב-לעך. אַ שוהלכל פון שניידער, אַ שוהלכל פון שוסטער וכו', טאַקי ממש „כל בי עשרה שכינתא שריא", וואו צעהן אידען — דאָרט אַ שוהלכל מיט אַ מנין... האָט ער געזאָגט אין זיין ערשטע שבת'דיגע דרשה:

— איצט, רבותי — מאַכט ער — איז מיר פערענטפערט בלעמ'ס ברכה: „מה טובו אהליך יעקב". בלעם, ווי איהר פערשטעהט אַליין, האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו בענשען די אידען, ער האָט עס געטהון בעל-כרחו, אָבער בשעת מען האָט איהם געוויזען, אַז עס זענען פאַרהאַן ביי אידען אַזוי פיעל אוהלים, אַזוי פיעל „בתי-כנסיות ובתי-מדרשות", האָט ער אַליין, מיט'ן אייגענעם גוטען ווילען, אויסגעשריען אַ צופרידענער: „מה טובו אוהליך יעקב!" ווי גוט איז, וואָס יעקב האָט אַזויפיעל געצעלטען! ער האָט פער-שטאַנען, אַז דאָס איז מעהר קללה, ווי ברכה. אדרבה, זאָלען זיך אידען וואָס מעהר אָבטיילען איינער פון אַנדערען, זאָל זיך יעדע גרופע מאַכען אַ בעזונדער שוהלכעל, אַ בעזונדער מנין. דאָס איז אַ גרויסע מעלה, עס זאָל זיך פערברייטערען צווישען זיי דער פירוד... און די דאָזיגע „ברכה" פון בלעמ'ן — זאָגען די חז"ל — איז טאַקי געבליבען ביי אונז עד היום הזה, ווי מיר זעהן עס ביי אייך אין קראָקא...

און, ווי עס ווייזט אויס, איז דאס שוין אַנ'אַלטע אידישע טבע, ווי די חז"ל דערצעהלען אונז וועגען בית הכנסת אין אלכסנדריא של מצרים (סוכה נ"א), אַז „לא היו יושבים מעורבים אלא זהבין בפני עצמן וכספין בפני עצמן ונפחין בפני עצמן וטרסיים בפ"ע וגרדיים וכו'. יעדע גרופע בעלי-מלאכות האָט זיך אַנגעקליבען אַ בעזונדער ווינקעל אין שוהל, אַזוי ווי היינט: אַ מנין חייטים בעזונדער, אַ מנין שוסטער בעזונדער א. אַז. וו.

(כלילת יופי)

אין אָסטראָהא איז אַמאָל געקומען אַ מגיד, וועלכער האָט געהאַלטען אין שוהל אַ דרשה און נאָכהער האָט ער, ווי דער שטייגער איז, געפאָדערט געלד, און אַז מען האָט איהם נישט געגעבען, האָט ער אָנגעהויבען שעלטען די בעלי-בתים מיט קללות נמרצות. אַז דער אָסטראָהער רב, רבי אליקים געצי'ל, האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט נאָכ'ן מגיד און איהם שאַרף אויסגע'מוסר'ט, זאָגענדיג צו איהם: איהר זענט דאָך ערגער, ר' איד, ווי בלעם. בלעם, בעת בלק האָט איהם געדונגען צו שעלטען די אידען, האָט ער פאַר די קללות זיך געהייסען געבען געלד, „מלא ביתו כסף וזהב", די ברכות דאַגעגען האָט ער געטיילט אומזיסט, און ביי אייך איז פערקעהרט: פאַר'ן דרשנ'ען, פאַר די ברכות, הייסט איהר זיך בעצאָהלען, און קללות טיילט איהר בחנם...

(מזכרת לגדולי אוסטרה)

ויחל העם לזנות אל בנות מואב... (כה. א.)

די אַמאָליגע געצענדיענסטען זענען געווען, ווי בעקאַנט, פערבינדען מיט סעקסועלע אָרגיעס, און דאָס ווערט אויך דייטליך דאָ אָנגעוויזען אין פסוק: „ויחל העם לזנות אל בנות מואב — ותקראן לעם לזבחי אלהיהן"...

(יצחק בער לעווינזאָהן)

פִּינְחָס

פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן... (כה. יא.)

„לפי שהיו השבטים מבזים אותו, הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לע"ז וכו'" (רש"י)

אזוי איז שוין פון תמיד אָן דער שטייגער פון די בעלי-רכילות. בשעת זיי האָבען אויף דעם מענש אליין גאָרנישט וואָס צו זאָגען און קיין שום פערזענליכע חטאים און חסרונות נישט פאָרצוואַרפען, נעהמט מען זיך גריבלען אין יחוס, אין דער משפחה, כאַפּט מען זיך אָן אין זיידען — „שפיטם אבי אמו עגלים לע"ז"...

(נופת צופים)

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום... (כה. יב.)

פינחס איז מיט זיין האַנדלונג געווען א „מורה הלכה בפני רבו". פאַר דעם חטא פון „מורה הלכה בפני רבו" ווערען אָנגעוויזען אין די חז"ל דריי-ערליי עונשין: א) „מורידין אותו מגדולתו", ב) „אזיל לשאול בלא ולד", ג) ראוי להכישו נחש" (עירובין ס"ג).

השי"ת האָט איהם דעריבער מבטיח געווען, אַז אינ'ם איצטיגען פאַל, „תחת אשר קנא לאלקיו", ווייל ער האָט מקדש את השם געווען, וועט איהם חלילה קיין שום בייז נישט געשעהן. געגען עונש פון „מורידין אותו מגדולתו" איז איהם צוגעזאָגט געוואָרען די אייביגע כהונה: „ברית כהנת עולם". געגען „אזיל לשאול בלא ולד" — די הבטחה: „לו ולזרעו אחריו", און געגען „ראוי להכישו נחש" — די פערזיכערונג: „הנני נותן לו את בריתי שלום", וואָס עס בעציהט זיך אויך אויף דער זיכערקייט געגען חיות רעות, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ונתתי שלום בארץ וכו' והשבתי חיה רעה"...

(פרח לבנון)

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום...

ווייל ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס אזא גרויסער קנאי, איז דעריבער נויטיג, ער זאל אויך פערמאגען אין זיך די צווייטע עקסטרעמע מדה — די מדה פון שלום, אלס געגענזאץ צו קנאות, וועלכע דארף אנגעווענדעט ווערען נור אין אויסנאהם-פאלען...

(כתב סופר)

„הנני נותן לו את בריתי שלום — בדין הוא שיטול שכרו" (מדרש)

ביי אלע אנדערע מצוות, אויף וועלכע מען איז א „מְצֻוֶּה ועושה", איז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", דען „היום לעשותם ולא היום לקבל שכרם", פינחס אבער האט געטהון א מצוה, כאטש ער איז אויף איהר כלל נישט מצווה געווען, דען עס איז געווען „הלכה ואין מורין כן" און דעריבער איז — „בדין הוא שיטול שכרו"...

(רבי הירש האלבערשטאדט)

בנוגע אלע אנדערע מענשען איז טאקי „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", דען „שכירות אינה משתלמת אלא לבסוף", וועגען פינחס'ן אבער ווערט דאך געזאגט: „פינחס זה אליהו", און דעריבער „בדין הוא שיטול שכרו", דען ביי איהם איז דאך נישט שייך צו זאגען: „לבסוף", אליהו איז דאך נישט דורכגעגאנגען דעם געוועהנליכען מענשליכען סוף — „ויעל אליהו בסערה השמים"...

(רבי ר' העשיל)

כי צוררים הם לכם בנכליהם אשר נכלו לכם על דבר פעור... (כה. יח.)

די געדאנקען זייערע זענען פיינדליך צו אייך אפילו דאן, ווען איהר זענט זיך צו זיי מתקרב און בוקט זיך צום פעור. זיי וועלען אייך שטענדיג בלייבען דיזעלבע שונאים, סיי ווען איהר דיענט דעם אידישען גאט, סיי, להבדיל — זייערן...

(תכלת מרדכי)

און דאס איז דער פשט: „והיה ביום ההוא לא יוסיף עוד שאר ישראל ופליטת בית יעקב להשען על מכהו ונשען על ד' קדוש ישראל באמת" (ישעי' י. כ.). עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דאס מיטעל, מיט וועלכען א טייל אידען, „שאר ישראל", איז זיך געוואוינט צו בענוצען — „להשען על מכהו", אנצושפארען און צו חבר'ן זיך מיט'ן שלעגער, מיינענדיג אזוי ארום ביי איהם נושא חן צו זיין און אויסצומיידען די קלעפ, אז אויך דאס דאזיגע מיטעל העלפט נישט...

(דרשות חר"ם)

לישוב משפחת הישובי... (כו. כד.)

„הוא יוב האמור ביורדי מצרים" (רש"י)

עס איז אַ מנהג, אַז אויב איינער הייסט יששכר ווערט ער ביים עולה זיין לתורה אויפגערופען: ישכר.

אין ספר „בני יששכר" ווערט שטאַרק ארויסגעטרעטען געגען דעם. דער מחבר ערקלערט, אַז דער דאָזיגער מנהג האָט קיין שום מקור און יסוד נישט און ער פערענדיגט דערביי מיט אַ שאַרפען מליצה'דיגען אויסדרוק „ישכר (יסכר) פי דוברי שקר"...

ווייזט מען אָבער אָן, אַז דער דאָזיגער מנהג האָט יאָ אַ מקור און שטיצט זיך אויף אַ מדרש אויפ'ן דערמאָהנטען פסוק.

ישוב בן יששכר, זאָגט דער מדרש (ווערט געבראַכט אין ספר „דבק טוב"), האָט לעולם געהייסען יוב, ווי עס ווערט געזאָגט אין פ' ויגש: „ובני יששכר תולע ופֻוה ויוב ושומרון", נאָר היות ווי אין מצרים איז געווען אַנ'אָבגאָט מיט'ן נאָמען „יוב", האָט דעריבער דער פאָטער, יששכר, איהם צוגעזעצט אַ ש' פון זיין נאָמען און איהם גערופען „ישוב", וממילא איז שוין אויך פון „יששכר" געבליבען — „ישכר"...

(דבש וחלב)

לאלה תחלק הארץ... (כו. נג.)

דער רבונו של עולם האָט געהייסען די אידען, זיי זאָלען פריהער צוטיילען צווישען זיך דאָס לאַנד, איידער זיי קומען קיין ארץ-ישראל, דען ביי דער פערטיילונג קומען-פאָר געוועהנליך פערשידענע סכסוכים און אַרום-רייסענישען. זאָלען זיי דעריבער די אַלע מחלוקת'ן ערלעדיגען צווישען זיך דאָ, אין חוץ-לארץ, און קיין ארץ-ישראל זאָלען זיי קומען בשלום ואחדות...

(רבי שמעון שעפעטאָווקער)

נתן תתן להם אחוזת נחלה... (כז. ז.)

אין ב"ב קט"ו זאָגט תוספות: „ונראה לר"ת דענה אשה היתה וכו' והאָ דכתיב הוא ענה בלשון זכר היינו משום שירשה עם אחיה צבעון כזכר".

וואונדערט מען זיך: פונוואַנען נעהמט עס תוספות די דאָזיגע ראיה, אַז דאָס וואָס ענה ווערט אָנגערופען בלשון זכר איז עס נור צוליעב דעם, ווייל זי האָט גענומען ירושה כזכר?

ווייזט אָן דער רבי ר' העשיל, אַז תוספות האָט עס גענומען פון דאָזי-גען פסוק דאָ. עס שטעהט: „נתן תתן להם אחוזת נחלה". פאַרוואָס שטעהט דאָ „להם", אַ לשון זכר, און נישט „להן"? איז דערפון אַלזאָ אַ בעווייז,

אַז דערפאַר, ווייל די בנות צלפחד האָבען געירשנ'ט כבנים, רופט זיי דער פסוק בלשון זכר...

יפקוד ד' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה...

„מנה עליהם מנהיג שיהא סובל כל אחד ואחד לפי דעתו" (רש"י)

דער רבי פון גאָסטינין האָט אַמאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבי'ן: צוליעב וואָס האָט משה רבינו מתפלל געווען די דאָזיגע תפילה? צי דען האָט איהם חלילה גאָר געקענט איינפאַלען, אַז השי"ת וועט לאָזען זיין פאָלק ישראל אָהן אַ מנהיג? האָט איהם דער קאָצקער דערויף געענטפערט: זעהענדיג דאָס גרויסע חשיבות פון פינחס'ן ביים אויבערשטען, האָט משה רבינו געבעטען, אַז נישט ער זאָל בעשטימט ווערען אויף זיין אָרט, דען עס טויג נישט פאַר אידען צו האָבען אַזאַ שטרענגען קנאי אַלס מנהיג, און ער האָט דעריבער מתפלל געווען: „יפקוד ד' אלקי הרוחות לכל בשר — מנה עליהם מנהיג שיהא סובל כל אחד ואחד לפי דעתו", אַ מנהיג אַ סבלן...

בעת רבי יעקב דוד, דער סלוצקער רב, איז נסתלק געוואָרען, זענען פאַר דער פטירה צוגעגאַנגען צו איהם דאָס ווייב מיט די קינדער און איהם געבעטען, ער זאָל נישט פערגעסען אין זייער מצב און פועל'ן ביי קהל, זיי זאָלען זיך מתחייב זיין אויסצוהאַלטען זיי מיט פרנסה. האָט זיי רבי יעקב דוד דערויף געענטפערט:

בעת משה רבינו איז נפטר געוואָרען, האָט ער געבעטען דעם אויבערשטען: „יפקוד ד' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה". זיין עיקר דאגה איז דאַמאָלס געווען צו פערזאָרגען די עדה, נישט אַז די עדה זאָל איהם, זיין ווייב און קינדער פערזאָרגען...

ונתת מהודך עליו... (כז. כ)

„מהודך עליו ולא כל הודך, זקנים שבאותו הדור אמרו: פני משה כפני חמה, פני יהושע כפני לבנה, אוי לה לאותה בושה, אוי לה לאותה כלימה" (בבא בתרא ע"ה)

פאַרוואָס עפיס האָבען עס געזאָגט דוקא די זקנים?

ווייל מען וואָלט דאָך געקאָנט דערויף ענטפערען, אַז דאָס וואָס יהושע איז קלענער אין דער מדרגה פון משה'ן, איז דערפאַר, ווייל ער איז פיעל יונגער פון איהם, און אַז משה אין זיינע יאָהרען האָט אפשר אויך אַזוי אויסגעזעהן, און דעריבער ווערט צוגעגעבען, אַז „זקנים שבאותו דור אמרו",

אַז דאָס האָבען געזאָגט די זקנים, וועלכע האָבען געקענט משה'ן פון דער יוגענד און זיי האָבען געדענקט, אַז שוין דאַן איז געווען „פני משה כפני חמה"...

(ווילנער גאון)

די ווערטער „אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה" — פלעגט זאָגען רבי שניאור פון לאַדי — האָבען נישט געזאָגט די זקנים, נאָר דאָס איז דער אויספיהר פון דער גמרא. „אוי לאותה בושה", וועה, וועה, וואָס די זקנים פון יעדען דור האָבען אַ טבע צו זאָגען, אַז די פריהערדיגע מנהיגים זענען בעסער און גרעסער געווען, ווערענד באמת איז „יפתח בדורו כשמואל בדורו"...

את הכבש אחד תעשה בבקר... (כח. ד.)

אין ספר „חצי מנשה" (דאָס דאָזיגע ספר איז אַ יקר המציאות און איז איבערגעדרוקט געוואָרען פון אַ כתב־יד אין דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק) געפינען מיר פאָלגענדע אינטערעסאַנטע שטעלע: „ומה שנהגו העולם, שכל ימי השבוע מתעוררים בבקר לבית־הכנסת להתפלל או ללמוד ובשבת ישנים יותר בשחרית, זה טעמו של דבר, שבכל ימי השבוע נאמר בתמיד של שחר „בבקר" ובתמיד של שחר בשבת לא נאמר „בבקר", אלא „ביום השבת", ולשון זה משמע איחור, כדמשמע ביומא. וטעם זה שמע ר"י ב"ר יהודה בעיר רומא מפי רב האי גאון"...

ושעיר עזים אחד לחטאת לד'... (כח. טו.)

דעריבער שטעהט נאָר ביי'ם שעיר חטאת פון ראש־חודש דאָס וואָרט „לד'" און נישט ביי די שעירי חטאת פון אַלע אַנדערע רגלים, ווייל די תורה האָט חושש געווען, אַז זיי זאָלען זיך נישט טועה זיין און מיינען, אַז דעם שעיר ראש־חודש איז מען מקריב אַלס קרבן צו דער לבנה, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די מצריים, וועלכע האָבען אין די ראשי־חדשים געבראַכט קרבנות צו דער לבנה, און דעריבער איז דערביי נויטיג געווען צו בעטאָנען, אַז דאָס איז — „לחטאת לד'"...

(מורה נבוכים ח"ג)

מַטּוֹת

החלצו מאתכם אנשים לצבא... (לא. ג.)

דעריבער איז משה רבינו זעלבסט נישט מיטגעגאנגען דאס מאל מיט'ן פאלק אין דער מלחמה געגען מדין, ווייל ער האט א געוויסע צייט געלעבט אינ'ם דאזיגען לאנד און — „בור דשתית ממנו מים אל תזרוק בו אבן"...

(מדרש רבה)

וימסרו מאלפי ישראל... (לא. ה.)

דער ב"ח האט אלס רב נישט געהאט קיין מנוחה פון די בעלי־בתים אין זיין קהלה, וועלכע האבען געפיהרט געגען איהם שטענדיגע מחלוקת'ן. פאר דער פטירה האבען זיך פערזאמעלט ארום זיין בעט אלע נכבדי העיר, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפונען די בעלי־המחלוקת. בעת דער ב"ח האט אויפגעהויבען די אויגען און זיי דערזעהען, האט ער א זיפץ גע־טהון און געזאגט: איצט זענט איהר געקומען

די בעלי־בתים האבען שוויגענדיג אראבגעלאזען די קעפ און דאן האט זיך איינער פון זיי פונאנדערגעוויינט און געזאגט:

— רבי! אויפ'ן פסוק „וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה" זאגט רש"י: „להודיעך שבחן של רועי ישראל כמה הם חביבים על ישראל, עד שלא שמעו במיתתו מה הוא אומר? עוד מעט וסקלוני, ומששמעו שמיתת משה תלוי' בנקמת מדין לא רצו ללכת עד שנמסרו על כרחן". איז באמת ווערט דאך גאר דא דערצעהלט דער שבח פון די אידען און געדארפט האט דאך אלזא שטעהן: „להודיעך שבחן של ישראל", נישט „של רועי ישראל"!

נאר א רועה ישראל, אויב מען האט איהם ליעב ביים לעבען, איז עס נישט קיין גרויסער שבח פאר איהם. פערקעהרט, דאס איז טיילמאל א בעוויז, אז ער האט נישט געפיהרט, נאר געחנפ'עט דאס פאלק און טאלע־רירט זיינע מיאוסע מעשים, ווי עס זאגען אונז די חז"ל: „האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא, לא משום דמעלי טפי, אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא" (כתובות ק"ה), און דעריבער ווען מען זעהט, ווי דאס

זעלבע פאָלק, ווענען וועלכען דער מנהיג האָט זיך צייטענווייז געקלאָגט: „עוד מעט ויסקלוני", איז בשעת מיתתו גרייט ממש זיך פאַר איהם מוסר־נפש צו זיין, איז עס — „להודיעך שבחן של רועי ישראל", בעוויזט עס, אַז דאָס איז געווען דער אמת'ער רועה־ישראל, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ווייסט און אָנערקענט עס, און אַז דאָס, וואָס זיי האָבען פריהער נישט געלעבט מיט איהם בשלום, איז דערפאַר, ווייל ער האָט קיינעם פון זיי נישט נושא־פנים געווען און ער איז געווען אַ „מוכח להו במילי דשמיא"...

ויקצוף משה על פקודי החיל... (לא. יד.)

בשעת מלחמה איז אפילו אַזאַ נוח לבריות און אַזאַ עניו, ווי משה רבינו, געוואָרען שטרענג און געבייזערט זיך... בשעת מלחמה קאָן מען נישט זיין סענטימענטאַל.

(דורש טוב)

כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש וטהר... (לא. כג.)

און דערויף פרעגען די מפרשים: פאַרוואָס איז דער דאָזיגער דין געזאָגט געוואָרען ערשט ביי מלחמת מדין און נישט פריהער ביי מלחמת סיחון ועוג? און עס ווערען געגעבען פערשידענע תירוצים. דער רמב"ן, למשל, ענטפערט, אַז ביי מלחמת סיחון ועוג איז דער דאָזיגער דין נישט שייך געווען, ווייל סיחון ועוג האָבען געהערט צו די שבע אומות, ביי וועלכע מען האָט עראָבערט ארץ־ישראל און ביי די שבע אומות האָט מען די אידען מתיר געמאַכט יעדען מין שלל, „אפילו קדלי דחזירא".

אָבער אַ באמת שאַרפזיניגען ענטפער גיט דערויף דער „ברוך טעם" און געמליך: אין דער גמרא ווערט געזאָגט, אַז „לא אסרה תורה אלא קדירה בת יומא דלאו נותן טעם לפגם הוא" (עבודה זרה ע"ה), אַז דער איסור איז נאָר געווען אויף די כלים, אין וועלכע מען האָט געקאָכט אינ'ם זעלבען טאָג, און אויב אַזוי נאָכוואָס האָט מען אייגענטליך נעדאַרפט האָבען די גאַנצע הגעלה און טבילה, מען האָט דאָך אַ ברירה געהאַט איבערצוּוואַרטען איין טאָג וממילא וואָלט מען שוין דאַן אַזוי אויך געמעגט נוצען די כלים? נאָר דער תירוץ איז, דאָס איז געווען נויטיג צוליעב די געפאַנגענע מדינים, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון דער מלחמה און וועלכע האָבען דאָך ווייטער זיך בענוצט מיט די דאָזיגע כלים, און אויב מען וואָלט זיי די כלים נישט געכשר'ט, וואָלטען זיי כסדר געהאַט דעם דין פון „קדירות בנות יומן".

ביי מלחמת סיחון ועוג אָבער האָט מען דאָך אינגאַנצען נישט גענומען קיין געפאַנגענע, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ויכו אותו ואת בניו ואת כל עמו עד בלתי השאיר לו שריד", און ממילא איז שוין דאָרט נישט נויטיג

געוועהן דער אָנזאָג פון „כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש“, דען דער איסור איז דאָך נאָר אויף „קדירה בת יומא“ און אויף צומאָרגענס האָט מען שוין סייווי געמעגט די כלים נוצען...

וממחצית בני ישראל תקח וכו׳ מכל הבהמה... (לא. ל.)

פאַרוואָס, דאַגעגען, אין פריהערדיגען פסוק: „והרמות מכס לד׳“, ווערט אויסגעפיהרט: מן האדם ומן הבקר ומן החמורים ומן הצאן“, אָהן די ווערטער „מכל הבהמה“ ?

ווייל יענער מכס, וועלכער איז גענומען געוואָרען פון די אנשי המלחמה, האָט געהאַט דעם דין פון תרומה, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ממחציתם תקחו ונתתה לאלעזר הכהן תרומת ד׳“, און ביי תרומה איז דער דין, אַז „אין תורמין ממין על שאינו מינו“, די תרומה פון בקר דאַרף גע-נומען ווערען — מן הבקר, די תרומה פון צאן — מן הצאן א. א. וו. דא-געגען דאָ, דער מכס, וואָס איז גענומען געוואָרען „ממחצית בני ישראל“, האָט נישט געהאַט דעם דין פון תרומה, און דערפאַר ווערט נאָך די ווערטער „מן הבקר מן החמורים ומן הצאן“, צוגעגעבען: „מכל הבהמה“, אַז דאָ מעג מען אויך מפריש זיין ממין על שאינו מינו, מן הבקר על הצאן און מן הצאן על הבקר...

(עבודת הגרשוני)

אצעדה וצמיד טבעת עגיל וכומז... (לא. נ.)

„אצעדה — אלו צמידים של רגל“ (רש״י)

און אַזוי זאָגט אויך רש״י אין ישעי׳ ג׳ (פסוק כ׳) דאַגעגען אין שבת ס״ב אויף די ווערטער פון דער גמרא „בירית זו אצעדה“, ברענגט דאָרט רש״י דעם פסוק פון דאַנען און זאָגט דערויף: „אצעדה — של זרוע“...

והייתם נקיים מד׳ ומישראל... (לב. כב.)

ווען מען איז ריין פאַר גאָט און אין אָרדנונג מיט׳ן אייגענעם גע-וויסען, ווערט מען סוף כל סוף אויך ריין פאַר מענשען, וואָס הגם אין תחילת זענען זיי אויף איהם מאַנכעס מאָל מתרעם, וועלען זיי זיך אָבער סוף כל סוף איבערצייגען אין זיין גערעכטיגקייט און אין זיין עהרליכער, אויפריכטיגער האַנדלונג... דאַגעגען אָבער ווען מען בעמיהט זיך בלויז צו זיין ריין פאַר מענשען, ווערט מען נאָך דערמיט נישט ריין פאַר גאָט, און דאָס ברענגט בלויז צו צביעות...

(בינה לעתים)

והייתם נקיים מד׳ ומישראל... (לב. כב.)

„בתורה ובנביאים ובכתובים מצינו שצריך אדם לצאת ידי הבריות כדרך שצריך לצאת ידי המקום, בתורה—דכתיב „והייתם נקיים מד׳ ומישראל״, בנביאים—דכתיב „אל אלקים ד׳ הוא יודע וישראל הוא ידע״ (יהושע כ״ב), ובכתובים—דכתיב „ומצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם״ (משלי ג׳) וכו׳, איזהו המחוור שבכולם? א״ל „והייתם נקיים מד׳ ומישראל״ (ירושלמי שקלים פ״ג ב׳)

וואס איז די כוונה פון דער פראגע: „איזהו המחוור שבכולם״ און וואס ווערט געמיינט מיט דעם ענטפער?

נאר אין די אלע דריי פסוקים, וואס די חז״ל רעכענען דא אויס, רעדט זיך וועגן פערשיעדענע ענינים. אינ׳ם „והייתם נקיים מד׳ ומישראל״ האנדעלט זיך וועגן דברים שבין אדם לחברו, וועגן תנאי בני גד ובני ראובן, וועלכע האבען זיך פערפליכטעט צו קומען זייערע ברידער צו הילף. דער צווייטער פסוק, אין נביאים, בעציהט זיך אויף דברים שבין אדם למקום, אויפ׳ן חשד, וואס איז דאן געפאלען אויף די שבטים פון עבר-הירדן, אז זיי האבען אויפגעשטעלט א מזבח פאר דער עבודה זרה. אין דריטען פסוק, אין כתובים, געהט עס ארויף אויף למוד-התורה און עס האט א שייכות צו די פריהערדיגע פסוקים: „בני תורתי אל תשכח״ וכו׳. די פראגע איז אלזא געווען: „איזהו המחוור שבכולם״, פון די אלע דריי ענינים, וואס ווערען דא אויסגערעכענט, וועלכער איז דער וויכטיגסטער, אין וועלכען מען דארף אממעהרסטען זיין נזהר? און דערויף קומט דער ענטפער: „והייתם נקיים מד׳ ומישראל״, אז אמשטארקסטען דארף דער מענש זיין נזהר אין די דברים שבין אדם לחברו...

(צבי אליעזר פלעקעלעס)

בנו לכם ערים לטפכם וכו׳ והיוצא מפיכם תעשו... (לב. כד.)

משה רבינו האט זיי דערמיט געווארענט — ווי רש״י ערקלערט פריהער אין פסוק ט״ז — אז זיי זאלען נישט זיין קיין „חסים על ממונם יותר מבניהם ובנותיהם״, אז דאס געלד, דאס פערמעגען, זאל נישט זיין ביי זיי טייערער, ווי זייערע אייגענע קינדער, און דעריבער ווערט דערביי אויסגעפיהרט: „והיוצא מפיכם תעשו״, אז גלויבען אויפ׳ן ווארט און האבען צוטרוי קאן מען נור צו אזעלכען, וועלכער איז נישט געלד-גייציג, נישט להוט אחרי הממון...

(כתב סופר)

כחנו כעבור חלוצים... (לב. לב.)

דער פערשטאָרבענער הרב זאָנענפעלד האָט זיך געהאַט אמאָל אויס־געדריקט וועגען די חלוצים, אַז אין דער מסורה ווערט געזאָגט: „נחנו נעבור חלוצים'' — „נחנו פשענו ומרינו", אַז די היינטיגע חלוצים, וועלכע קומען בויען א"י, זענען ליידער פושעים...

בעת מען האָט עס דערצעהלט דעם הרב קוק האָט ער דערויף גע־ענטפערט, אַז עס איז פאַרהאַן אין דער מסורה נאָך אַ דריטער פסוק: „כלנו בני איש אחד נחנו". אויף די חלוצים איז מגין גאָר אַ גרויסער זכות, וואָס זיי לעבען צווישען זיך ווי „בני איש אחד", וואָס זיי האַלטען זיך אין אחדות...

מַסְעֵי

אלה מסעי בני ישראל... (לג. א.)

רבי ישראל סבע, איינער פון די גולי שפאניען, וועלכער איז אנטלאָפען קיין אפריקא, נאָכדעם ווי די אינקוויזיציע האָט פון איהם צוגערויבט זיינע קינדער, וועלכע זענען געפיהרט געוואָרען בגוואלד צום שמד, שרייבט אין זיין פירוש אויף תורה, וואָס ער האָט מחבר געווען זיצענדיג אין אפריקא, אַז בשעת ער איז צוגעקומען צו פרשת מסעי און ער האָט געלייענט צוויי און פיערציג מאָל די ווערטער „ויסעו ויחנו״, האָט ער געפינען דערין אַ טרייסט פאַר זיך און פאַר זיינע שוואַר-געפרובטע ברידער, ווערענדיג פול מיט בטחון, אַז אויך אונזערע היינטיגע וואַנדערונגען אין דער מדבר, וואו מיר זענען ארומגערינגעלט מיט פערשידענע חיות רעות, וועלכע דורשטען נאָך אונזער בלוט, זענען נאָר אַ צייטווייליגע, פאַראיבערגעהענדע ערשיינונג אין ישראל, דאָס עלטסטע פאָלק אין דער וועלט, וועט די אַלע חיות רעות, די אַלע בלוט-דורשטיגע שונאים זיינע איבערלעבען...

אשר יצאו ממצרים לצבאותם ביד משה ואהרן. (לג. א.)

דעריבער האָבען די אידען אַזוי לאַנג ארומגעוואַנדערט אין דער מדבר און דורכגעמאַכט אַזוי פיעל מסעות, ווייל זיי זענען נישט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים מיט׳ן גוטען ווילען, נאָר „ביד משה ואהרן״, מען האָט זיי גע-מוזט בגוואַלד אַרויסשלעפּען פון דאָרט: „כי גורשו ממצרים!״ און אויך שפּעטער האָבען זיי יעדעס מאָל חרטה געהאַט און געוואָלט זיך אומקעהרען צוריק, איז מען זיך דערפאַר בעגאַנגען מיט זיי, ווי מיט אַזעלכען, וואָס געהט אָהן חשק און שטעלט פאַמעליכע טריט, שלעפּענדיג זיך פויל און לאַנגזאַם פון אָרט צו אָרט...

(כתב סופר)

ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ד׳... (לג. ב.)

דער דרך־הטבע איז — פלעגט זאָגען רבי אשר׳ל רימאַנאָווער — אַז בשעת איינער לאָזט זיך אַרויס איבער דער וועלט, קומט ער צוריק אַנ׳אַנדערער, איבערהויפּט אין עניני פרומקייט... די רבותא פון די אידען איז געווען, וואָס „מוצאיהם למסעיהם״ און „מסעיהם למוצאיהם״, דאָס וואַנדערן און דאָס צוריקקומען, איז גלייך געווען „על פי ד׳״, זיי זענען איבער דער צייט איינגאַנצען נישט אַנדערש געוואָרען...

והורשתם את כל יושבי הארץ מפניכם... (לג. כב.)

אויך מפניכם, פון אייערע פנימ׳ער, זאָלט איהר אַראָפּטרייבען דעם יושב הארץ, דעם גוי. אויך אויף אייער פנים זאָל זיין קענטיג דאָס אידישקייט...

(דברים נחמדים)

„ראשונים שנתגלה עונם נתגלה קצם, אחרונים שלא נתגלה עונם לא נתגלה קצם״ (יומא ט׳)

די ראשונים, די אַמאָליגע אידען, האָט מען דערקענט, אויב זיי האָבען געטהון אַנ׳עבירה, מען האָט זיי גלייך דערקענט, אַז זיי זענען אידען... דאַגעגען „אַחרונים לא נתגלה עונם״, היינט איז שוין באַלד שווער צו פּאַקן אַ איד ביי אַנ׳עבירה, די היינטיגע פושעים איז שוין נישט אַזוי לייכט צו דערקענען, צי זיי זענען אידען...

(הרב א. לעווינסאָן)

דער בעקאַנטער פעטערבורגער צענזאָר, זוסמאַן, איז געווען אַ משומד און דערצו אויך אַ גרויסער שכור, ער האָט אָבער ליעב געהאַט צו פאַרקעהרען אין די קרייזען פון די אידישע שרייבער און משכילים. איינמאָל איז ער אַריין אין אַ שענק צוזאַמען מיט׳ן אידישען שריפטשטעלער אהרן קויפמאַן. זוסמאַן האָט זיך געהייסען דערלאַנגען אַ גלאָז בראָנפען און דאַן האָט ער זיך איבערגעצלמ׳ט און זיך גענומען אויפפיהרען אויפ׳ן עכט רוסישען שטייגער.

— איהר דאַרפט זיך נישט וואונדערן — האָט ער זיך נאַכהער פאַרענטפערט פאַר קויפמאַנ׳ען — הלמאַי כ׳האָב זיך פאַר׳ן טרינקען איבערגעצלמ׳ט, כ׳האָב עס נישט געטהון, חלילה, צוליעב „פרומקייט״, נאָר היות, ווי איך האָב אַנ׳אויסדריקליך אידיש פנים, און אַרום און זענען געזעסען בלויז גוים, האָב איך געוואָלט זיי זאָלען מיך האַלטען פאַר אַ גוי, בכדי זיי זאָלען נישט זאָגען, אַז אויך אידען זענען שכורים...

ונתנו ללוים מנחלת אחוזתם ערים לשבת... (לה. א.)

דעריבער האָבען די לויים נישט בעקומען קיין חלק בארץ גלייך ווי אַלע שבטים, ווייל די לויים, כידוע, זענען אין מצרים געווען פריי פון שעבוד, און דער וואָס האָט נישט געליטען קיין גלות — דעם קומט נישט קיין חלק אין ארץ־ישראל...

רבי משה חאגיז

לטוב בעיניהם תהיינה לנשים... (לו. ו.)

אַ בעל־הבית איז אַמאָל אַריינגעקומען צו רבי יהושע'לע קוטנער און זיך פערטרויט פאַר איהם, באַשר אַנ'אָנגעשטעלטער פון זיין געשעפט האָט זיך פערליעבט אין זיין טאָכטער און היות, ווי ער ווייסט, אַז ער, דער פאָטער איהרער, וועט אויף דעם שידוך נישט מסכים זיין, טענה'ט ער, אַז ער איז מוחל דעם נדן, ער וויל נישט קיין נדן...

דערויף האָט איהם רבי יהושע'לע געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין שטאַרקען צוטרוי צו די יונגעלייט, וועלכע פערליעבען זיך אין גבירישע טעכטער און דערביי טענה'ן זיי, אַז זיי פערלאַנגען נישט מכלומר'שט קיין נדן. אַ ראיה דערצו האָט ער געבראַכט פון דער דאָזיגער סדרה. מען האָט די בנות צלפחד אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען נישט חתונה האָבען מיט קיין זיהן פון אַנ'אַנדער שבט, „ולא תסוב נחלה לבני ישראל ממטה אל מטה", כדי זייער פערמעגען זאָל נישט איבערגעהן צו אַנ'אַנדער שבט. איז אויב נור צוליעב דעם טעם, איז דאָך געווען אַנ'עצה, זיי זאָלען חתונה האָבען מיט אַזעלכע זיהן פון אַנ'אַנדער שבט, וועלכע וועלען זיך אין זיי פערליעבען און מסכים זיין צו נעהמען זיי אָהן נדן, און אַזוי אַרום וועלען זייערע נחלות ווייטער בלייבען ביי זייער פאָטער'ס שבט?... נאָר, ווייזט אויס, אַז די תורה האַלט נישט פון אַזעלכע שידוכים און זי האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז הגם „לטוב בעיניהם תהיינה לנשים", אַז אויב אַפילו זיי וועלען חתונה האָבען אויס ליעבע, „לטוב בעיניהם", זאָלען זיי זיך פונדעסטוועגען נישט אָבזאָגען פון צו געבען נדן און בלויז זאָרגען דערפאַר, אַז דער נדן זאָל נישט פערפרעמד ווערען און „למשפחת מטה אביהם תהיינה לנשים". צו חתנים אָבער, וועלכע ווילען אײנגאַנצען מכלומר'שט נישט קיין נדן, קאָן מען קיין גרויס צוטרוי נישט האָבען...

ותהיינה מחלה תרצה וחגלה ומלכה ונועה... (לו. יא.)

דאָגעגען אין פ' פנחס ווערען די זעלבע טעכטער אויסגערעכענט לויט אַנ'אַנדער סדר: דאָ איז תרצה די צווייטע און נועה די לעצטע, די יונגסטע,

און דאָרט, פערקעהרט, איז נועה די צווייטע און תרצה די לעצטע... דען אַזוי איז שוין די טבע פון די פרויען, זיי פערלייקענען די יאָהרען און עס איז שווער ביי זיי צו דערגעהן, ווער פון זיי עס איז עלטער און ווער יונגער...

נ. ד. אייזענשטיין, אוצר הדרושים

ספר דברים

דְבָרִים

ולבן וחצרות ודי זהב... (א. א.)

„וחצרות — במחלוקתו של קרח״ (רש״י)

און דעריבער — פלעגט דערויף זאָגען דער רבי פון אַלעקסאַנדער, רבי העניך, בדרך הלצה — ווערט עס אָנגערופען „וחצרות״, ווייל קרח ועדתו האָבען זיך געוואָלט מאַכען בעזונדערע „הויפען״, פראַווען בעזונדערע רבי׳סטוועס...

ויהי בארבעים שנה בעשתי עשר חודש... (א. ג.)

„מלמד שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה, ממי למד מיעקב וכו׳״ (רש״י)

דאָ מיינט מען נישט סמוך למיתה ממש, אַזוי ווי ביי יעקב׳ן. יעקב האָט זיך געזעגנט מיט זיין תוכחה צו די קינדער אינ׳ם זעלבען טאָג, וואָס ער איז נפטר געוואָרען, ווערענד ביי משה׳ן, ווי עס ווערט דאָ דייטליך געזאָגט אין פסוק, איז עס געווען „בעשתי עשר חדש באחד לחדש״, אין ערשטען שבט, און נפטר איז ער געוואָרען אין ז׳ אדר... (המגיד)

ד׳ אלקיכם הרבה אתכם... (א. י.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „זה שאמר הכתוב אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך (תהלים ה׳)״

וואָס מיינט דער מדרש צו זאָגען דערמיט?

אייניגע מבארים (ווי דער „ידי משה״ און „נבחר מפנינים״) ווילען האָבען, אַז דאָ איז אַ טעות הדפוס, אַז דער מדרש מיינט נישט דעם פסוק פון תהלים ה׳, נאָר דעם עהנליכען פסוק פון תהלים קל״ח און עס דאַרף זיין: „אשתחוה אל היכל קדשך וכו׳ וכתיב בתריה כי הגדלת על כל שמך אמרתך״, און דאָס בעציהט זיך אויפ׳ן ווייטערדיגען אויספיהר פון מדרש: „כך אמר הקב״ה לאברהם שיגאל את בניו בב׳ אותיות״.

באמת אָבער — בעמערקט דערויף דער „אַסיפת חכמים״ — איז דער דאָזיגער תיקון איבריג און די כונה איז דאָ אַ גאַנץ אַנדערע און נעמליך: אין די ספרי קדמונים (רגל ישרה אות ס׳) ווערט געבראַכט בשם רב הונא, אַז אַלס סגולה געגען עין־הרע זאָל מען זאָגען דעם פסוק: „ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך״.

בעת, אַלזאָ, דער מדרש ברענגט דעם פסוק „ד׳ אלקיכם הרבה אתכם והנכם היום ככוכבי השמים לרוב״, גיט ער גלייך צו פון זיך: „אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך״, ווי זאָגענדיג: אָהן עין־הרע, אָהן אַ בייז אויג, חלילה...

והנכם היום ככוכבי השמים לרוב... (א. י.)

דעריבער איז „לא אוכל לבדי שאת אתכם״, איז מיר אַזוי שווער אייך צו דערטראָגען, ווייל „והנכם היום ככוכבי השמים לרוב״, איהר זענט געגלייכען צו די שטערען, און כידוע, בשעת צוויי פּלאַנעטען טרעפען זיך צונויף מאַכען זיי חרוב וועלטען, און דאָס זעלבע איז, ליידער, אויך מיט אידען: ווי נאָר עטליכע אידען קומען צווישען זיך אין בעריהרונג, אַזוי דראָהט עס מיט אַנ׳אויפרייס, מיט פייער, מיט מורא׳דיגע מחלוקת... און דעריבער: „ד׳ אלקי אבותיכם יוסף עליכם וכו׳ ויברך אתכם כאשר דבר לכם״, עס זאָל מקוים ווערען אין אייך „כאשר דבר לכם״, די אַלטע ברכה, אין וועלכע איהר זענט געגליכען געוואָרען צו זאַמד, „ושמתי את זרעך כעפר הארץ״, זאַמד האָט די מעלה, וואָס עס לאָזט זיך פעראייניגען און האַלט זיך צוזאַמען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

ד׳ אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים... (א. יא.)

„בברכותיו של משה יש בהם מסוף העולם ועד סופו, מה כתיב אלף פעמים, אלף פעם אין כתיב כאן אלא אלף פעמים״ (מדרש רבה)

דער זין פונ׳ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש איז גאַנץ איינפאַך: די מחנה ישראל, ווי עס ווערט געזאָגט אין עירובין, האָט געהאַלטען ג׳ פרסאות. ווען עס וואָלט געשטאַנען „אלף פעם״, וואָלט עס בעדייט: טויזענד מאָל אַזויפיעל, דאַגעגען „אלף פעמים״ איז משמע צוויי טויזענד מאָל אַזויפיעל, דאָס הייסט, אַז די מחנה ישראל זאָל זיך ציהען אויף זעקס טויזענד פרסאות, און דאָס איז דאָך „מסוף העולם ועד סופו״, דען — „שיתא אלפי פרסי הוי עלמא״ (פסחים צ״ד)...

(רבי ר׳ העשיל)

איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם... (א. יב.)

„ומשאכם — מלמד שהיו אפיקורסין" (רש"י)

דען די שווערסטע משא אויפ'ן מענש — פלעגט דערויף זאָגען רבי נחמן בראַצלאַווער — איז דוקא די אַפיקורסות. דעם מאמין איז אַ סך לייכטער אויפ'ן האַרצען, אַ סך לייכטער, ווי דעם אַפיקורס, וועלכער געהט תמיד אַרום אָנגעלאָדען מיט ספקות...

הבו לכם אנשים חכמים... (א. יג.)

דער האַאַגער רב, רבי שאול, האָט געהאַט אַ פרוי, דינה האָט זי געהייסען, וועלכע איז געווען אַ גרויסע מלומדת, אַ בקיאה בש"ס ופוסקים. זי פלעגט זיך אָפט אַריינמישען אין דיני-תורות און האָט בכלל אָנגעפיהרט מיט'ן האַאַגער רבנות, פון וואָס די בעלי-בתים זענען נישט געווען צופרידען און עס פלעגט צוליעב דעם קומען צו אָפטע מחלוקת'ן.

איינמאָל איז געקומען צו איהם צו גאַסט זיין פריינד, רבי הערשעלע בערלינער, פאַר וועלכען ער האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ וועגען זיין ווייב'ס אויפפיהרונג.

אַז די רביצין איז אַריינגעקומען, ווענדעט זיך צו איהר רבי הערשעלע בערלינער און זאָגט:

— איהר קענט דאָך לערנען, רביצין, ווייסט איהר דאָך, אַז עס שטעהט אין פסוק: „הבו לכם אנשים חכמים וכו'". איז מילא „חכמים" פערשטעהען מיר, אַז עס איז אַ מעלה, אָבער וואָס פאַר אַ מעלה איז „אנשים", מענער? נאָר דער פסוק ווענדעט זיך צו די שופטים און דיינים און זאָגט זיי אָן, אַז מיט רבני'שע ענינים דאַרפען אָנפיהרען „אנשים", מענער, נישט קיין ווייבער...

אנשים חכמים וידועים לשבטיכם.. (א. יג.)

דער סמ"ג פערטייטשט דאָס וואָרט „וידועים": בעליעבטע. בעשטימען זאָלט איהר נאָר אַזעלכע דיינים, וועלכע זאָלען זיין בעליעבט ביי'ם קהל, פון לשון „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו".

„וידועים לשבטיכם" — לויט די נשיאים און מנהיגים וועט מען דער־קענען אייערע שבטים, דען — „פרנס לפי דורו ודור לפי פרנסו"...

(תכלת מרדכי)

דער רמב״ם רעכענט אויס זיעבען מעלות, וועלכע דער דיין דארף בעזיצען, איינע פון זיי איז — „אהבת הבריות להם״...

„פני הדור כפני הכלב״ (סוטה מ״ט)

א כלב, וואס מעהר ער חנפ׳עט דעם בעל-הבית, אלץ מעהר חשוב איז ער ביי איהם און וואס קלענער ער איז, אלץ מעהר ווערט האט ער. קליינ ראסאווע הינטלעך זענען טייערער, ווי גרויסע.

בעקבתא דמשיחא וועלען אויך די „פני״, די מנהיגים, אזוי אויסזעהן. וואס קלענער זיי וועלען זיין בתורה ובמדות און וואס מעהר חניפה זיי וועלען בעזיצען, אלץ א גרעסערען פלאץ וועלען זיי פערנעהמען...

(רבי וואלף האמבורגער)

„אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל, שכל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל״ (שבת קל״ט)

פרעגט מען: אין אנ׳אנדער ארט זאגען דאך גאר די חז״ל: „אין פורענות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ״ (בבא-בתרא ה׳), אז שולדיג אין אלע פורעניות׳ן זענען די עמי-הארצים?

באמת איז עס אבער קיין שום סתירה נישט. עס איז היינו הך. צוליעב דעם, וואס די עמי-הארצים בעקומען די הויפט-דעה אין די קהל׳שע ענינים און ביי רבנישע וואהלען, ווערען, ליידער, אויסגעקליבען אזעלכע רבנים, וועלכע זענען נישט בעסער פון זיי...

און וועגען דעם שרייבט אויך דער מהרש״א (סוטה מ׳): „אבל ראיתי גדול הסיבה בזה שהבעלי-בתים הם הממנים ומבררים להם ראש כפי רצונם לפי הנאת כל אחד מהם וביותר בממון״...

(נחלי דבש)

מען האט אמאל געפרעגט דעם פערשטארבענעם לובלינער ראש-ישיבה, הרב שפירא:

— לובלינער רב! מען האלט דאך אייך פאר אנ׳איש-אמת, פאר א מענש, וואס איז ווייט פון חניפה און פראקטיציע, טא וואס איז די סיבה, וואס איהר נעהמט אריין אין אייער „ישיבת חכמי לובלין״ אזויפיעל רבישע אייניקלעך?

האט ער דערויף געענטפערט:

— איך וייס דאך, אז די דאזיגע רבישע אייניקלעך וועלען מיט׳ן כוח פון די רבישע הויפען סיי-ווי ווערען רבנים, טא זאלען זיי כאטש קענען אביסעל לערנען...

מען האָט געפרעגט רבי יאָשע-בער בריסקער: פאַרוואָס אין די גרויסע שטעדט איז עפ״י רוב פאַרהאַן נור איין רב, אַ גדול בתורה, און דוקא אין די קליינע שטעדטלעך בעגרעניצט מען זיך נישט מיט איינעם, נאָר מען מוז דוקא האָבען צוויי און זאָגאַר דריי רבנים?

— אַזוי פיהרט זיך שוין אין לעבען — האָט רבי יאָשע-בער געענט-פערט — אַ נגיד קויפט זיך פאַר זיין געבּרויך איין קוה און ער האָט פון איהר מילך בשפע; דאַגעגען אַן אָרימאַן קויפט זיך צוויי ציגען, און ער האָט פון ביידע אַ חולאת...

ואקח את ראשי שבטיכם אנשים חכמים וידועים... (א. טו.)

„אבל נבונים לא מצאתי״ (רש״י)

אַ נבון איז וויכטיגער ווי אַ חכם, ער איז אַ „מבין דבר מתוך דבר״. די נבונים, צוזעהענדיג, ווי די אידען פערביטערען משה׳ן דאָס לעבען, האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון די פאָרגעלעגטע התמנות׳ן און האָבען נישט געוואָלט ווערען קיין מנהיגים, בעטראַכטענדיג זיך, אַז זיי וועלען האָבען דעם זעלבען גורל, וואָס משה...

(חות דעת)

לא תכירו פנים במשפט... (א. יז.)

דאָס ווערט געמיינט פשוט: די דיינים טאָרען בעת׳ן משפט׳ן נישט זעהען די פנימ׳ער פון די בעלי-דינים, און דאָס איז אויך דער פשט אין דער גמרא: „מאימתי התחלת דין — משיתעטפו הדיינין (שבת י׳), און דער טעם דערפון איז, ווייל „כשיהי׳ בעלי דינים עומדים לפניך יהי׳ בעיניך כרשעים״ און — „אסור לאדם להסתכל בצלם דמות אדם רשע״...

(ספר ינחנו)

אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען רבי שמעלקי ניקעלשבורגער. בשעת ער פלעגט זיצען ביי אַ דין-תורה איז זיין פנים געווען איינגעוויקעלט אין אַ טלית, כדי נישט צו זעהען די בעלי-דינים, טאָמער איז ווער פון זיי זיינס אַ מקורב.

און דאָס, פלעגט ער זאָגען, איז דער פשט אין דער גמרא: „משרבו רואי פנים בדין בטל לא תגורו״ (סוטה מ״ז)...

און אַזוי ווערט אויך דערצעהלט וועגען ביאַליסטאָקער רב, רבי וועל-וועלע, דער מחבר פון „מראות הצובאות״. איינמאָל איז פאַר זיין הויז צוגע-

פאָהרען אַ פריצישע קאַרעטע, פּוגוואַגען עס זענען אויסגעשטיגען די צוויי אין יענער צייט בעריהמטע גבירים, ר׳ זימעל עפּשטיין און ר׳ קאָפּל האַל־פערן, וועלכע האָבען ביידע געפיהרט בשותפות ריזיגע געשעפטען, אָנגענומען די גרעסטע מלוכה-פּאַדריאַדען, געבויט שאָסעען און בריקען און מפרנס געווען הונדערטער משפחות און דערצו האָבען זיי אויך געהאַט אַ שם אַלס גרויסע בעלי-צדקה. בעת דער שמש האָט זיי דערזעהען איז ער אָהן אָנ־אָטעם אַריינגעלאָפען צו רבי וועלוועלע׳ן און איהם מודיע געווען: רבי! ר׳ זימעל עפּשטיין און ר׳ קאָפּל האַלפּערן זענען געקומען האָבען אַ דין-תורה.

רבי וועלוועלע האָט אַריינגערופען דעם דיין זיינעם און דאַן האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם טלית איבער די אויגען און געהייסען אַריינבעטען די בעלי-דינים.

אַז די גבירים זענען אַריינגעקומען האָט זיי רבי וועלוועלע נישט געגע־בען קיין שלום, נישט געבעטען זיצען, נישט געקוקט אפילו אין זייער זייט, צוטרעטענדיג גלייך צום ענין, זאָגענדיג:

— זימעל און קאָפּל, ווער פון אייך עס איז דער תובע, זאָל טענה׳ן פריהער.

ווערען די גבירים פערביטערטע. אויף אַזאַ ברוך-הבא, מען זאָל זיי רופען ביי׳ם נאָמען, אָהן אַ ר׳, דערויף האָבען זיי זיך נישט געריכט...

— איך בין דער תובע — האָט ר׳ זימעל קוים אַרויסגערעדט און גענו־מען פאַרלעגען זיינע טענות.

— און דו קאָפּל, וואָס טענה׳סטו? — ווענדעט ער זיך נאָכהער צום נתבע.

אויסגעהערט ביידע טענות, הייסט זיי רבי וועלוועלע אַרויסגעהן, און ער שמועסט זיך איבער מיט׳ן דיין, ווי דער פּסק זאָל זיין, און דאַן לאָזט ער זיי צוריק אַריינרופען, הייסט זיי מקבל-קנין זיין און זאָגט אַרויס דעם פּסק, און ערשט דאַן נעהמט רבי וועלוועלע אַראָב דעם טלית פון קאָפּ און גיט זיי שלום:

— שלום עליכם ר׳ זימעל! שלום עליכם ר׳ קאָפּל!

און הייסט דעם שמש גרייטען דעם טיש פאַר די אורחים חשובים...

(די וועלט דערצעהלט)

לא תגורו מפני איש. (א. יז.)

בשעת דער חכם-צבי איז אָנגעקומען אַלס רב קיין לעמבערג, האָבען די ראשי-הקהל, שבת נאָך דער דרשה, איינגעאָרדענט אַ סעודה פאַר די בעלי-בתים. דער הויפּט-מחותן, וועלכער האָט זיך געפאָרעט ביי דער סעודה, איז געווען איינער פון די פרנסים, אַ גביר עצום און אַ מקורב למלכות, און ער איז עס אויך געווען דער יעניגער, וועלכער האָט זיך אָממעהרסטען בעמיהט, אַז דער חכם-צבי זאָל איינגעלאַדען ווערען אַלס לעמבערגער רב.

ביים טיש האָט ער די חשוב׳ע און רייכע בעלי-בתים אָוועקגעזעצט אויבענאָן, דאַגעגען די אָרימע לומדים און תלמידי חכמים — צום סוף. בשעת דער חכם-צבי האָט דאָס בעמערקט האָט ער געצוואונגען די שטוהל זיינע און זיך אַוועק-געזעצט ביי׳ם צווייטען עק טיש, צווישען די לומדים... האָט עס דעם פרנס פערדראָסען און ער האָט געלאָזט פאַלען אַ פּאָר שאַרפע בעליידיגענדע ווערטער אויפ׳ן אַדרעס פון די קבצנישע לומדים.

דער חכם-צבי איז געווען בטבע אַ זעהר היציגער און דערהערענדיג די דאָזיגע בעליידיגונג האָט ער אַראָבגעכאַפּט אַ פּאַנטאָפעל פון פוס און איהם געוואָרפען דעם פרנס אין קאָפּ אַריין.

דער פרנס האָט אָנגעקלאָגט דעם חכם-צבי אין געריכט. פאָרגעקומען איז דער משפט אין ווין, און דער חכם-צבי אליין איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ פייערדיגע פערטיידיגונגס-רעדע. ער האָט ערקלערט פאַר די ריכטער די בעדייטונג פון כבוד-התורה ביי אידען און דעם זין פון געבאָט „לא תגורו מפני איש". די ריכטער, אויף וועלכע די רעדע האָט אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט, האָבען איהם בעפרייט און פון דאַן אָן האָט זיך די מאַכט בעצוי-גען צום חכם-צבי מיט גרויס דרך-ארץ.

(דברי גדולים)

וישמע ד׳ את קול דבריכם ויקצוף וכו׳... (א. לד.)

וואָס עפּעס „את קול דבריכם", נישט „את דבריכם"?

דען פריהער ווערט געזאָגט: „ויקחו בידם מפרי הארץ ויורידו אלינו וישיבו אותנו דבר ויאמרו טובה הארץ". איז אין פלוג, וואָס פאַר אַ חטא זענען זיי דאָ בעגאַנגען, זיי האָבען דאָך זעהר גוט געענטפערט? — נאָר יעדע זאַך ווענדעט זיך, ווי אַזוי מען זאָגט, ווי מען אַקצענטירט עס, מיט וואָס פאַר אַ טאָן. אויב מען זאָגט „טובה הארץ" און דערביי גיט מען צו: „עם גדול ורם ממנו, ערים גדולות ובצורות בשמים וגם בני ענקים ראינו שם", איז קלאָר, אַז דער „טובה הארץ" איז געזאָגט געוואָרען סאַרקאַטיש, מיט איראָניע: שוין איינמאָל אַ גוט לאַנד!... און דאָס איז דער פשט: „וישמע ד׳ את קול דבריכם". ער האָט געהערט דאָס קול, דעם טאָן אייערען, ווי אַזוי איהר האָט אַקצענטירט דעם „טובה הארץ"...

(רבי יצחק אלי׳ לאנדוי)

וירדפו אתכם כאשר תעשינה הדבורים... (א. מד.)

און אויך דוד המלך בענוצט זיך מיט׳ן דאָזיגען פערגלייך: „סבוני כדבורים דועכו כאש קוצים". צי דען זענען שוין נישטאָ צווישען אַלע בייזע בעשעפעניששען קיין גרעסערע רודפים, ווי די דבורים, די ביהנען

נאָר וועגען די ביהנען דערצעהלען די נאַטור-פאָרשער, אַז צום „שוואַכען געשלעכט" געהערען ביי זיי נישט די נקבות, נאָר די זכרים. בלויז די נקבות לאָזען זיך אַרויס אום פריהלינג און אין זומער איבער די גערטנער, אויסצוזויגען דעם זאַפט פון די בלומען און צו פראָדוצירען דערפון האָניג. די זכרים דאַגעגען ווערען צו דער דאָזיגער פראָדוקטיווער אַרבייט נישט צוגעלאָזען און זיי זענען די גאַנצע צייט פערשפאַרט אין דער נעסט, און אין הערבסט ווערען פון זיי דאָרט אַרויסגעשליידערט און מאַסענווייז פערניכטעט, אַלס לעדיג-געהער, וועלכע „ווילען נישט" אַרבייטען און לעבען אויף פרעמדען חשבון...

און אויפ'ן זעלבען אַכזריות'דיגען אופן זענען זיך אונזערע שונאים נוהג אויך מיט אידען — „וירדפו אתכם כאשר תעשינה הדבורים"...

(המגיד מנעסוויזש)

הנה ערשו ערש ברזל וכו' תשע אמות אָרכה וארבע אַמות רחבה.. (ג. יא.)

דערויף ווערט אין שו"ת רמ"ע מפאגי (ס' ק') געפרעגט: „אם כן עשית לעוג בעל מום"? דען עס איז דאָך אוננאָרמאַל, אַז אַ מענש זאָל אין דער ברייט האַלטען קרוב אַ העלפט, ווי אין דער לענג...

ובאמת ברענגט טאַקע דער רמב"ן (אין זיין פירוש אויף בבא בתרא דף ק"א) אַ מדרש, וואו עס ווערט געזאָגט: „עוג הי' בריה מנוולת שהיו זרועותיו פחות מחצי ארכו"...

(דברי שאול)

וָאֶתְחַנַּן

רב לך אל תוסף דבר אלי... (ג. כו.)

עס ווערט דאך געזאגט, אז „הקב״ה מתאווה לתפלתן של צדיקים״, טא פארוואס האט איהם השי״ת נישט געלאזט מעהר מתפלל זיין?

נאר — האט געענטפערט דעריוף דער רבי ר׳ העשיל בדרך צחות — די חז״ל זאגען: „המאריך בתפלה מאריכין לו ימיו ושנותיו״. ווען, אלזא, משה וואלט לענגער מתפלל געווען, וואלט ער זיך דאדורך פערדינט צו אריכת-ימים און דאס איז דאך אונמעגליך געווען, דען עס איז דאך שוין געהאט נגזר געווארען אויף איהם דער זמן הפטירה...

דער חתם-סופר פלעגט זעהר לאנג דאווענען. האט איהם אמאל א געוועזער רב גע׳מוסר׳ט: היתכן? ער איז דאך צוליעב דעם מבטל פון לערנען און „מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה״!

האט איהם דער חתם-סופר געענטפערט: „המאריך בתפלה מאריכין לו ימיו ושנותיו״, דאווען איך צוליעב דעם לענגער, כדי כ׳זאל זוכה זיין צו אריכת-ימים וממילא וועל איך שוין דאמאלס קענען משלים זיין דעם לימוד התורה, וואס כ׳האב פערפעהלט צוליעב׳ן לאנגען דאווענען...

דער בעקאנטער גאון רבי משה טייטעלבוים פון אוהעל (אונגארן), וועלכער איז שטארק נזהר געווען אין תפלה בזמנה, האט זיך איינמאל דערוואוסט, אז דער איידעם זיינער, רבי לייביש ווישניצער, וועלכער איז געווען א תלמיד פון לובלינער „חוזה״ און פון רבי נפתלי ראפשיצער און איז געווארען דערנאך רבי אין פוילען, איז זיך נוהג צו דאווענען יעדען טאג זעהר שפעט. דאס האט איהם גרויס צער פערשאפט און ער האט זיך אוועקגעזעצט און אנגעשריבען צום איידעם א לאנגען בריעף, פול מיט דברי מוסר, אין וועלכע עס איז אנגעוויזען געווארען, אז אויב מען איז אפילו נאר עובר אויף איין דין אין שלחן-ערוך, פאלט מען אריין אין גיהנום, דעריוף האט איהם דער איידעם אבגעענטפערט מיט א בריעף, שרייבענדיג: בשעת כ׳האב זיך פערטראכט וועגען דעם, אז איהר, חותני היקר, וואס איהר דאווענט כעלות, וועט זיין לאחר מאה ועשרים שנה אין גן-עדן, און איך,

וואָס איך פערשפּעטיג דעם זמן-תפלה, וועל זיין אין גיהנום, האָב איך זיך געפרעגט: מיט וועמען, ליבער שוטזהר, וועט איהר זיך דאָרט טרעפען אין גן-עדן? מסתמא, אויך מיט אַזעלכע לייט, וואָס דאַוונען „כעלות״, ווי בערל קצב, כאַצקעל בעל-עגלה, שיע דער רופא, בנימין לאַטוטניק וכדומה, איך אָבער, אין גיהנום, וועל מיך צונויפטרעפען מיט די אַלע, וועלכע האָבען עובר געווען אויף תפלה בזמנה, ווי, למשל, מיט'ן רבי'ן פון לובלין, מיט'ן ראָפּשיצער, מיט'ן קאָזשעניצער מגיד, מיט'ן רבי'ן רבי אלימלך און מיט זיין ברודער רבי זישע וכו' וכו', נו, האָב איך זיך מישב געווען, אַז עס איז מיר פיעל ליבער צו זיין מיט זיי אַלעמען אין גיהנום, איידער מיט אייערע חברה-לייט אין גן-עדן...

לא תוסיפו וכו' ולא תגרעו ממנו... (ד. ב.)

צו רבי עזריאל הילדעסהיימער זענען אַמאָל געקומען עטליכע רעפאָרמער און פערפיהרט מיט איהם אַ שמועס וועגען דער נויטיגקייט צו רעפאָרמירען דאָס אידענטום און צו פערלייכטערען די מצוות, בכדי אַלע זאָלען זיי קאָנען מקיים זיין.

האָט זיי רבי עזריאל געענטפערט:

די תורה זאָגט אונז: „ולא תגרעו ממנו לשמור את מצות ד' אלקיכם אשר אנכי מצוה אתכם״. איהר זאָלט זיי נישט מינערען און פערקלענערען, אַפילו צוליעב דעם מכלומר'שטען טעם פון „לשמור את מצות ד' אלקיכם״, אַז צוליעב דעם וועט ווערען לייכטער אָבצוהיטען דעם אויבערשטענס מצוות...

ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה... (ד. ו.)

די ווערטער „הגוי הגדול הזה״ זענען נישט אין סתירה צום ווייטערען פסוק, וואו עס ווערט געזאָגט: „כי אתם המעט מכל העמים״. אין כמות זענען מיר טאַקי דער מעט מכל העמים, אָבער אויב מיר וועלען זיין אַן „עם חכם ונבון״, וועלען מיר מיט דעם אַליין ווערען אַ „גוי גדול״, מיר וועלען פערנעהמען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער וועלט און אונזער איינפלוס און השפעה וועט וואַקסען איבעראַל, אויף אַלע געביטען פון מענשליכען לעבען...

(נפת צופים)

השמרו לכם פן תשכחו וכו' ועשיתם לכם פסל תמונת כל אשר צוך ד' אלקיך... (ד. כג.)

איהר זאָלט נישט איינוויקלען די שמד'קייט אין דער יראה. איהר

זאָלט איך נישט מאַכען קיין „פסל תמונת כל", און דערביי זיך נאָך בעמי־
הען צו בעווייזען — „אשר צוך ד' אלקיך", אַז ס'איז גאָר אַ מצוה, אַז דער
אויבערשטער אַליין האָט אַזוי געהייסען...

(ארונו של יוסף)

שמע ישראל וכו'... (ו. ד.)

גאַנץ אָפּט — זאָגט דערויף דער רמב"ם אין „מאמר תחית המתים" —
בעמיהט זיך דער מענש צו ריידען ווי ווייט מעגליך איינפאַך און דייטליך,
„בלשון מבוארה פשוטה", כדי מען זאָל זיינע רייד נישט שלעכט אויסטיי־
טשען, „לדחות הספקות ולהסר הפירושים", און דאָך העלפט עס נישט און
עס געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע ענטדעקען אין זיינע רייד פרעמדע כוונות,
„שהכותב לא כוון אליהם" (ווי עס האָט שפּעטער פּאַסירט מאַקי מיט'ן
רמב"ם זעלבסט).

„ואירע היוצא בזה — פיהרט ווייטער אויס דער רמב"ם — בדברי השם
יתברך". עהנליכעס האָט פּאַסירט מיט די ווערטער פון השם יתברך, וועל־
כער האָט געזאָגט: „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד". דייטליכע, קלאָרע
דבורים, וואָס קלאָרער קאָן שוין נישט זיין: נישטאָ מעהר, ווי איין גאָט,
השם אחד! און דאָך זענען געקומען שפּעטער די מינים און דוקא פון'ם
דאָזיגען פּסוק האָבען זיי אויסגעטייטשט, אַז עס זענען פאַרהאַן, חלילה,
שלש רשויות...

ואָהבת את ד' אלקיך... (ו. ה.)

רבי יהודה צבי פון סטרעטין (אַ תלמיד פון רבי אורי סטרעליסקער)
איז געווען מפורסם אַלס בעל־סגולות. איינמאָל איז געקומען צו איהם אַ
חסיד מיט אַ בקשה, ער זאָל געבען אַ סגולה צו אַהבת־השם.

דאָס איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך — האָט איהם רבי יהודה צבי געענט־
פערט — די סגולה צו אַהבת־השם איז — אַהבת ישראל!...

בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך... (ו. ה.)

אויף „ובכל נפשך" ווערט גע'דרשנ'ט: „אפילו הוא נוטל את נפשך".
פאַרוואָס ווערט נישט אויך אויף „ובכל מאדך" דאָס זעלבע גע'דרשנ'ט: „אפילו
הוא נוטל את ממונך"?

נאָר אַז מען נעהמט ביי איינעם צו דאָס געלד איז קיין רבותא נישט,
אויב ער בלייבט דאַן ווייטער פרום, פאַרקעהרט, עפ"י רוב איז מען פרום
דוקא דאַמאָלס, ווען מען האָט קיין געלד נישט.

מעהר רבותא איז צו דיענען דעם אויבערשטען און פרום צו זיין, בעת מען האט יא געלד...
(רבי פנחס הלוי הורוויץ)

וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך... (ו. ט.)

„על מזוזות ביתך" — כדי דער ארימאן, וואס וועט איבערטרעטען דיין שוועל, זאל זעהן די אויפשריפט: „ד' אלקינו ד' אחד", אז דיין גאט איז אויך זיין גאט און זיין בעשעפער און ער מעג דעריבער דרייסט אריינגעהן צו דיר און פערלאנגען דו זאלסט איהם העלפען און אונטערשטיצען...
(ילקוט פנינים)

השמר לך פן תשכח את ד'... (ו. יב.)

דער „השמר לך פן תשכח" איז געזאגט געווארען נאכ'ן „ובתים מלאים כל טוב אשר לא מלאת", אויף די, וועלכע זענען נתעלה געווארען און האבען זיך ערווארבען א פערמעגען אומגעריכט, „אשר לא מלאת", דען אממעהרסטען האבען א טבע צו פערגעסען — די אויפגעקומענע גבירים...
(רבי שלמה קלוגער)

את ד' אלקיך תירא... (ו. יג.)

„שמעון העמסוני וכו' היה דורש כל אתין שבתורה וכו' עד שבא רבי עקיבא ולימד את ד' אלקיך תירא לרבות תלמידי חכמים" (בבא קמא מ"א)

מיט'ן דאזיגען דרש האט רבי עקיבא געמיינט צו מוסר'ן זיינע אייגענע תלמידים, וואס ווי עס דערצעהלען די חז"ל (יבמות ס"ב): „לא נהגו כבוד זה בזה", און ער האט זיך דעריבער געווענדעט צו זיי און געזאגט: „את ד' אלקיך תירא לרבות תלמידי חכמים", אז נישט נאר אנ'עם-הארץ, נאר אויך די תלמידי-חכמים זעלבסט דארפען דרך-ארץ האבען און נוהג כבוד זיין איינער דעם צווייטען...
(יתדות אהלים)

רבי יצחק וואלאזשינער פלעגט זאגען: הגם די חז"ל דרינגען א קל-וחומר, אז „זונות מפרכסות זו את זו תלמידי-חכמים לא כל שכן", דאך איז עס אין לעבען, ליידער, גאנץ אנדערש, און דערויף קלאגט זיך טאקי דוד המלך אין תהלים און זאגט: „קרבו רודפי זמה", די רודפי זמה, די זונות, לעבען טאקי צווישען זיך אין התקרבות און זענען מפרכסות זו את זו, אבער — „ומתורתך רחקו", די וואס זענען עוסק בתורה, די תלמידי-חכמים, זענען, ליידער, דערווייטערט איינער פון צווייטען...

דער בעריהמטער גאון רבי טעבעלע העס, וועלכער איז געוועןרב אין מאַנהיים, האָט געהאַט אַ סך אויסצושטעהן פון די דאָרטיגע משכילים, וועלכע האָבען איהם מבזה געוועןבתכלית הבזיון.

האָט ער זיך איינמאָל געוועןדעט צו זיי אין אַ דרשה און געזאָגט: עס שטעהט אין פסוק (ישעי׳ א׳): „בנים משחיתים עזבו את ד׳״. וואָס ווערט געמיינט דערמיט? עס ווערט געמיינט דערמיט צו זאָגען, אַז אייער אויפפיהרונג איז אונפערשטענדליך. ממה־נפשך, האַלט איהר פון תורה שבעל־פה, אָדער איהר האַלט נישט? פון איין זייט זעהען מיר „בנים משחיתים״, אַז איהר געהט אַרום מיט געשוירענע בערד, כאָטש אין דער תורה שטעהט בפירוש: „ולא תשחית פאת זקנך״, איז דאָך נישט אַנדערש, נאָר איהר שטיצט זיך אויף דער תורה שבעל־פה, אויף דער דרשת חז״ל, אַז השחתה מיינט מען נאָר בתער, אָבער נישט במספריים, און אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס, פרעג איך אייך, „עזבו את ד׳״, האַלט איהר נישט פונ׳ם דרש, וואָס ווערט געזאָגט פון די זעלבע חז״ל אויפ׳ן „את ד׳״, אַז „את ד׳ אלקיך תירא״ — לרבות תלמידי חכמים״!...

כי עם קדוש אתה... (ז. ו.)

דעריבער ווערט איהר אָנגעזאָגט צו האַנדלען אַזוי שטרענג: „לא תכרות להם ברית ולא תחנם ולא תתחתן בם וכו׳״, ווייל — „כי עם קדוש אתה״, און וואָס גרעסער די קדושה, אַלץ לייכטער איז זי מקבל צו זיין טומאָה, דען קדשים, אין געגענזאַץ צו חולין, ווערען טמא אַפילו ברביעי...

(אור תורה)

עֵקֶב

והסיר ד׳ ממך כל חולי, וכל מדוי מצרים הרעים אשר ידעת לא ישימם בך... (ז. טו.)

אויף „והסיר ד׳ ממך כל חולי" דרשנ׳ט די גמרא: „זה צנים ופחים" (ב"מ ק"ו), און וועגען צנים ופחים זאָגען די חז"ל אין אַנ׳אַנדער אָרט: „הכל בידי שמים חוץ מצנים ופחים וכו׳ ושומר נפשו ירחק מהם" (כתובות ל׳), און דעריבער, ביי אַלע אַנדערע מחלות, וועלכע זענען אין כלל פון „מדוי מצרים הרעים", ווערט געזאָגט: „לא ישימם בך", אַז השי"ת וועט דיך פערהיטען, דו זאָלסט לכתחילה אויף זיי נישט קראַנק ווערען, דאַגעגען ביי „כל חולי", וואָס דאָס בעציהט זיך אויף „צנים ופחים", קומט בלויז די פערזיכערונג, אַז „והסיר ממך", אַז אויב דו וועסט, חלילה, ליידען אויף די מחלות, וועסטו פון זיי אויסגעהיילט ווערען. דאָ איז שוין נישטאָ די בעוואָרעניש פון „לא ישימם בך", אַז דו וועסט לכתחילה נישט קראַנק ווערען, דען — „הכל בידי שמים חוץ מצנים ופחים"...

(שלין דרבנא)

ולא תביא תועבה אל ביתך... (ז. כו.)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט זאָגען, אַז אויב מען לאָזט אַריין צו זיך אַ בעל-גאוה אין הויז איז מען עובר אויף אַ לאַו: „ולא תביא תועבה אל ביתך", דען עס איז אַ בפירושער פסוק: —„תועבת ד׳ כל גבה לב" (משלי ט"ז)...

וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו וכו׳... (ח. ה.)

וויסען זאָלסטו, אַז „כאשר ייסר איש את בנו ד׳ אלקיך מיסרך", און בשעת אַ פאָטער שלאָגט זיין קינד, טהוט איהם וועה און איך ער

האט דערפון צער, וואָרום — „בזמן שאדם מצטער שכינה מה אומרת ? קלני מראשי, קלני מזרועי"...

(כבוד יו"ט)

ורם לבבך ושכחת... (ח. יד.)

אין ספר „עקב ענוה" ווערט אויסגערעכנט, אַז אַ בעל־גאוה איז עובר אויף זיעבצעהן לאוין און זיעבצעהן עשה'ס...

„גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל" (תהלים קא. ח.)

וואָס עפּעס „אותו לא אוכל" ? נאָר אויב איינער בעזיצט בלויז איינע פון די צוויי מדות מגונות, קאָן מען זיך נאָך ווי עס איז מיט איהם אַנ'עצה געבען. איז איינער אַ „גבה עינים", אַ בעל־גאוה, וועלכער שטאָלצירט מיט זיין לומדות, מיט זיין חסידות, אָדער מיט זיין עשירות, הייסט מען איהם קוקען אַרויף, מען ווייזט איהם אָן אויף גרעסערע לומדים, גרעסערע חסידים, אַנטקעגען וועלכער ער איז אַ בור, אַנ'עם־הארץ ; אויף גרעסערע עשירים, לגבי וועלכע ער האָט אַ פּנים פון אַ קבצן, און זיין גאוה ווערט דאַן געבראָכען. איז איינער ווידער אַ „רחב לבב", אַ בעל־מקנא, אַ נישט־פאַרגינער, הייסט מען איהם קוקען אַראָפּ, מען ווייזט איהם אָן אויף אַזעלכע, וואָס לעבען אין פיעל ערגערע בעדינגונגען, ווי ער, וואָס ליידען דחקות, און דאָך האָבען זיי קיין טענות נישט און זענען צופרידען מיט זיך, און דאָס בערוהיגט איהם. דאַגעגען אָבער „גבה עינים ורחב לבב", ווען איינער פאַרמאָגט ביידע מדות רעות צוזאַמען : גאוה און קנאה — „אותו לא אוכל", צו אַזעלכען איז, ליידער, קיין שום עצה נישטאָ, וואָרום הייסט מען איהם קוקען אַרויף, אויף אַזעלכע, וועלכע זענען גרעסער און שטעהען העכער פון איהם, פאַלט ער אַריין אין קנאה. הייסט מען איהם ווידער קוקען אַראָפּ, אויף די, וועלכע זענען קלענער און נידריגער פון איהם — ווערט ער ביי זיך גרויס און מלא גאוה...

(רבי אלעזר קעלער)

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען אויף די לומדישע בעלי־גאוה, וועלכע האַלטען זיך גרויס מיט זייער לערנען : „בירא דשתית מניה לא תשדי ביה קלא" (בבא קמא צ"ב). אינ'ם ברונעם, פונוואַנען דו טרינקסט, אינ'ם באר התורה, „לא תשדי ביה קלא", זאָלסטו זיך היטען, נישט אַריינצוואַרפען דאָרט דעם „קלא", דעם פסוק פון תהלים קאַפּיטעל קל"א — „ד' לא גבה לבי ולא רמו עיני..."

(אור ישרים)

ואמרת בלבבך כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה... (ח. יז.)

די זאלסט נישט זאגען, אז פון „עוצם ידי", פון מיין פערמאכען די האנד (פון לשון „אין מעצמין את הידים" שבת קנ"א), נישט געבענדיג קיינעם א גראשען, „עשה לי את החיל הזה", האב איך מיר ערווארבען דאס עשירות. פון קמצנות און נישט געבען קיין צדקה איז נאך קיינער נישט רייך געווארען...

(ארונו של יוסף)

סרו מהר מן הדרך וכו׳ עשו להם מסכה... (ט. יב.)

ביי אלע אנדערע עבירות — פלעגט זאגען דער רבי ר׳ העשיל — דארף מען זיך א סך אנזינדיגען, בכדי צו ווערען אינגאנצען אראבגעשטויסען פון וועג, נישט צו האבען מעהר קיין שייכות צום כלל ישראל. אבער אויסנאהם בלויז איז עבודה־זרה, דא איז „סרו מהר מן הדרך", דא פערלירט מען דעם וועג זעהר שנעל, מיט איין שריט, דען — „מומר לעבודה-זרה הוה מומר לכל התורה כולה" (חולין ה׳)...

ממרים הייתם עם ד׳... (ט. כד.)

מען קאן זיין א ממרא — פלעגט זאגען רבי אשר רימאנאווער — עם ד׳, מיט גאט, נישט ארויסלאזענדיג גאט׳ס נאמען פון מויל...

זכור לעבדיך לאברהם ליצחק וליעקב — אל תפן אל קשי העם הזה... (ט. כז.)

„זכור לעבדיך לאברהם ליצחק וליעקב", דערמאהן זיך אין אונזערע עלטערען, אז אויך זיי זענען געווען עקשנים און אז נאר א דאנק די מדה פון עקשנות האבען זיי אויסגעהאלטען אלע נסיונות און בייגעשטאנען געגען דער גאנצער וועלט, און דעריבער — „אל תפן אל קשי העם הזה", דען דאס קומט זיי בירושה...

(רבי יצחק אלי׳ לאנדוי)

ועתה ישראל מה ד׳ אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה... (י. יב.)

„אטו יראת שמים מילתא זוטרתא היא וכו׳? — אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא" (ברכות ל"ג)

„לגבי משה" — האט געטייטשט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — ביי אזוי פיעל נסים, וואס אידען האבען געזעהען ביי משה׳ן, איז עס געווען א „מילתא זוטרתא", איז נישט שווער געווען צו זיין א ירא-שמים...

„חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום שנאמר ועתה מה („מה — קרי ביה מאה" — רש"י) ד׳ אלקיך שואל מעמך" (מנחות מ"ג)

און די גמרא פיהרט דערביי אויס: „בשבתא וביומי טבי טרח וממלי להו באיספרקמי ומגדי", מיט בענוצען פערשידענע מיני בשמים און פירות... און אויב אזוי פאלט שוין אוועק די קשיא, וואס די גמרא פרעגט אויפ׳ן דאזיגען פסוק: „אטו מילתא זוטרתא הוא"? ווארום ווערען א ירא-שמים דורך עסען א סך פירות און שמעקען פערשיעדענע בשמים — דאס איז ווירקליך נישט אזא שווערע זאך...

(רבי אברהם סבע, בדרך הלצה)

האל הגדול הגבור והנורא... (י. יז.)

„גבורים משתעבדים בבניו, איה גבורותיו וכו׳? — אדרבא, ע היא גבורת גבורתו שכובש את יצרו, שנותן ארך אפים לרשעים" (יומא ס"ט)

אז רבי זושא האניפאלער איז צוגעקומען צום דאזיגען מאמר, האט ער זיך פונאנדערגעוויינט און אויסגעשריען: „עד מתי עזך בשבי ותפארתך ביד צר"? ביז וואנען, רבונו של עולם, וועסטו דיין גבורה בעווייזען דער־מיט, וואס דו לאזט אונז עקזיסטירען בשבי וביד צר, ווי לאנג וועסטו צו־קוקען, ווי מען פייניגט אונז און ארויסווייזען אזא אונגאויפהערליכע סבלנות און זיין א „נותן ארך אפים לרשעים"?...

את ד׳ אלקיך תירא... (י. ב.)

רבי מענדעלי קאצקער האט זיך אמאל אויסגעדריקט:

— וואס איז דער חילוק פון א חסיד ביז א מתנגד?

— א חסיד האט מורא פאר׳ן רבונו של עולם, און א מתנגד — פאר׳ן שולחן-ערוך...

כי הארץ אשר אתה בא שמה לרשתה לא כארץ מצרים היא... (יא. י.)

ארץ ישראל איז נישט, ווי דאס לאנד מצרים, „אשר תזרע את זרעך והשקית ברגלך כגן הירק“, וועלכע באנוטיגט זיך נישט אין קיין רעגען, אין קיין בעזונדערע הימלישע השגחה, וואו די נאטור פערזארגט אלעמען מיט ברויט, אהן אונטערשיעד, צי מען איז גוט, אדער שלעכט, פרום, אדער זינדיג. ארץ-ישראל איז א לאנד, „אשר ד׳ אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ד׳ אלקיך בה, מראשית השנה ועד אחרית שנה“, א לאנד, וואס איז שטענדיג, א גאנץ יאהר, אבהענגיג פון הימלישען חסד און פון די מעשים, מיט וועלכע מען זאל זיך פערדיענען און מען זאל ווערט זיין דעם דאזיגען חסד...
(רשב״ם)

והיה אם שמוע תשמעו וכו׳... (יא. יג.)

צום „חפץ חיים“ זענען אמאל געקומען עטליכע שטאדטישע עסקנים, וועלכע האבען געוואלט פון איהם א הסכמה צו עפענען א „חדר מתוקן“. דערביי האבען זיי איהם מסביר געווען דאס חשיבות פונ׳ם דאזיגען חדר, וואו עס וועט ווערען געלערנט דקדוק, און ס׳איז דאך, רבי—האבען זיי אויסגעפיהרט — א בפירוש׳ער דין אין שולחן-ערוך, אז מען דארף מדקדק זיין ביי קריאת-שמע...

— זעהר ריכטיג — האט זיי דער „חפץ חיים“ געענטפערט — אבער איהר ווייסט דאך אוודאי, דאס אינ׳ם זעלבען דין ווערט געזאגט, אז אויב „קרא ולא דקדק“ איז ער בדיעבד יוצא, דאגעגען „דקדק ולא קרא“, מיט בלויז דקדוק, איז מען אליבא דכל הדעות נישט יוצא...

ולעבדו בכל לבבכם... (יא. יג.)

„עבודה שהיא בלב וזו היא תפלה“ (רש״י)

מען האט געפרעגט ביי א חכם אחד מגולי פורטוגאל: וואס איז דער חילוק פון תורה ביז תפלה? און ער האט געענטפערט: תורה איז, וואס גאט זאגט צום מענש, און תפלה — וואס דער מענש זאגט צו גאט...
(שפתי ישנים)

א יונגערמאן האט זיך אמאל געקלאגט פאר רבי מענדעלי קאצקער, אז ער ליידט זעהר אויף קאפ-וועהטאג און עס איז איהם שווער צו דאווענען,

רופט זיך אָן רבי מענדעלי: ווי קומט קאָפּ-ווערטאָג צו תפלה? תפלה איז אַ עבודה שבלב, הארץ-ארבייט, נישט קיין קאָפּ-ארבייט!...

דער לובלינער שטאָדט-מגיד, רבי בעריש היילפערן, איז געזעסן איינ־געזעצט געוואָרען אין תפיסה, צוליעב דעם, וואָס ער איז אין זיינע דרשות שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען דעם דאַמאָלסדיגען רייוויצער עלילת-דם. איינ־מאָל, בשעת ער האָט אין תפיסה-קאַמער געדאַוונט בקול-רם, קומט אַריין דער נאַטשעלניק און פרעגט איהם, פאַרוואָס ער דאַוונט אַזוי הויך. אָט זענען פאַרהאַן אויך פרומע קריסטליכע אַרעסטאַנטען, אויך זיי ריכטען-אָב תפלות און דאָך מאַכען זיי נישט קיין קולות און קוים וואָס מען הערט זיי...

— נו, עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד — ענטפערט איהם דער מגיד — זיי האָבען דעם גאָט זייערען נאָהנט, ער הענגט אין תפיסה-קאַמער אויף דער וואַנד, קענען זיי רעדען צו איהם שטיל, מיין גאָט אָבער איז ווייט, אַזש אין הימעל, מוז איך דעריבער שרייען צו איהם...

פאַר דעם דאָזיגען ענטפער האָט דער נאַטשעלניק דערלאַנגט דעם מגיד אַ פּאַטש און אין דער זעלבער נאַכט — דערצעהלט מען אין לובלין — האָט דער נאַטשעלניק בעקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע...

(שמן הטוב)

למען ירבו ימיכם וימי בניכם וכו'... (יא. כא.)

„אמרו ליה לר' יוחנן, איכא סבי בבבל, תמה ואמר, והא כתיב למען ירבו ימיכם על האדמה וכו' אבל בחוץ-לארץ לא? כיון דאמרו ליה שמקדמי ומחשכי לבי כנישתא אמר, היינו דאהני להו" (ברכות ח')

מיט וואָס איז שוין דערמיט, וואָס זיי זענען „מקדמי ומחשכי לבי כנישתא" פאַרענטפערט די קשיא? אין פסוק שטעהט דאָך פאַרט „למען ירבו ימיכם על האדמה"?

נאָר — בעמערקט דערויף דער ווילנער גאון — די גמרא זאָגט: „עתידים בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ-ישראל" (מגילה כ"ט), וממילא זענען שוין די בתי-כנסיות אין כלל פון „על האדמה"...

(אויף אַן ענליכען אופן זאָגט אויך דאָרט דער מהרש"א)

רבי גרשון העניך ראַדזינער פלעגט זאָגען אויף זיין שטייגער, בדרך בדיחות, אַז דער פשט איז גאַנץ איינפאַך: וויבאַלד זיי זענען „מקדמי ומחשכי לבי כנישתא", זיי פערשלאָפען נישט די צייט, שטעהען-אויף פריה און לעגען זיך שפעט, ווערט ממילא מקוים אין זיי דער „למען ירבו ימיכם", לעבען זיי דאָן ממילא לענגער...

רְאֵה

ראה אָנכי נותן לפניכם... (יא. כו.)

„ראה״ — בלשון יחיד. ביים אויסוועהלען פאַר זיך דעם דרך־הישר דאַרף מען זיך נישט פערקוקען אויפ׳ן רבים, דער רבים גרייזט עפ״י רוב און בלאָנדזשעט...

(ווילנער גאון)

כי אם אל המקום אֲשר יבחר וכו׳ לשום את שמו שם... (יב. ה.)

דער רמב״ם (אין מורה נבוכים ח״ג מ״ה) ברענגט פערשיעדענע טעמים, פאַרוואָס עס ווערט אין דער תורה נישט אָנגעוויזען, וואו, אויף וועלכען אָרט עס זאָל זיך געפינען דער מקום המקדש. איינער פון די דאָזיגע טעמים איז, ווייל ווען די שבטים וואָלטען פריהער געוואוסט, וואו דאָס הייליגסטע אָרט וועט זיך געפינען, וואָלט עס גורם געווען צו קריגערייען; יעדער שבט וואָלט פערלאַנגט, אַז דאָס דאָזיגע אָרט זאָל צוגעטיילט ווערען צו זיין נחלה...

כי ירחיב ד׳ אלקיך את גבולך... (יב. ח.)

צום ווילנער גאון זענען איינמאָל געקומען צוויי בעלי־דינים מיט פאָלגענדע דין־תורה: עס איז איינער דעם צווייטען שולדיג געבליבען געלד און נישט האָבענדיג צו בעצאָהלען צום טערמין דעם גאַנצען חוב, האָט ער איהם נאָר גע׳סילוק׳ט אַ טייל און אויפ׳ן איבריגען האָט ער איהם אַרויסגעגעבען אַ „כי־ירחיב־צעטעל״, אין וועלכען ער האָט איינגעשריבען: „כשירחיב ד׳ את גבולי מתחייב אני הח״מ לשלם לפלוני בן פלוני את כל החוב וכו׳״... זינט דאַן איז שוין אַריבער אַ לענגערע צייט, און אַט טענה׳ט איצט דער תובע, אַז דער „הרחבת גבול״ איז שוין מקוים געוואָרען, די צייט האָט זיך שוין ביי יענעם פערבעסערט און ער איז דעריבער מחויב צו ערפילען זיין שריפטליכע הבטחה, דאַגעגען דער נתבע טענה׳ט, אַז יענער מוז נאָך וואַרטען, דען ס׳איז נאָך גאַנץ ווייט ביי איהם פון „הרחבת גבול״... דער תובע

האָט שוין אַרומגעשלעפּט דעם נתבע צו פּערשיעדענע רבנים, אָבער זיי קענען נישט פּסקנ׳ען, ערקלערענדיג, אַז „הרחבת-גבול״ איז אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט פעסטשטעלען, און זיי האָבען די בעלי-דברים אָבגעשיקט צום ווילנער גאון.

— עס איז אַ גמרא אין חולין — האָט דער גאון, אויסהערענדיג די טענות, ערקלערט — „תנו רבנן, כי ירחיב ד׳ אלקיך את גבולך וכו׳ ואמרת אוכלה בשר וכו׳ מכאן א״ר אלעזר בן עזריה מי שיש לו מנה יקח לפסו ליטרא ירק, עשרה מנה יקח לפסו ליטרא דגים, חמשים מנה יקח לפסו ליטרא בשר״... איז דאָך פון דאָנען קלאָר, אַז „הרחבת גבול״ הייסט, אויב מען פערמאָגט חמשים מנה, פינף טויזענד גילדען.

און דער ווילנער גאון האָט, אַלזאָ, גע׳פּסק׳ענט, אַז דער נתבע זאָל שווערען, אַז ער פערמאָגט נישט אַזאַ סומע...

(אסיפת חכמים)

לא תאכלנו למען ייטב לך ולבניך אחריך... (יב. כה.)

אַ קריסטליכער ביבעל-געלעהרטער האָט געפרעגט רבי יונתן אייבעשיץ: פאַרוואָס עפּיס ווערט גראָד דאָ, ביים איסור פון אכילת דם, צוגעגעבען די ברכה „למען ייטב לך ולבניך״? האָט ער איהם דערויף געענטפערט: ווי עס ווערט ערקלערט, האָט דעריבער די תורה גע׳אַסר׳ט צו עסען בלוט, ווייל עס איז „מטמטם את הלב״ און עס פלאַנצט-איין אכזריות אין מענשען, און אכזריות, ווי בעקאַנט, געהט איבער בירושה פון עלטערען צו קינדער, און דער פשט איז אַלזאָ: „לא תאכלנו למען ייטב לך ולבניך אחריך״, זאָלסט נישט עסען קיין בלוט, כדי דו, ווי אויך די קינדער דיינע זאָלען זיין גוט, איידעל, אָהן שלעכטע אינסטינקטען...

כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום... (יג. ב.)

אַ מערקווירדיגע שטעלע געפינען מיר אין בעל-הטורים (אין די חומשים פון אַלטען דרוק) אויפ׳ן דאָזיגען פסוק, און נעמליך:

„בקרבך בגימטריא זו האשה״.

די אשה, הייסט עס, איז די נביאת השקר, וועלכע רעדט-אָן דעם מענשען צו אַלעם שלעכטען...

באמת אָבער איז דער נוסח אין די אַלטע חומשים אַ גאַנץ אַנדערער און נעמליך: „בקרבך נביא בגימטריא זו האשה ובנה״, אָבער, צוליעב פערשטענדליכע טעמים, האָט עס דער צענזאָר אויסגעמעקט...

ואת כל שלל תקבוץ אל תוך רחובה ושרפת באש... (יג. יז.)

דעריבער האָט די תורה געאָסר׳ט, אז מען טאָר נישט נהנה זיין פון אַ עיר־הנדחת און מען מוז דאס גאַנצע פערמעגען פערברענען, ווייל אויב מען וואָלט מתיר געמאַכט צו געניסען פון פערמעגען, וואָלט עס געבראַכט צו פערשיעדענע בלבולים און פראָוואָקאַציעס. בזמן מן הזמנים וואָלטען זיך געפינען פעהזאָנען, וועלכע וואָלטען פאַבריצירט בעשולדיגונגען, אונטערגע־שטעלט פאַלשע עדות און אין נאָמען פון „אידישקייט" וואָלט מען גערויבט און איינגעטיילט צווישען זיך די קאָנפיסקירטע פערמעגענס, ווי עס פלעגט פאַסירען, להבדיל, אין די צייטען פון דער „הייליגער אינקוויזיציע"... האָט דעריבער די תורה אָנגעזאָגט: „ואת כל שללה תקבוץ אל תוך רחובה ושרפת באש!" כדי עס זאָל קיינער נישט קענען האָבען דערביי קיין שום פערזענליכען און מאַטעריעלען אינטערעס...

(אורח חיים)

לא תתגודדו... (יד. א.)

„לא תתגודדו — לא תעשו אגודות אגודות" (יבמות י״ד)

דאָ רעדט זיך דאָך גאָר וועגען אַ מת, „לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת", טאָ ווי קומט דאָ אַהער דער דרש פון „לא תעשו אגודות אגודות"?

נאָר, ווי עס ווייזט אויס — האָט דערויף געזאָגט אַ געוויסער גאון בדרך הלצה — רעדט זיך דאָ נישט וועגען אַ געוועהנליכען מת, נאָר וועגען טויט פון אַן אדם חשוב, אַ רב, אָדער אַ רבי, וואָס תיכף נאָך זיין פטירה ענט־שטעהען אין די קהלות מורא׳דיגע מחלוקת׳ן, דער עולם צעטיילט זיך אין פערשיעדענע צדדים, קלייזלעך און פאַרטייען, וועלכע פיהרען צווישען זיך אַ פערביטערטע מלחמה, ווער עס זאָל זיין אַ ממלא־מקומו, און דערויף איז עס געגעבען געוואָרען די אַזהרה: „לא תעשו אגודות אגודות!"

ואכלת לפני ד׳ אלקיך וכו׳ למען תלמד ליראה... (יד. כג.)

בעת אידען — פלעגט זאָגען דער רבי ר׳ בונם, — פרעהען זיך און עסען צוזאַמען, בחברותא, איז עס „למען תלמד ליראה", איז עס מסוגל אויך דערפון אַראָבצולערנען יראת־שמים...

אַ מתנגד האָט אַמאָל געפרעגט רבי יחזקאל׳ן, דעם רבי׳ן פון קוזמיר, הלמאַי די חסידים זענען מפזר אַזויפיל געלד אויף סעודה׳לעך. איז דען נישט פיעל מעהר מצוה אַוועקצוגעבען דאָס געלד אויף צדקה, פאַר אָרימעלייט? האָט איהם דער רבי געענטפערט: ביי מעשרות האָט די תורה געהייסען, אַז אינ׳ם ערשטען יאָהר נאָך שמיטה און אין צווייטען יאָהר זאָל מען געבען מעשר ראשון און מעשר שני, ערשט אין דריטען יאָהר — מעשר ראשון און מעשר עני. דאָס זעלבע אויך אין פיערטען און פינפטען יאָהר — מעשר ראשון און מעשר שני, און ערשט אין זעקסטען יאָהר — מעשר ראשון און מעשר עני. און וואָס האָט מען דען געטהון מיט׳ן מעשר שני? מען איז זיך צונויפגעקומען אין ירושלים מיט היימישע אידען, גוטע פריינד, מיט׳ן גר, יתום ואלמנה, און מען האָט געגעסען און געטרונקען בחברותא, און ווי איהר זעהט, האָט די תורה געהייסען געבען אויף דעם צוועק צוויי מאָל אַזויפיעל, ווי אויף מעשר עני...

ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון... (טז. ז.)

עס האָט געמוזט קומען אַ בעזונדערער לאו — פלעגט זאָגען ר׳ אלי׳ חיים מייזעל — אויף צו געבען צדקה אַ ברודער אַנ׳אביון, ווייל עפ״י רוב וויל מען דוקא אַנ׳אייגענעם ברודער נישט געבען, מחמת דערפון האָט מען דאָך נישט קיין כבוד...

אויפ׳ן פסוק „ויהיו מוכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם״ (ירמי׳ י״ח) ערקלערען די חז״ל: „אמר ירמי׳ לפני הקב״ה, אפילו בשעה שמבקשין לעשות צדקה הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים״. פרעגט מען: היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אַז ירמי׳ הנביא זאָל ווינשען די אידען, אַז זיי זאָלען נכשל ווערען מיט דער מצוה פון צדקה?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי זושא האַניפּאָלער — „במדה שאדם מודד מודדין לו״ (סוטה ח׳), אויב אַ מענש איז שטרענג ביים געבען צדקה און ער איז מקפיד צו געבען נאָר אַזעלכען, וועלכער איז אַנ׳אדם הגון, איז מען אין הימעל אויך מיט איהם מקפיד, צי ער איז ראוי מען זאָל איהם גוטס טהון, דאַגעגען אַ נותן-צדקה, וועלכער קאָנטראָלירט נישט די אָרימע-לייט און ער איז זיי נישט בודק, איז מען אויך איהם נישט בודק, בעגעהט מען זיך אויך מיט איהם לפנים משורת הדין.

מיט זיין בקשה איז ירמי׳ הנביא נישט אויסען געוועזען, חלילה, צו נעהמען נקמה אין די שונאים זיינע, די רשעים, נאָר פערקעהרט: ער האָט מתפלל געוועזען, אַז השי״ת זאָל זיי בשעת׳ן געבען צדקה מכשיל זיין מיט

אנשים שאינם מהוגנים, כדי אויך זיי זאָלען בעהאַנדעלט ווערען מיט חסד, כאָטש זיי זענען לויט זייערע מעשים נישט הגון און ראוי דערצו...

נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו... (טו. י.)

„ולא ירע לבבך בתתך לו", וואָרט נישט מיט'ן געבען צדקה ביז דאָס האַרץ וועט דיר וועה טהון, ביז דו וועסט זיך געפינען, חלילה, אין אַנ'עת-צרה און אויסקוקען, אַז די צדקה זאָל דיך ראַטעווען... (בכורי אביב)

רבי דוד'ל לעלעווער און דער איד הקדוש פון פשיסכע זענען אַמאָל אַרומגעגאַנגען צונויפנעהמען נדבות פאַר אַ בכבוד'יגען יורד, זענען זיי אַריינגעקומען צו אַ גביר, אַ איד אַ קמצן, וועלכער האָט זיי פערזענליך נישט געקענט, און דערהערענדיג נאָך וואָס זיי זענען געקומען, האָט ער זיך גענומען בייזערען און שרייען: שנאָרערס! קליין זענען אַזעלכע אידען ווי איהר צו געהן אַרבייטען? — זיי האָבען איהם גאָרנישט געענטפערט און זענען אַוועק. תיכף דערויף אָבער האָט ער זיך דערוואוסט, ווער די דאָזיגע צוויי אידען זענען געווען און ווען ער האָט אַזוי מיאוס בעליידיגט... ער האָט גענומען לויפען אויף אַלע וועגען, ביז ער האָט זיי אויפגעזוכט און דאַן האָט דער גביר אָנגעהויבען וויינען פאַר זיי און בעטען, אַז זיי זאָלען איהם מוחל זיין, פערענטפערענדיג זיך, אַז ער האָט נישט געוואוסט, ווער זיי זענען און ער האָט זיי אָנגענומען פאַר געוועהנליכע קבצנים...

— מיין כבוד קאָן איך דיר מוחל זיין — ענטפערט איהם דער איד הקדוש — דען מיך האָסטו דאָך נישט געמיינט צו בעליידיגען, בעליידיגען האָסטו געוואָלט דעם אונבעקאַנטען סתם-אָרימאַן, פאַר וועלכען דו האָסט מיך אָנגענומען, און זיין כבוד האָב איך נישט קיין רעכט דיר מוחל צו זיין, עס איז נישט אין מיין רשות...

דערצו — האָט דער איד הקדוש אויסגעפיהרט — איז פאַרהאַן נור איין עצה: יעדען סתם-אָרימאַן, וואָס וועט קומען צו דיר נאָך אַ נדבה, זאָלסטו נישט אַרויסלאָזען לעדיג און ביי יעדען פון זיי זאָלסטו מחילה בעטען פאַר דער בעליידיגונג...

פתוח תפתח את ידך לאחיך לעניך... (טו. יא.)

אין דער גמרא (בבא בתרא י') ווערט דערצעהלט: „רב פפא הוה סליק בדרגא אישתמיט כרעיה בעי למיפל וכו' א"ל חייא בר רב מדפתי לרב פפא, שמא עני בא לידך ולא פרנסתו".

האָט געזאָגט דערויף רבי שאול אַמשטערדאַמער, אַז דער דאָזיגער עונש איז מרומז אין פסוק „פתוח תפתח את ידך לאחיך לעניך". אויף די ווערטער „לאחיך לעניך" איז די נגינה — „דרגא תביר"...

והלוי אֲשר בשעריך וכו'... (טז. יא.)

פאַרוואָס ביי שבועות שטעהט: „והלוי אֲשר בשעריך והגר והיתום והאַלמנה אשר בקרבך", דאַגעגען אין די ווייטערע פסוקים, ביי סוכות, שטעהט דאָס לשון אַנדערש: „והלוי והגר והיתום והאלמנה אֲשר בשעריך"?

נאָר „שער העיר" איז געווען דער פּלאַץ, וועלכער האָט געדיענט צו צוויי זאַכען. ערשטענס, איז דאָרט געווען דער מקום המשפט, ווי: „ועלתה יבמתו השערה", „והוציאו אותו אל זקני עירו ואל שער מקומו" א. אַז. וו. צווייטענס, זענען דאָרט פאָרגעקומען די פאָלקס-פערזאַמלונגען און די עפענט־ליכע צדקה-פערטיילונגען פאַר די אָרימעלייט, ווי עס ווערט געזאָגט: „מקצה שלש שנים תוציא את כל מעשר תבואתך וכו' והנחתו בשעריך"...

דעריבער ביי סוכות, וואָס דאַמאָלס איז געווען דער זמן פון פערטיילען די מעשרות און די מתנות-עניים (און דעריבער ווערט אין שמיני-עצרת געלייענט די פרשה פון „עשר תעשר") האָבען זיך פערזאַמעלט אינ'ם „שער העיר" אַלע מיני מקבלים: „הלוי והגר והיתום והאלמנה". דאַגעגען ביי שבועות ווערט בלויז וועגען לוי געזאָגט: „והלוי אֲשר בשעריך". ביי'ם פונאַנדערטיי־לען די נדבות, דעם „מסת נדבת ידך", האָבען זיך פון אַלע מקבלים בלויז די לוים דאַמאָלס געפונען בשער העיר, דען אַלע אַנדערע אָרימע לייט זענען דאַן אין דער שניט-צייט געווען צעזייהט און צעשפרייט איבער די פעלדער פון לאַנד, וואו זיי האָבען געקליבען „לקט שכחה פאה", און דעריבער ווערט וועגען זיי געזאָגט סתם: „אשר בקרבך"...

(רבי אברהם בעק)

שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך וכו'... (טז. טז.)

אין תוספות (פסחים ג') ווערט געזאָגט, אַז דעריבער האָט רבי יהודה בן בתירה נישט עולה רגל געווען קיין ירושלים, ווייל „שלא היה לו קרקע". פון וואַנען נעהמען עס די בעלי-התוספות?

דען די גמרא זאָגט (סנהדרין צ"ב): „מתים שהחיה יחזקאל עלו לארץ ישראל וכו', עמד רבי יהודה בן בתירה על רגליו ואמר: אני מבני בניהם". דערביי פיהרט די גמרא דאָרט אויס: „ומאן ניהו מתים שהחיה יחזקאל? אמר רב אלו בני אפרים שמנו לקץ וטעו".

ארץ-ישראל, זאָגען די חז"ל (בבא בתרא), איז פערטיילט געוואָרען נור

צווישען די יוצאי מצרים, אָדער די בָּאֵי־הארץ, און היות, ווי די „מתים שהחיה יחזקאל" זענען נישט געווען נישט פון די יוצאי־מצרים, נישט פון די באי־הארץ, קומט דאָך ממילא אויס, אַז רבי יהודה בן בתירה, וועלכער האָט געשטאַמט פון זיי — „לא היה לו קרקע"...

(בית יצחק אין נאָמען פון ווילנער גאון)

שופטים

שופטים ושוטרים תתן לך... (טז. יח.)

רבי יוסף שאול נאטאנזאהן פלעגט זאגען, אז דאס וואס ביי אונז האט יעדע שטאדט עטליכע רבנים, איז פון איין זייט טאקי א גרויסער חסרון, א גרויס אומגליק, אבער פון דער צווייטער זייט איז עס אויך א גרויסע מעלה, מחמת איין רב גיט דאדורך אכטונג אויפ'ן צווייטען... א דאנק דעם „שופטים ושוטרים תתן לך", וואס איהר וועט האבען א סך שופטים, איז — „ושפטו את העם משפט צדק"...

„לך — ולא לאומות העולם" (ספרי)

אין קאליש איז געווען רב דער בעריהמטער מקובל, רבי יוסף חיים קרא, וועלכער איז צוליעב א מסירה פון א קצב געצוואונגען געווען צו אנטלויפען פון דארט און ער איז אוועק קיין בערלין. אנגעקומען איז ער קיין בערלין ערב יום-כפור און פארנאכט איז ער אוועק דאווענען אין דער גרויסער בערלינער שוהל. צו „כל נדרי" איז אריינגעקומען אין שוהל דער קרוינפרינץ, וועלכער האט ליעב געהאט צו הערען דאס געזאנג פון די אידישע תפלות, איבערהויפט די תפלה פון „כל נדרי". רבי יוסף חיים האט מיט זיין וואונדערליכען הדרת פנים געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון קרוינפרינץ, וועלכער האט געפרעגט, ווער דער דאזיגער איד איז, און הערענדיג, אז דאס איז א רב, האט ער ערקלערט: „איך מעכטע זיך ווינשען, אז דער מאן זאל זיין ראבינער אין בערלין"... מוצאי יום-כפור זענען די גע-מיינדע-פארשטעהער געקומען צו רבי יוסף חיימ'ן און איהם אנגעזאגט די בשורה, אז אויפ'ן וואונש פון קרוינפרינץ, האבען זיי בעשלאסען צו אנגא-זשירען איהם אלס בערלינער רב. ווי רבי יוסף חיים האט דאס דערהערט איז ער אויפגעשפרונגען פון כעס און אויסגעשריען: וואס? ווערען א רב דורך גוים? היתכן?...

צומארגענס פריה האט ער פערלאזט בערלין און נאכ'ן ארומוואלגערען

זיך אַ לענגערע צייט נעבעכ'נד, האָט ער אָנגענומען אַ רבנות אין אַ קליין שטעדטעל, קרעמזיר (אין האַנאָווער)...

(לאות הרבי)

צום חמדת שלמה זענען אַמאָל געקומען וואַרשעווער משכילים און געפּרובט אויף איהם משפּיע זיין, ער זאָל געבען זיין הסכמה אויף צו גרינ-דען אין וואַרשא אַ רבנים-סעמינאַר, וועלכער וועט שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג.

גראָד איז דערביי געזעסען דעם חמדת שלמה'ס מחותן, רבי לייבעלע לאַנדא, ווישעגראָדער רב, רופט ער זיך אָן צו זיי:

די גמרא זאָגט, אַז לעתיד לבוא וועלען זיך די אומות-העולם פּערענט-פערען פאַר'ן רבונו של עולם און זיי וועלען אויסרעכענען וואָסערע גוטע זאַכען זיי האָבען אַלץ געטהון פאַר אידען'ס וועגען: „הרבה שווקים תקנינו, הרבה מרחצאות עשינו, הרבה כסף וזהב הרבינו, וכולם לא עשינו אלא בשביל ישראל, כדי שיעסקו בתורה" (עבודה זרה ב'). פרעגט זיך: פאַרוואָס ווערט נישט דערמאָהנט, דאָס זיי וועלען אויך צושטעלען צום רעכנונג, אַז זיי האָבען אויפגעשטעלט פאַר אידען רבנים-סעמינאַרען? דאָס וואָלט דאָך זיכער געקענט דיענען אַלס בעווייז, אַז זיי האָבען אַלץ געטהון „בשביל ישראל כדי שיעסקו בתורה"?

נאָר מוז זיין — האָט רבי לייבעלע לאַנדא אויסגעפיהרט, ווענדענדיג זיך צו די משכילים — אַז וועגען די רבנים, וואָס וועלען אַרויסוואַקסען פון די-דאָזיגע רבנים-סעמינאַרען, וועלען זיך אַפילו די גוים אַליין שעמען צו דער-מאָהנען פאַר'ן רבונו של עולם...

(דברי גדולים)

בשעת רבי לוי יצחק איז אָנגעקומען אַלס רב קיין בערדיטשעוו האָט ער אין זיין דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטען נאָכ'ן פייערליכען קבלת-פנים, געזאָגט:

די גמרא זאָגט: „הנכנס לכרך מברך שתים, אחת בכניסתו ואחת ביציאתו" (ברכות נ"ד). פרעגט זיך: דאָ רעדט זיך דאָך וועגען אַ „נכנס לכרך", טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער „אחת ביציאתו"?

נאָר דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ רב. בשעת אַ רב קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַ שטאָדט אַריין איבערנעהמען דאָס כסא-רבנות און די שטאָדטישע בעלי-בתים זענען איהם מקבל פנים בכבוד גדול, דאַרף ער אין דער זעלבער צייט אויך מתפלל זיין אויפ'ן „ביציאתו", אַז בשעת ער וועט דאַרפען אַוועקגעהן פון דער שטאָדט, זאָל ער אויך אַוועק בכבוד, מחמת עפ"י רוב קומט איהם אויס צו אַנטלויפען שפּעטער מיט בזיונות (ווי עס האָט פּאַסירט טאַקי מיט רבי לוי יצחק'ן, וועלכער איז געצוואונגען געווען צו אַנטלויפען אום הושענא רבה)...

אל תטה משפט לא תכיר פנים... (טז. יט.)

ביי רבי שמעלקע ניקעלשבורגער איז אויף דער וואנד אין דער בית־דין־שטוב געהאנגען שטענדיג א טארבע מיט א שטעקען. דאס איז געווען א ווארנונג פאר אלע בעלי־דינים און שטאדטישע תקיפים, אז ער וועט קיינעם פון זיי נישט נושא־פנים זיין, קיינעם נישט חנפ׳ענען, אז ער איז יעדע מינוט גרייט, אויב זיי וועלען איהם אבזאגען פון רבנות, צו נעהמען דעם שטעקען מיט דער טארבע און אויסוואנדערן, און ווערען באדיי א מחזר על הפתחים...

ולא תקח שוחד... (טז. יט.)

אין ילקוט געפינען מיר א מערקווירדיגען מאמר: „כל דיין שלוקח שוחד אינו נפטר מן העולם עד שיורה צדק בהוראתו״.

עס איז אין פלוג אנ׳אונפערשטענדליכער מאמר. באמת אבער איז דער פשט גאנץ איינפאך: א דיין, וועלכער געוועהנט זיך צו נעהמען שוחד, איז די ערשטע עטליכע מאל פיהלט ער נאך, אז ער איז נישט אין ארדנונג, אז ער האט אבגעטהון א מיאוסע זאך, אז צוליעב געלד איז ביי איהם רעכט געווען פאלש צו פסק׳נען. שפעטער אבער, ווען עס ווערט ביי איהם א הרגל, „אינו נפטר מן העולם עד שיורה צדק בהוראתו״, דוכט זיך איהם שוין, אז עס דארף אזוי צו זיין, אז ער בעגעהט דערמיט גאר קיין עולה נישט און— אז ער פסק׳נט אמת...

(קרני ראם)

ביי רבי שלמה קלוגער איז געווען א דיין, וועלכער האט געהינקען אויף א פוס. פלעגט רבי שלמה קלוגער זאגען אויף איהם א ווערטעל, אז אויב דער דאזיגער דיין זאל, חלילה, בלינד ווערען, וועלען דאמאלס אלע וויסען, אז דאס איז ער נענש געווארען פאר נעהמען שוחד, מחמת אנ׳אנדערער רב אויב ער ווערט בלינד, קאן מען איהם פערענטפערען, אז דאס איז געשעהען דערפאר, ווייל ער פלעגט אפשר געהן צו־גיך און „פסיעה גסה נוטלת אחת מת״ק ממאור עיניו של אדם״ (שבת קי״ג). אויף א הינקענדיגען רב אבער קאן מען דאך שוין נישט זאגען, אז דאס זאל איהם האבען געקומען צוליעב „פסיעה גסה״, איז עס דאך נישט אנדערש, ווי נאר — צוליעב שוחד...

ולא תקים לך מצבה... (טז. כב.)

אין רמב״ם פרק ג׳ הלכות סנהדרין ווערט געזאגט: „ועוד אמרו, כל המעמיד דיין שאינו הגון כאלו הקים מצבה, שנאמר ולא תקים לך מצבה״.

וואונדערט זיך דאָרט דער „כסף משנה" אויפ'ן אויסדרוק „ועוד אמרו": וואו געפינען מיר דען אין די חז"ל אַזאַ מאמר?

באמת אָבער געפינען מיר דעם דאָזיגען דרש אויפ'ן דערמאָהנטען פסוק אין תרגום יונתן בן עוזיאל.

שום תשים עליך מלך... (יז. טו.)

אין לובלין איז געווען אַ פּראָסטער איד, וועלכער האָט יעדען פרייטאָג איידער ער איז געגאַנגען אין מרחץ אַריין, געקויפט אין מאַרק עטליכע טוץ קעמלעך און אין מרחץ האָט ער די קעמלעך צוטיילט צווישען אָרימע עולם, זיי זאָלען זיך האָבען מיט וואָס צו קעמען. האָט דער רבי פון לובלין, דער „חוזה", איהם שטאַרק געריהמט דערפאַר און זיך אויסגעדריקט: יהי חלקי עמו, הלואי זאָל איך האָבען אַ חלק אין דער דאָזיגער גרויסער מצוה.

בשעת מען האָט דאָס דערצעהלט דעם דאַמאָלסדיגען לובלינער רב, רבי עזריאל חריף, דער „אייזערנער קאָפּ", האָט ער דערויף איראָניש בעמערקט, אַז פון דער גמרא איז נישט צו זעהן, אַז דאָס זאָל זיין אַ מצוה, דען אין דער גמרא ווערט דערצעהלט, אַז „בשעה שנכנס דוד לבית-המרחץ וראה עצמו ערום, אמר: אוי לי שאעמוד ערום בלא מצוה, וכיון שנזכר במילה שבבשרו נתיישבה דעתו" (מנחות מ"ג). איז אויב אַנטיילען קעמלעך זאָל טאַקי זיין, ווי דער „חוזה" זאָגט, אַזאַ גרויסע מצוה, האָט דאָך דוד המלך געקענט מיטנעהמען יעדעס מאָל אַ פּעקעל קעמלעך אין בית-המרחץ אַריין און צוטיילען זיי צווישען עולם, וואָלט ער דאָך געהאַט אַ סך מצוות...

דערויף האָט דער „חוזה", בשעת מען האָט איהם אָבגעטראָגען די דאָזיגע תשובה, געהייסען ענטפערן דעם לובלינער רב, אַז ער האָט פערגעסען אַ בפירוש'ע משנה אין סנהדרין: אַ מלך ישראל — זאָגט די משנה — „אין רואין אותו כשהוא מסתפר ולא כשהוא בבית-המרחץ, שנאמר שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך" (סנהדרין כ"ב), איז ממילא האָט דוד המלך נישט געקענט מקיים זיין די דאָזיגע מצוה, דען ער האָט געהאַט פאַר זיין געברויך אַ בעזונדערען מרחץ...

וד' אמר לכם לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד... (יז. טז.)

צו די פערשיעדענע תשובות, וואָס מיר האָבען שוין אַמאָל געבראַכט אויף דער בעקאַנטער פראַגע, ווי אַזוי האָבען זיך די אידען פון שטענדיג אָן מתיר געמאַכט צו געהן קיין מצרים, טראָץ דעם בפירוש'ן פערבאָט אין דער

תורה (זעה אין צווייטען באנד „פון אונזער אלטען אוצר" פ' מסעי), דארף אויף צוגעגעבען ווערען די ערקלערונג פון רשב"ץ (אין ספר „זהר הרקיע" ל"ת קפ"ו), אז דער דאזיגער היתר שטיצט זיך אויף א מאמר אין ירושלמי מס' סנהדרין: „לישיבה אי אתה חוזר אבל אתה חוזר לפרקמטיא". און אויב צוליעב פרקמטיא, צו האנדלען, מעג מען יא פאהרען אהין, איז מען שוין נישט עובר אויף קיין איסור אפילו ווען מען בלייבט זיצען דארט, קוים איז דאס קומען אהין געווען בהיתר...

אויף אנ'אנדער אופן ווערט וועגען דעם ערקלערט אין ריטב"א (יומא ל"ז) און נעמליך: דער איסור פון „לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד" איז געגעבען געווארען נור אויף דער צייט, ווען אידען זענען געזעסען אין זייער לאנד, אבער בזמן הזה, ווען עס איז אויף אונז נגזר געווארען צו זיין מפוזר ומפורד בכל קצוי ארץ, איז שוין נישט קיין אונטערשיעד פון מצרים ביז אנדערע לענדער...

און אין שו"ת רדב"ז (סי' ס"ג) ווערט דערויף געזאגט: „לא תוסיפון לשוב" איז משמע א ישיבת-קבע, מיר אידען אבער, אין וועלכע לענדער מיר זאלען זיך נישט געפינען, איז עס ביי אונז נישט מעהר, ווי א דירת-ארעי, דען אלע האבען מיר בדעה און אלע ווארטען מיר מיט אונגעדולד אויפ'ן טאג, ווען מיר וועלען זיך קענען צוריק אומקעהרען קיין ארץ-ישראל...

אינטערעסאנט איז אגב די שטעלע, וואס מיר געפינען וועגען דעם ענין אין ספר „כפתור ופרח", אין וועלכען דער מחבר (א רייזענדער, וועל-כער האט געלעבט עטליכע דורות נאכ'ן רמב"ם) שרייבט, אז בעת ער איז געווען אין מצרים, האט ער געהערט פון רבי שמואל, „אחד מבני בניו של הרמב"ם ז"ל", אז דער רמב"ם האט אויף איינעם פון זיינע בריעף זיך אונ-טערגעשריבען: „הכותב העובר בכל יום ג' לאוין וכו'" (דען דער רמב"ם, וועלכער האט געוואוינט אין זיינע לעצטע יאהרען אין מצרים, שרייבט אליין אין הלכות מלכים פרק ה': „ומותר לשכון בכל העולם חוץ מארץ מצרים ת' פרסה על ת' פרסה"). דערויף — פיהרט אויס דער בעל „כפתור ופרח" — האב איך איהם געטרייסט, אז דער רמב"ם איז געווען אנ'אנוס, זייענדיג געצוואונגען צו אנטלויפען פון זיין וואוין-ארט, אנדאלוזיען, און קומענדיג אלס דורכוואנדערער קיין מצרים האט ער נושא-חן געווען ביי'ם דארטיגען קאליף, וועלכער האט איהם בעשטימט אלס זיין לייב-דאקטאר און געגען זיין ווילען האט ער זיך געמוזט אונטערווארפען דעם רצון פון קאליף, דען אנדערש וואלט ער געשטעלט זיין לעבען אין געפאהר...

והיה כשבתו על כסא ממלכתו... (יז. יח.)

והיה — די גאנצע צייט פון זיין הערשאפט זאל ער זיין אזוי — כשבתו

על כסא מלכתו — ווי אינ׳ם טאג, ווען מען האט איהם אוועקגעזעצט אויף דער כסא-מלוכה, ווי אינ׳ם טאג פון דער קרוינונג, ווען יעדער הערשער איז דאן לויטער חסד און לויטער גוטסקייט...
(מלאכת מחשבת)

לבלתי רום לבבו מאחיו... (יז. כ.)

בשעת דער „חוזה״ פון לובלין האט איינמאל איבערגעלייענט די בריעף, וואס זענען צו איהם אנגעקומען, און ער האט בעמערקט, וואסערע לאנגע טיטולען און שבחים מען שרייבט צו איהם, האט ער זיך אנגערופען צום עולם:

„שירו לד׳ שיר חדש — מען דארף שוין אנהויבען צוטראכטען פאר׳ן רבונו של עולם אנדערע שירים, אנדערע תהלות ותשבחות, ווארום — תהלתו — די ביז איצטיגע תהלות ותשבחות — בקהל חסידים — האבען די חסידים שוין צוגענומען פאר זייערע רביים...

(שלמה מיימון אין זיין אויטאביאגראפיע ברענגט דאס דאזיגע ווערטעל אין נאמען פון מעזריטשער מגיד)

דער חמדת שלמה, שפאצירענדיג אמאל אויפ׳ן ווארשאווער בית-עולם און איבערלייענענדיג די אויפשריפטען אויף די מצבות און די גוזמא׳דיגע שבחים, וואס ווערען אויף זיי אויסגערעכענט, האט ער בעמערקט:

אויפ׳ן פסוק „השמת לבך אל עבדי איוב כי אין כמוהו בארץ איש תם וישר ירא אלקים וסר מרע״, זאגען די חז״ל: „גדול מה שנאמר באיוב ממה שנאמר באברהם״ (ב״ב ט״ו), אז דאס איז דער סאמע גרעסטער שבח, די סאמע העכסטע מדרגה, און דא אויפ׳ן בית-עולם ביי אייך זעה איך, אז דאס איז דער קנאפסטער טיטול אויף די געוועהנליכסטע און איינפאכסטע מצבות...

תמים תהיה עם ד׳ אלקיך... (יח. יג.)

ביי קיין שום אנדערע מצוה — פלעגט זאגען דער רבי ר׳ בונם — ווערט נישט געזאגט „עם ד׳ אלקיך״, נאר ביי תמימות, דען מיט דער דאזיגער מדה איז זעהר לייכט אבצונארען מענשען, עס איז זעהר לייכט צו פערשטעלען זיך פאר א תמים, און די תורה געפינט דעריבער פאר נויטיג צו ווארענען: „תמים תהיה עם ד׳ אלקיך״.

כאשר זמם לעשות לאחיו... (יט. יט.)

אין מכות ה׳ ווערט געזאגט אין דער משנה: „שהרי הצדוקין אומרים עד שיהרג וכו׳ אמרו להם חכמים והלא נאמר ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו והרי אחיו קיים״.

פרעגט דערויף דער ריטב״א: מיר געפינען דאָך בפירוש אין פסוק, אַז אויך לאַחר מיתה ווערט אַ ברודער אָנגערופען „אחיו", ווי ביי מצות יבום: „להקים לאחיו שם", ווי אויך ביי שרפת נדב ואביהוא: „קרבו שאו את אחיכם"?

אויף דער דאָזיגער באמת האַרבער קשיא האָט געענטפערט אַ זעהר לאָגישען תירוץ רבי עזריאל הילדעסהיימער, און נעמליך: ביי „להקים לאחיו שם", ווי אויך ביי „קרבו שאו את אחיכם", רעדט זיך וועגען לייבליכע ברי־דער און אַ לייבליכער ברודער ווערט טאַקי אָנגערופען „אח" אויך לאחר מיתה. דאָ אָבער ביי „כאשר זמם לעשות לאחיו" קען מען דאָך נישט מיינען קיין לייבליכען ברודער, דען אַ לייבליכער ברודער איז דאָך פסול לעדות און מיט'ן וואָרט „אחיו" ווערט אָנגערופען יעדער איד, ווייל, ווי עס זאָגט דערויף דער דרש: „אחיו הוא במצוות" (ב״ק פ״ח). נאָכ'ן טויט איז שוין אָבער נישט שייך צו זאָגען: „אחיו הוא במצוות", דען — „במתים חפשי, כיון שאדם מת נעשה חפשי מן המצוות", וממילא געשיקט זיך שוין נישט דאַמאָלס דער אויסדרוק „אחיו"...

לא תשחית את עצה... (כ. יט.)

„אמר רב פפא, האי מאן דאיפשר למשתי שיכרא ושתי חמרא עובר משום כל תשחית ולאו מילתא היא, בל תשחית דגופא עדיף" (שבת ק״מ)

דערויף געפינען מיר דאָרט אין מהרש״א פאָלגענדע פלא'דיגע בעמערקונג: „ולאו מלתא היא, אלא רב פפא לטובת עצמו אמרה, שהוא היה עושה שכר"...

כִּי תֵצֵא

לא תלין את נבלתו על העץ כי קבור תקברנו ביום ההוא... (כא. כג.)

פונדאַנען ווערט אין דער גמרא (סנהדרין מ״ז) אַרויסגעלערנט דער איסור פון „הלנת המת״, אַז מען טאָר נישט לאָזען ליגען קיין מת איבער־נאַכט (אַלס אסמכתא צו דעם איסור פלעגט מען זיך אויך בענוצען בדרך־מליצה מיט׳ן פסוק אין תהלים: „תצא רוחו ישוב לאדמתו — ביום ההוא״...) משה מענדעלסאָן האָט זיך בשעתו געהאַט אַרויסגעזאָגט געגען אָנווענדען דעם דאָזיגען איסור בזמן הזה, ערקלערענדיג, אַז די היינטיגע מעדיצין ווייסט נישט פון קיין אַנדערע סימפטאָמען, וואָס זאָלען אויף זיכער פעסטשטעלען דעם טוידט, ווי נור „עיכול הבשר״, ווען דער קערפּער הויבט אָן פוילען, און גאַנץ אָפט קומט דאָס ערשט אויפ׳ן דריטען טאָג. ער האָט זיך דערביי געשטיצט אויף דער משנה אין סוף נדה: „הזב והזבה וכו׳ מטמאין עד שיתעכל הבשר״, ווי אויך אויפ׳ן מאמר אין מס׳ שמחות פ״ח, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז „פוקדין על המתים עד ג׳ ימים״ און עס ווערט דאָרט דערצעהלט וועגען איינעם, וועלכער האָט אויפ׳ן דריטען טאָג, נאָכדעם ווי מען האָט איהם שוין געהאַלטען פאַר טוידט, זיך אומגעקעהרט צוריק צום לעבען און ער האָט נאָכהער געלעבט פינף און צוואַנציג יאָהר. דער איסור פון הלנת המת — האָט מענדעלסאָן ערקלערט — האָט געהאַט אַנ׳אָרט נור בזמן התלמוד, ווען מען האָט די מתים קובר געווען אין אָפענע מערות און במשך פון די דריי טעג האָבען די קרובים געהאַט די מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען דעם צו־שטאַנד פון נפטר, אָנקלאַפּענדיג יעדעס מאָל אין זיין ארון, דאַגעגען אין אונזער צייט, ווען דער בר־מינן ווערט בעגראָבען אין דער ערד און מען קאָן מעהר נישט צוקומען צו איהם, איז עס אַ פראַגע פון פקוח־נפש... געגען דעם איז דאַן זעהר שאַרף אַרויסגעטרעטען דער חתם־סופר (שו״ת), וועל־כער ווייזט אָן, אַז ביי הלנת המת איז מען עובר אויף אַנ׳עשה און אַ לא תעשה: „לא תלין״ און „קבור תקברנה״, און אַז דער דאָזיגער שיעור מיתה איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען מסיני. פון דער משנה אין נדה איז קיין ראיה נישט, דען דאָרט רעדט זיך נישט וועגען מיתה. עס איז אויך קיין ראיה נישט פון דער מעשה, וואָס ווערט דערצעהלט אין מס׳ שמחות,

דען דאָס איז אַ גאַנץ זעלטענער און ווייטער יצופאַל, וואָס קאָן אפשר פּאַסירען איין מאָל אין טויזענד יאָהר. מען טאָר, אַלזאָ, אויף קיין פאַל נישט אָבטרעטען פון דאָזיגען איסור, סיידען אין די מדינות, וואו עס הערשט געגען דעם אַ גזירת־המלכות...

לא יהיה כלי גבר על אשה... (כב. ה.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „לא יהיה גוליין (מלבוש) בציצית ותפילין דהינון תקוני גבר על איתתא".

דאָגעגען געפינען מיר אין דער גמרא: „מיכל בת כושי (בת שאול) היתה מנחת תפילין ולא מיחו בה חכמים" (עירובין צ"ו)...

כי יקרא קן צפור לפניך... (כב. ו.)

„האומר על קן צפור יגיעו רחמיך וכו' משתקין אותו" (ברכות ל"ג). דערויף זאָגט דאָרט רש"י אויפ'ן אָרט: „שעושה מדותיו של הקב"ה רחמים והן אינן אלא גזירות המלך על עבדיו", און אַזוי ווערט אויך ערקלערט אין רמב"ם און אין ר"ן — „ואין הדבר כן שאילו הי' דרך רחמנות לא צוה לשחוט חיה או עוף כלל, אבל היא מצוה מקובלת ואין לה טעם".

דאָגעגען אין מדרש פון דער דאָזיגער סדרה ווערט געזאָגט בפירוש: „וכשם שנתן הקב"ה רחמים על הבהמה כך נתמלא רחמים על העופות, מנין, שנאמר כי יקרא קן צפור לפניך"...

לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדו... (כב. יא.)

פון אַלע ערקלערונגען, וואָס ווערען געגעבען וועגען דעם איסור פון שעטנז (אין „מורה נבוכים", למשל, ווערט דער דאָזיגער איסור בעגרינדעט דערמיט, ווייל די בעלי כשפים פלעגען זיך פערצייטענס בענוצען ביים כשוף מיט קליידער פון צמר ופשתים), איז אַמ'פשוט'סטען די ערקלערונג פון חזקוני און נעמליך:

כידוע זענען די בגדי הכהנים געמאַכט געוואָרען פון שעטנז, פון צמר ופשתים, און דעריבער איז אויפ'ן זר גע'אָסר'ט געוואָרען, ער זאָל נישט אָנטהון קיין שעטנז, דען דער זר טאָר זיך נישט קליידען אין די בגדי הכהנים...

ולו תהיה לאשה לא יוכל לשלחה כל ימיו... (כב. יט.)

דאָס איז דער האַרבסטער עונש, מיט וועלכען מען האָט געקענט קנס'נען דעם מוציא שם רע — „לא יוכל לשלחה כל ימיו", אַ גאַנצען לעבען זאָל

ער מוזען וואוינען מיט איהר, קיינמאָל זאָל ער זיך פון איהר נישט קענען שיידען!...

גם דור עשירי לא יבא להם בקהל ד׳... (כג. ג.)

דער ערשטער דור, וואָס ווערט געבוירען פון אַ געמישטע חתונה מיט אַ ממזר, איז שוין אַליין נאָר אַ האַלבער ממזר, דער צווייטער דור — אַ פיערטעל, דער דריטער דור — אַן׳אַכטעל, דער פיערטער — אַ זעכצעהנטעל, דער פינפטער — אַ 32־סטעל, דער זעקסטער — אַ 64־סטעל, דער זיבעטער — אַ 128־סטעל, דער אַכטער — אַ 256־סטעל, דער נײַנטער — אַ 512־טעל, דער צעהנטער — אַ 1024־סטעל, און דעריבער ווערט אַנגעגעבען אַלס בײַשפּיעל: „גם דור עשירי״, אַפילו דער צעהנטער דור, וועלכער האָט שוין אין זיך וועניגער ווי אַ טויזענדס חלק ממזר, טאָר אויך נישט קומען בקהל, דען — „בריה אפילו באלף לא בטל״...

(רבי לייביש חריף)

על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים... (כג. ה.)

דער דובנער מגיד האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז וואָס פאַר אַ פסוק מען זאָל איהם נישט אויפמישען פיהלט ער זיך ביכולת צו פרעגען דערויף אַ קשיא עפ״י משל און צו ענטפערען מיט אַ משל.

די פערוואונדערטע צוהערער האָבען געעפענט אַ חומש און צופעליג גראָד אויפגעמישט דעם פסוק: „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ד׳״. דער דובנער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטהון און אָנגעהויבען:

אַ גביר האָט אַ שידוך געטהון מיט אַ טאָכטער, און מחמת דעם חתנ׳ס צד האָט געוואוינט זעהר ווייט, איז געוואָרען אָבגעשמועסט, אַז די תנאים זאָלען געפּראַוועט ווערען אין מיטען וועג, אין אַ קרעטשמע. דער כלה׳ס פאָטער איז אַרויסגעפאָהרען פון דערהיים פריהער, בכדי מקבל פנים צו זײַן די מחותנים, און די מחותנת׳טע האָט געזאָלט קומען שפּעטער צוזאַמען מיט׳ן איבריגען בני־בית און מיט אַלע שפּייז־פּראָדוקטען, וואָס מען האָט צוגעגרייט מכל טוב אויפ׳ן נגידישען שטייגער. פלוצים, ווי דער אבי־הכלה זיצט זיך אַזוי אין דער קרעטשמע און פערברענגט מיט׳ן מחותן, קומט אַרײַנצולויפען אַ פערסאָפּעטער איינער פון זײַנע קינדער און שרײַט אויס: אוי וועה, טאַטע! אויפ׳ן וועג האָט זיך די פוהר מיט׳ן עסענוואַרג איבערגעקעהרט, די פיש און פלייש און דאָס גאַנצע געבעקס, אַלץ איז קאַליע געוואָרען, די פלעשער מיט די ווײַנען און בראַנפען זענען צובראָכען געוואָרען... יאָ, און אַ חוץ דעם, טאַטע, איז אויך די מאַמע גע׳הרג׳עט געוואָרען...

דער עיקר איז ביי׳ם דאָזיגען נאַרישען קינד געווען דער שאָדען פונ׳ם פיש און פלייש. אַז די מאַמע איז גע׳הרג׳עט געוואָרען האָט ער זיך ערשט דערמאָהנט צום סוף, ווי אַ נעבען-זאַך...

היתכן? דער פסוק געהט אונז דערצעהלען וועגען דער אונמענשליכער האַנדלונג פון עמון ומואב, רעכענט ער אויס פריהער: „על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים״, באַשר זיי האָבען אונז נישט אַנטקעגענגעטראָגען קיין ברויט און וואַסער, און ערשט דערנאָך פיהרט ער אויס: „ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור מפתור ארם נהרים לקללך״, אַז זיי האָבען געדונגען בלעם׳ן, ער זאָל מיט זיינע קללות אומברענגען די אידען, גלייך, ווי דער עיקר וואָלט געווען דער „לחם ומים״, און דאָס וועלען אומברענגען די אידען וואָלט געווען בלויז אַ נעבען-זאַך, אַ טפל, ווי געשיקט זיך עס?...

נאָר מיר וועלען עס פערענטפערען — האָט דער דובנער אויסגעפיהרט — מיט אַ משל:

אַן׳אָרענדאַר איז אַמאָל געקומען אין אַ ישיבה אַריין און געבעטען דעם ראש-ישיבה, אַז ער וויל חתונה מאַכען זיין טאָכטער מיט אַ בן-תורה, לכן וואָלט ער וועלען, מען זאָל איהם אויסקלויבען עפּעס אַ לייטישען איידע-לען בחור, אַ וואויל לערנער, וועלכען ער איז זיך מתחייב אָבצוהיטען ווי אַן׳אבן-טוב און געבען איהם אייביגע קעסט. וכך הוה.

נאָך דער חתונה דערלאַנגט מען דעם איידעם צו פריהשטיק אַן׳אַלטען לאַבען שוואַרץ ברויט מיט באָרשטש. דער יונגערמאַן נעהמט גריזשען דאָס האַרטע ברויט, קוים וואָס ער קאָן שלינגען דערפון אַ ביסען. ביינאַכט צו וועטשערע — ווידער דאָס זעלבע מאַכל, אַלט ברויט מיט באָרשטש, און אַזוי יעדען טאָג. דער איידעלער יונגערמאַן, נישט קענענדיג פערדייהען דאָס שווערע מאַכל, האָט וואָס אַמאָל געגעסען ווייניגער און מיט יעדען טאָג איז ער געוואָרען בלאַסער און איינגעדאַרטער. דער שווער, דערזעהענדיג, אַז דער איידעם פאַלט פון די כוחות, האָט ער אָנגעהויבען שרייען און בייזערען זיך אויף איהם, פאַרוואָס ער עסט נישט, און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפען, האָט ער געדונגען צוויי גוים פון דאָרף, געגעבען יעדען פון זיי צו גילדען אַ טאָג, זיי זאָלען פילנעווען דעם איידעם און אַכטונג געבען, אַז ער זאָל עסען. די גוים האָבען אַזוי געטהון, צו יעדען מאָלצייט פלעגען זיי זיך אוועק-שטעלען ביי׳ם איידעם מיט אַ בייטש אין דער האַנד און ווי נאָר ער האָט אָוועקגערוקט דעם לאַבען ברויט האָבען זיי איהם געשלאָגען מיט דער בייטש און געצוואונגען ער זאָל עסען...

אַ צוקיילטער, אַ צושלאָגענער, האָט זיך דער יונגערמאַן איינמאָל ביי-נאַכט אַרויסגע׳גנב׳עט פון דאָרף און איז אַנטלאָפען צוריק אין דער ישיבה אַריין, וואו ער האָט אַלץ דערצעהלט דעם ראש-ישיבה. צומאָרגענס איז דער

שווער, דער אַרענדאַר, געקומען צולויפען מיט אַ געוואַלד, הלמאַי דער איידעם איז אַנטלאָפען פון איהם, און אויף די פּאָרוואורפען פון ראש-ישיבה, פאַר-וואָס ער פייניגט איהם און גיט איהם נישט צו עסען, האָט ער געענטפערט, אַז מעהר ווי שוואַרץ ברויט מיט באָרשטש קען ער זיך נישט פערגינען. דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער איז דער ראש-ישיבה אַרויס אויף איהם מיט קולות: דו מחוצף איינער! אויף צו דינגען יעדען טאָג צוויי גוים, זיי זאָלען איהם צווינגען צו עסען דעם האַרטען לאַבען ברויט, דאָס קענסטו דיר יאָ פערגינען, דערויף האָסטו געלד, נאָר אויף צו געבען איהם אַ ביסעל בעסערע קעסט, דערויף האָסטו קיין געלד נישט?...

און דאָס זאָגט דער פּסוק: „על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים". איי וועט איהר זאָגען, אַז אפשר איז עס געווען מחמת אָרימקייט, אפשר זענען זיי נישט אימשטאַנד געווען מכבד צו זיין די דורכוואַנדערענדע אידען מיט לחם ומים?... האָבען מיר דאָך אָבער גלייך געזעהען, אַז „ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור וכו' לקללך", אַז זיי האָבען געדונגען אַ גוי און איהם צוגעזאָגט: „כבד אכבדך מאד וכל אשר תאמר אעשה"; איז אויף צו שעלטען די אידען האָבען זיי יאָ געהאַט געלד, נאָר אויף ברויט און וואַסער נישט?... (געהערט)

לא תתעב אדומי כי אחיך הוא... (כג. ח.)

רבי אפרים זלמן מרגליות, וועלכער איז אַ חוץ אַ גרויסער גאון אויך געווען אַ גרויסער נגיד, איז אַמאָל בעשטייערט געוואָרען פון דער שטאָדט-מאַכט מיט אַ ריעזיגע געלד-סומע. איינער פון זיינע גוטע פריינד איז דאַן אַוועק צו דער מאַכט אינטערווענירען וועגען דעם און דאָרט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער האָט עס צו פערדאַנקען אַ אידיש מסירה'לע. האָט ער דאַן אַוועקגעשיקט צו רבי אפרים זלמנ'ען אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט געשריבען: „לא תתעב אדומי—האָב נישט קיין טענות צו אדומ'ן, צו די גוים — כי אחיך הוא", דען דאָס איז דיינע ברידערס אַ שטיקעל אַרבעט, „יד ישראל באמצע"...

מוצא שפתיך תשמור... (כג. כד.)

רבי אייזיל סלאָנימער האָט אַמאָל גע'מוסר'ט איינעם פון די בעלי-בתים, אַ איד אַ נגיד, וועלכער פלעגט האָבען אַ טבע מנדר צו זיין נדרים און נישט צו בעצאָהלען, און צווישען אַנדערע שטרענגע דבורים האָט ער איהם דערמאָהנט אין דער גמרא, אַז „בעון נדרים אשתו מתה".

— רבי — רופט זיך אָן אַ איד, וואָס איז געשטאַנען דערבּיי—ער האָט נעבּיך, אַ ווייב אַ מרשעת און דערפאַר טאַקי בעצאָהלט ער נישט די נדרים...

— די תורה האָט אויך דאָס פּאָראויסגעזעהען — ענטפערט דערויף רבי אייזיל — און אויך וועגען דעם וואָרענט זי אונז, דען, כידוע, ווערט אַ גוט ווייב אָנגערופען אין די חז״ל „מצא״ („מצא אשה מצא טוב״), און אַ שלעכט ווייב — „מוצא״ („ומוצא אני מר ממות את האשה״). די תורה, אַלזאָ, וואָרענט אונז: „מוצא שפתיך תשמור״, אפילו ווען דו האָסט אַ ווייב אַ „מוצא״, זאָל אייך זיין „שפתיך תשמור״ און נישט וועלען פון איהר פּטור ווערען דורך פאַלשע נדרים...

צום סאָכאַטשעווער רב, רבי אלעזר הכהן, בשעת ער האָט חתונה געהאַט, האָט איינער פון די גדולים צוגעשיקט אַ מזל-טוב, וועלכער איז בעשטאַנען בלויז פון דריי ווערטער: „וקמץ ממנה הכהן״.

אין תחילת האָט קיינער נישט פערשטאַנען דעם פּשט, ביז איינער פון די לומדים האָט זיך ענדליך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַנ׳אָנצוהערעניש אויף דער גמרא, אַז אין ארץ-ישראל פלעגט מען פרעגען ביי יעדען נאָך דער חתונה: „מצא או מוצא״, צי ער האָט גוט געטראָפען און „מצא אשה מצא טוב״, אָדער ער איז נכשל געוואָרען מיט אַ אשה רעה און „מוצא אני מר ממות את האשה״. אינ׳ם צוגעשיקטען מזל-טוב איז, אַלזאָ, אויסגעדריקט געוואָרען דער וואונש: „וקמץ ממנה הכהן״, אַז דער חתן-דנן, רבי אלעזר הכהן, זאָל האָבען געטראָפען נישט אויף קיין „מוצא״, נאָר אויף אַ „מצא״ — מיט אַ קמץ...

כי יקח איש אשה... (כד. א.)

בשעת רבי אַברהמ׳לע סאָכאַטשעווער איז נאָך געווען אַנ׳עלף יעהריג יונגעל און ער האָט שוין דאַן גע׳שמ׳ט אין דער וועלט אַלס אַנ׳אונגעוועהנליכער עלוי, האָט רבי חיים צאַנזער געשיקט נאָך איהם, וועלענדיג איהם נעהמען פאַר אַ חתן. דער פאָטער, דער ביאַלער רב, רבי נחום זאב, איז געפאָהרען מיט איהם קיין צאַנז און רבי חיים האָט איהם גענומען „פּרובען״ אין לערנען. גראָד האָט זיך רבי חיים דאַן געאיילט צו געהן אין מקוה אריין, האָט ער איהם אין איילעניש געוויזען אַ שווערע רש״י אין טהרות און איהם געגעבען צייט, אַז ביז ער וועט קומען צוריק פון מקוה, זאָל ער אויסגעפינען דעם ריכטיגען פּשט. רבי חיים האָט אָנגעטהון דעם באַלאַט און שוין געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער דאָ האָט איהם דער עלף-יעהריגער עלוי אָבגעשטעלט און ערקלערט, אַז ער קאָן איהם זאָגען פּשט נאָך פאַר דער מקוה. רבי חיים האָט אויסגעהערט דעם פּשט, וועלכער האָט ביי איהם שטאַרק אויסגענומען, און דאַן האָט ער געשמועסט מיט איהם אַ לענ-

גערע צייט אין לערנען און — ער האָט מסכים געווען אויפ'ן שידוך. פאַר די תנאים האָט ער איהם ווידער גענומען „פּרובען", שטעלענדיג איהם פער־שיעדענע שווערע קשיות. דעם חתן-בחור האָט עס שוין אַביסעל פערדראָסען וואָס ער מאַטערט איהם אַזוי פיעל און ער רופט זיך דאַן אָן צו איהם: אייגענטליך, איז פּונקט ווי עס איז אַ מנהג אַז דער מחותן זאָל פּרובען דעם חתן, צי ער איז נישט קיין עם-הארץ, ווייל „המשיא בתו לע"ה כאלו כפתה ונתנה לפני הארי" (פסחים מ"ט), וואָלט מען אויך דעם מחותן געדאַרפט פּרובען, דען „לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת ת"ח". נאָר פאַרוואָס פּרובט מען נישט דעם מחותן, ווייל מען פערלאָזט זיך דערויף, וואָס מען האָט איהם שוין איינמאָל געפּרובט, בשעת ער אַליין איז געוואָרען אַ חתן... וויבאַלד אָבער איהר זענט נישט יוצא מיט איינמאָל און איהר ווילט מיך פּרובען נאָכאַמאָל, דאַרף מען דאָך אייך אויך נאָכאַמאָל פּרובען...

אַגב, דער שידוך איז פונדעסטוועגען נישט צושטאַנד געקומען, ווייל — ווי די חסידים דערצעהלען — זאָל רבי חיים צאַנזער, וועלכער איז געווען אַ געגנער פון קאָצקער חסידות, איהם האָבען געשטעלט אַ תנאי, אַז נאָך דער חתונה זאָל ער פאָהרען אַלס חסיד קיין בעלז, אויף וואָס רבי אַברהם'לע זאָל איהם האָבען געענטפערט, אַז ער האָט שוין אַ רבי'ן און ער פערלאַנגט טאַקי אַלס תנאי, אַז נאָך דער חתונה זאָל רבי חיים פאָהרען מיט איהם צוזאַמען קיין קאָצק... און צוליעב דעם איז פון שידוך נישט געוואָרען.

והיה אם לא תמצא חן בעיניו וכו' וכתב לה ספר כריתות... (כד. א.)

וועגען דעם איז פאַרהאַן ביי די חז"ל אַ חלוקי-דעות: „בית שמאי אומרים לא יגרש אדם את אשתו אלא אם כן מצא בה ערות דבר וכו' רבי עקיבא אומר אפילו מצא אחרת נאה הימנה וכו'" (גטין צ.), דערויף ווערט דאָרט אויסגעפיהרט אין דער גמרא: „ולא פליגי, הא בזוג ראשון הא בזוג שני", אַז ביי זוג ראשון קאָן ער איהר אַנדערש נישט גט'ן סיידען נור „אם מצא בה ערות דבר", דאַגעגען ביי זוג שני איז גענוג ווען אַפילו ער האָט איהר סתם פיינד געקריגען, ווייל „מצא אחרת נאה הימנה".

ווייזט אָן דער ווילנער גאון, אַז דאָס ווערט בפירוש אויסגעדריקט דאָ אין פסוק: „כי יקח איש אשה ובעלה — אַלזאָ, ביי זוג ראשון — והיה אם לא תמצא חן בעיניו כי מצא בה ערות דבר", דאַרף די סיבה דוקא זיין, ווייל „כי מצא בה ערות דבר", דאַגעגען בשעת „והלכה והיתה לאיש אחר" — ביי זוג שני, דאַן — „ושנאה האיש האחרון וכתב לה ספר כריתות",

איז סתם שנאה אָהן שום אורזאַך, איך שוין אַ גענוגענדער גרונד צו אַ גט...

(דאָס זעלבע אויך אין „דברי שאול" פון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן... (כה. יג.)

צום דובנער מורה־הוראה רבי אליהו (אַ חבר פון דובנער מגיד) זענען אַמאָל געקומען צו אַ דין־תורה צוויי בעלי־דינים, אַ מוכר און אַ קונה, וועלכע האָבען זיך געגענזייטיג בעשולדיגט: דער מוכר האָט פערקלאָגט דעם קונה, אַז ער האָט איהם אָבגענאַרט, געבענדיג איהם פאַר דער סחורה, וואָס ער האָט איהם פערקויפט, אַ פאַלש וועקסעל מיט אַ געפעלשטען אונטערשריפט. דער קונה ווידער האָט גע׳טענה׳ט, אַז דער מוכר האָט איהם אָבגענאַרט מיט דער סחורה, געגעבען איהם נישט דאָס, וואָס ער האָט בעשטעלט, סאָמע פסולת, דערצו האָט אויך געפעלט צו דער וואָג... אויסהערענדיג די טענות און צו־זעהענדיג, וואָס פאַר אַ שקר עס הערשט אין היינטיגען עולם־המסחר, רופט זיך אָן רבי אליהו, אַז דאָס, אפנים, איז דער פשט פון פסוק: „כספך היה לסיגים סבאך מהול במים" (ישעי׳ א׳). דער נביא קלאָגט זיך, אַז דאָס רמאות האָט שוין אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז מען נאַרט זיך און מען בעשוויני־דעלט זיך געגענזייטיג. „כספך היה לסיגים", דער קונה נאַרט אָב דעם מוכר מיט פאַלש געלד, פאַלשע וועקסלען, און „סבאך מהול במים", דער מוכר דעם קונה — מיט פאַלשע סחורה, געמישט מיט וואַסער...

תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח... (כה. יט.)

דאָ איז נישט דער טייטש „לא תשכח", דו זאָלסט נישט פערגעסען, דען עס שטעהט דאָך שוין פריהער: „זכור את אשר עשה לך עמלק", נאָר — דו וועסט נישט פערגעסען. עמלק וועט שטענדיג און איבעראַל אַלץ טהון פון זיין זייט, אַז דו זאָלסט, חלילה, נישט פערגעסען אין איהם...

(חקר דבר)

כי תבוא

והיה כי תבוא אל הארץ... (כו. א)

„עשה מצוה האמורה בענין שבשכרה תכנס לארץ" (ספרי)

פרעגט מען: די מצוה פון בכורים געהער דאך צו די „מצוות התלויות בארץ", וועלכע מען איז מחויב נור אין ארץ-ישראל, אבער נישט פריהער, טא ווי געשיקט זיך זאגען „שבשכרה תכנס לארץ"?

די דאזיגע קשיא ווערט געפרעגט פון חתם-סופר ווי אויך פון פנים יפות און עס ווערט נישט געגעבען דערויף קיין ריכטיג לאגישער ענטפער.

וירעו אותנו המצרים ויענונו... (כו. ו.)

„וירעו אותנו", זיי האבען אונז שלעכט געמאכט. צוליעב דער עבודה קשה, מיט וועלכער זיי האבען אונז געפייניגט, צווינגענדיג אונז צו לעבען אין די אונערטרעגליכסטע בעדינגונגען, האבען זיי אונז דערפיהרט דערצו, אז מיר זאלען ווערען צווישען זיך גופא שלעכט און אונברחמנות'דיג איינער צום צווייטען...

(אלשיך)

וד' האמירך היום להיות לו לעם סגולה וכו' ולשמור כל מצותיו... (כו. יח.)

עס שטעהט דאך שוין אין פריהערדיגען פסוק: „ולשמור חקיו ומצותיו ומשפטיו ולשמוע בקולו"?

נאר דער „ולשמור כל מצותיו" -- פלעגט זאגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — געהט דא ארויף אויפ'ן רבונו של עולם. אויך השי"ת האט לגבי אונז צו ערפילען געוויסע מצוות און פערפליכטונגען, די מצוה פון „פעולת שכיר" און -- „בני חיי ומזוני"...

ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך וכו׳... (כח. ב.)

אויך דאָס גופא איז אַ ברכה. נישטאָ קיין גרעסערער נסיון פאַר אַ מענש, ווי דער נסיון פון עשירות: „פן תאכל ושבעת וכו׳ ורם לבבך ושכחת את ד׳ אלקיך" און „וישמן ישורון ויבעט". אַלס הקדמה צו די ווייטער אויס־גערעכענטע ברכות קומט, אַלזאָ, פריהער די סאַמע נויטיגסטע און וויכטיגסטע ברכה, אַז „ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך", אַז כאָטש דו וועסט געבענטשט ווערען מיט די אַלע ברכות, דאָך וועט עס דיך נישט אַראָבפיהרען פון וועג און עס וועט ביי דיר ווייטער זיין דער „כי תשמע בקול ד׳ אלקיך"...

(רעיונות וחומר לדרוש)

והיית ממשש בצהרים כאשר ימשש העור באפלה... (כח. כט.)

עס וואָלט דאָך געווען גענוג, עס זאָל שטעהן בלויז „כאשר ימשש העור", אָהן דעם וואָרט „באפלה", וואָרום וואָס איז דען פאַר דעם בלינדען אַ ג׳אונטערשיעד, צו ער טאַפּט אין דער פינסטער, אָדער אין דער ליכטיגקייט, אַלץ איינס זעהט ער דאָך נישט?

נאָר דער אונטערשיעד איז, וואָס בשעת עס איז ליכטיג, ווערט ער בעמערקט דורך די פאַרבייגעהער, וועלכע זענען זיך מרחם אויף איהם און געבען אַכטונג, ער זאָל, חלילה, נישט געשטרויכעלט ווערען און זיי העלפען איהם געהן אויפ׳ן ריכטיגען וועג. אַנדערש אָבער איז, ווען דער בלינדער געהט אין דער פינסטער, וואו ער ווערט נישט בעמערקט און נישט געזע־העז פון קיינעם, וואָס זאָל איהם צו־הילף קומען און ער איז דאָן אויסגע־שטעלט אויף אַ זיכערע געפאַהר.

און דאָס איז דער זין פון דער דאָזיגער קללה אין דער תוכחה: די אידען וועלען זיך געפינען אין אַזאַ מורא׳דיגען מצב, אין אַזאַ ירידה־צו־שטאַנד, „כאשר ימשש העור באפלה", ווי אַ בלינדער, וואָס טאַפּט אין דער פינסטער. עס וועט נישט זיין קיינער, וואָס זאָל זיך אויף זיי אַרומ־קוקען און זיי אַ האַנד אויסשטרעקען און אין גלייכען וועג פיהרען...

(אור המוסר)

והיית אך עשוק וגזול כל הימים... (כח. כט.)

„והיית אך עשוק — בכל מעשיך יהיה ערעור" (רש״י)

פון אַלע דיינע מעשים, הייסט עס, וואָס דו זאָלסט נישט טהון און ווי אַזוי דו זאָלסט זיך נישט אויפפיהרען, וועט מען אַלץ פון דיר זיין אונצופרידען...

כאראקטעריסטיש פאר דער דאזיגער בעקאנטער בעציהונג צו אידען איז די מעשה, וואס ווערט דערצעהלט אין מדרש (מדרש תהלים י״ב): א רוימישע מטרוניתא האט פערלוירען א קעסטעל מיט גאלדענע מטבעות. האט עס א איד געפונען און איהר אבגעבראכט. די מטרוניתא האט זיך שטארק דערפרעהט און זי האט איהם געדאנקט און פערענדיגט איהר דאנק האט זי מיט א „ברכה״, אז נאך אזעלכע אידען, ווי ער, זאלען זיך נישט געפינען מעהר... ווייל — האט זי זיך דאן געוועגדעט צו די מקורבים איהרע, וועלכע האבען זיך געוואונדערט אויפ׳ן דאזיגען מאדנעם וואונש איהרען — ווען עס זאלען זיין, חלילה, א סך אזעלכע אידען, „אנן לא הוינן בעלמא״, וואלט פאר אונז קיין ארט נישט געווען אויף דער וועלט, ווארום ווי אזוי וואלטען מיר דאן אויסגעזעהען, וואס פאר א פנים וואלטען מיר געהאט געגען זיי?...

הוא יַלְוְךָ ואתה לא תַלְוֶנּוּ.. (כח. מד.)

די צארישע רעגירונג אין רוסלאנד האט געהאט ארויסגעגעבען א פער־ארדנונג, אז די אידען האבען נישט דאס רעכט צו געניסען פון רעגירונגס־קרעדיט, די מלוכה־בענק טארען נישט געבען די אידישע סוחרים קיין הלואות.

האט דאן געזאגט דערויף רבי יצחק אלחנן: מערקווירדיג! אלס איינע פון די קללות אין דער תוכחה ווערט געזאגט: „הוא ילוך ואתה לא תלונו״. ער, דער שונא, וועט דיר יא לייהען, ווייל ער וועט האבען געלד, דו אבער וועסט איהם נישט לייהען, ווייל דו וועסט נישט האבען קיין געלד. אזוי ווייט אבער, אז ער זאל האבען געלד און דיר נישט וועלען לייהען, דאס, זעהט אויס, האט אפילו די תוכחה נישט פאראויסגעזעהען...

וְהֵצַר לך בכל שעריך בכל ארצך... (כח. נב.)

דאס איז איינע פון די שווערסטע קללות אין דער תוכחה. נישט־נור אין גלות וועט דיך דער שונא פייניגען, נאר „והצר לך בכל שעריך בכל ארצך״. ביי דיר, אין דיין לאנד, וועט ער זיצען אלס פערוואלטער און דיך רודפ׳ן און שיקאנירען מיט כל מיני נגישות...

(בינה במקרא)

וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת... (כח. סא.)

גאנץ אפט — פלעגט זאגען רבי שלמה קלוגער — ענטשטעהען ביי אונז וויסטע קריגערייען און ארומרייסענישען, וואס זענען גורם צו פער־שיעדענע מכות און חורבנות, צוליעב אזעלכע זאכען, „אשר לא כתוב בספר

התורה הזאת״, וואָס שטעהען לגמרי אין דער תורה נישט געשריבען און מען איז זיי אַליין מחדש, מיט אייגענע סברות און פּשט׳לעך, וועלכע מען פּרובט בגוואַלד אַנהענגען אין דער תורה...

„וכל מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים״.

אויב די תורה האָט צוליעב געוויסע טעמים נישט געפינען פאַר נויטיג אַרויסצושרייבען בפירוש די דאָזיגע קללה, טאָ פאַרוואָס זענען עס די חז״ל יאָ מגלה?

נאָר אין דער גמרא געפינען מיר, אַז די פטירה פון אַ צדיק רופט אַרויס אַ שמחה למעלה, ווי עס איז צו זעהען פון׳ם הספד אויף רבה בר רב הונא ורב המנונא (מועד קטן כ״ה): „רוכב ערבות ששמח בבא אליו נפש נקי וצדיק״, אויך אין זוהר ווערט דער טאָג פון פטירת-צדיקים אַנגערופען „יום הלולא״:

די תורה האָט דעריבער נישט אַרויסגעשריבען מיתת צדיקים אַלס מכה, דען למעלה, ביים נותן התורה, איז עס באמת גאָר אַ שמחה. די חז״ל אָבער האָבען עס יאָ מגלה געווען, ערקלערענדיג: „מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים״, ווייל פאַר אונז דאָ, פאַר אונז, אַז עס געהט אַוועק פון דער וועלט אַ צדיק, אַ גדול הדור, איז עס טאַקי אַ גרויס אומגליק, אַ מורא׳דיגע אבדה...

(רבי יוסף ענגעל אין זיין הספד אויף רבי אברהמ׳לע סאָכאַטשעווער)

„וכל מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים״.

פאַרוואָס טאַקי איז זי נישט געשריבען? פאַרוואָס ווערט מיתת צדיקים נישט אויסגערעכענט בפירוש צווישען די קללות?

האָט געזאָגט דערויף רבי יצחק אלחנן:

וועגען די פורעניות פון דער תוכחה זאָגען די חז״ל, אַז „כל המאוחד קשה מחברו״ (ב״ב ח׳), אַז יעדע ווייטערע קללה איז אַלץ האַרבער פון די פריהערדיגע, און היות, ווי מיתת-צדיקים, וועגען וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז זי איז „שקול כשרפת בית אלקינו״ (ראש השנה כ״ח), איז דאָך האַרבער פון אַלע קללות, וואָלט זי דאָך אויף אַזאַ אופן געדאַרפט שטעהן צום סאַמע סוף. דאַגעגען ווערט אָבער געזאָגט: „כי מפני הרעה נאסף הצדיק״, אַז בשעת עס גרייט זיך אַ פורעניות ר״ל אויף אידען ווערט דער צדיק פריי-הער צוגענומען פון דער וועלט, בכדי ער זאָל עס נישט דאַרפען בייוואוי-נען, און לויט דעם וואָלט, אַלזאָ, מיתת-צדיקים געדאַרפט שטעהן אין אָנהויב פון דער תוכחה, דען ער ווערט דאָך אויסגעמיטען נישט צו זעהען די קללות;

און דעריבער, ווייל עס האָט נישט געקענט געשריבען ווערען נישט אין אַנהויב און נישט אין סוף, איז עס דערפאַר אַ „מכה אשר לא כתוב" — האָט מען עס איינגאַנצען נישט געשריבען...

מיר האָבען שוין געהאַט אַמאָל געבראַכט אין נאָמען פון רבי ישעי' פיק, וועלכען מען האָט געפרעגט, וואו געפינט זיך עס אין תלמוד דער מאמר „וכל מכה אשר לא כתוב—זו מיתת צדיקים", וואָס איז ביי אַלעמען אָנגענומען אַלס מאמר חז"ל און אויף וועלכען עס זענען שוין אַזויפיעל פּירושים און דרשות געזאָגט געוואָרען, האָט ער דערויף געענטפערט, אַז דאָס גופא איז טאַקי אַ „מכה אשר לא כתוב", דען אַזאַ מאמר געפינט זיך כלל נישט אין גאַנץ ש"ס...

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי אָנצוווייזען אויף אַ גאַנצע רייה מאמרים, וועלכע זענען אָנגענומען ביי דער וועלט אַלס מאמרי חז"ל און באמת ווערען זיי אין די חז"ל נישט דערמאָהנט און שטאַמען גאָר פון אַנדערע שפּעטערע מקורים, ווי למשל:

„אם לא יועיל לא יזיק"...

„אין חכם כבעל הנסיון"...

„אותיות מחכימות"...

„אל תקרי מהונך אלא מגרונך"...

„אם קבלה היא נקבל"... (אין דער גמרא, יבמות ע"ו, ווערט געזאָגט: „אם הלכה היא נקבל").

„ברא כרעיה דאבוה"... (דאָס לשון אין דער גמרא, עירובין ע', איז: „יורש כרעיה דאבוה").

„באה שבת באה מנוחה"... (ווערט געבראַכט אין רש"י, מגילה ט' און אין תוספות סנהדרין ל"ח, אָבער עס איז נישט קיין מאמר חז"ל)

„דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב"...

„הרגל נעשה טבע"...

„הרוצה לשקר ירחיק עדותו"... (ווערט געבראַכט בלויז אין רא"ש שבועות פרק שבועות הדיינין).

„המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא"... (אין „לחם שמים" פון יעב"ץ ווערט אָנגעוויזען, אַז דאָס איז אַ מאמר אין תוספות מס' שמחות, אָבער אין אונזערע אויסגאַבען, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, געפינט זיך עס נישט).

„טעות לעולם חוזר"...

„כל הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו"...

„כבדהו וחשדהו"...

„כאשר זמם ולא כאשר עשה"... (אַזוי ווערט געבראַכט אין רש"י, מכות ב', אָבער אין דער גמרא געפינט זיך עס נישט).

„מרבה דברים מרבה שטות"...

„מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא"... (אין דער גמרא, ב"מ פ"ג, ווערט געזאָגט: „שמע מינה רשיעא הוא").

„סכין מסוכן ביד שוטה"...

„סוף גנב לתליה"...

„סתם מקשן עם הארץ"... (עס איז אַ מליצה אין שו"ת חות יאיר שאלה רי"ט).

„צרת רבים חצי נחמה"...

„קול המון כקול שדי"... (ווערט געבראַכט אין „סדר זמנים" פון רבי סעדיה לונגו).

„אין נביא בעירו"... (אויך דאָס געהער צו די סאַמע פּאָפּולערסטע „מאמרים" און נישט אַלע מסתמא ווייסען, אַז דאָס געפינט זיך נישט אין די חז"ל און אין קיין שום רבניש ספר, נאָר, להבדיל, אין... „ברית חדשה", מתיא פ"ג).

והתמכרתם שם לאויבים לעבדים... (כח. סח.)

איהר וועט פערקויפט ווערען צו אַזעלכע פיינד, וועלכע וועלען אַליין האָבען געוועזען עבדים און דער סאַמע ערגסטער הערשער איז דער — „עבד כי ימלוך"...

(הרי בשמים)

לחם לא אכלתם ויין ושכר לא שתיתם למען תדעו כי אני ד'... (כט. ה.)

צי דערפאַר, וואָס זיי האָבען נישט געגעסען קיין ברויט און נישט געטרונקען קיין וויין, האָבען זיי דערפון געוואוסט „כי אני ד' אלקיכם"?

באמת אָבער האָט עס אַ המשך צום ווייטערדיגען פסוק: „ותבואו אל המקום הזה ויצא סיחון מלך חשבון וכו' ונכם ונקח את ארצם וכו'", און דער פשט איז: כאָטש איהר האָט נישט געגעסען קיין ברויט און נישט געטרונקען קיין וויין, ערנעהרענדיג זיך מיט'ן בלויזען מן, זענט איהר דאָך גענוג שטאַרק געוועזען און אין דער מלחמה געגען סיחון ועוג אַזעלכע גרויסע גבורות בעוויזען, און דערפון האָט איהר, אַלזאָ, געזעהען — „כי אני ד' אלקיכם"...

(רבי אברהם סבע מגולי ספרד)

נִצָּבִים

אתם נצבים היום וכו׳... (כט. ט.)

„למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים, חוץ ממ״ט שבתורת כהנים, הוריקו פניהם וכו׳ ״ (מדרש)

פאַרוואָס איז נישט געווען „הוריקו פניהם״ בשעת זיי האָבען געהערט די קללות פון תורת־כהנים, אין פרשת בחוקותי, נאָר ערשט דאָ?

ווייל די קללות אין פ׳ בחוקותי זענען געזאָגט געוואָרען בלשון רבים און „צרת רבים — חצי נחמה״, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש פון דער דאָזיגער סדרה אויפ׳ן פסוק „בצר לך״— „כל צרה שהיא של יחיד היא צרה וכל צרה שהיא של רבים אינה צרה״. יעדער איינער האָט זיך דערביי גע־טראַכט: דאָס מיינט מען דעם רבים, נישט מיך... דאָ אָבער, אין דער פריי־הערדיגער סדרה, זענען די קללות געזאָגט געוואָרען בלשון יחיד, געווענדעט צו איטליכען איד בעזונדער, און דעריבער— „הוריקו פניהם״... (רבי גרשון אשכנזי)

ראשיכם שבטיכם... (כט. ט.)

„ראשיכם לשבטיכם״ (רש״י)

וואָס מיינט רש״י צו זאָגען דערמיט?

נאָר דאָס איז אַן אָנדייטונג אויפ׳ן מאמר חז״ל: „פרנס לפי דורו״ (ערכין י״ז), און די כונה איז: „ראשיכם לשבטיכם״, לויט די שבטים — אַזעלכע ראשים... (רבי אליעזר פלעקעלש)

„פני הדור כפני כלב״ (סנהדרין צ״ז)

אַ הונד בילט נור אויף פרעמדע, אָבער נישט אויפ׳ן אייגענעם בעל־הבית. אַזאַ פנים וועלען אויך האָבען בעקבתא דמשיחא די „פני הדור״, די מוכיחים און מנהיגים: מוסר׳ן וועלען זיי בלויז די פרעמדע, דעם המון, דאָ־

געגען די מקורבים און „שענע אידען״ וועלען זיי לאָזען צו־רוה, זייערע חסרונות און חטאים וועלען זיי זיך בעמיהען צו פערגלעטען... (תפארת צבי)

טפכם נשיכם וגרך אשר בקרב מחניך... (כט. י.)

עס שטעהט דאָך שוין פריהער „כל איש ישראל״, טאָ נאָכוואָס ווערען נאָכאַמאָל בעזונדער אויסגערעכענט „טפכם ונשיכם וגרך״, אויך זיי זענען דאָך אין כלל פון „כל איש ישראל״?

נאָר דער פסוק, ווי עס דרש'נען די חז״ל, רעדט דאָ וועגען ערבות, אַז „כל ישראל ערבים זה בזה״ („לעברך בברית וכו׳ את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה״), און וועגען גרים נשים וקטנים ווערט געזאָגט, אַז זיי זענען נישט בכלל ערבות, און דעריבער ווערען זיי אויסגערעכענט בעזונדער. (אור יקרות)

ותראו את שקוציהם ואת גלוליהם וכו׳... (כט. טז.)

אין פעטערבורג איז געווען אַ צענזאָר, ישראל לאַנדוי, אַ משומד, איידער ער האָט זיך געשמד'ט האָט ער געפיהרט אַ דאָפּעלט לעבען: צווי־שען די גוים, אין די קרייזען פון די רוסישע בעאַמטע, האָט ער זיך אויפ־געפיהרט ווי זיי, דאַגעגען אין שטוב האָט ער זיך אַ לאַנגע צייט געפיהרט אידיש, געדאַווענט יעדען טאָג, אָבגעהיטען כשרות און זאָגאָר עוסק געווען אין לערנען זוהר, האַלטענדיג זיך פאַר אַ שטיק מקובל.

איינמאָל איז רבי יצחק אלחנן פון קאָוונא געקומען צו איהם וועגען עפּעס אַ שתדלנות. לאַנדוי האָט זיך גענומען ריהמען פאַר איהם מיט זיין אידישקייט, געוויזען איהם דעם טלית ותפילין, וואָס ער פערפעהלט נישט קיין איין טאָג צו בענוצען, און אויסגעפיהרט, אַז „רחמנא לבא בעי״, דער עיקר איז נישט די אויסערליכע אויפפיהרונג צווישען מענשען, נאָר דאָס פנימיות, דאָס האַרץ, און אין האַרצען איז ער אַ צדיק גמור...

ענטפערט איהם רבי יצחק אלחנן און זאָגט:

„ותראו את שקוציהם ואת גלוליהם עץ ואבן״, הגם איהר וועט בלויז קוקען אויף זייערע שקצים און גלולים, הגם איהר וועט אין האַרצען ווייט זיין דערפון, נאָר איהר וועט זיך נאָר בלויז חבר'ן מיט זיי צוליעב'ן „כסף וזהב אשר עמהם״, צוליעב קאַריערע, צוליעב געלד — „לא יאבה ד׳ סלוח לו״, ווייל אָבוואָהל דו אַליין וועסט נאָך אפשר בלייבען אַ איד, איז אָבער „ואמר הדור האחרון בניכם אשר יקומו מאחריכם״, וועט דער שפּעטערדיגער דור, די קינדער, וואָס וועלען פון דער דאָזיגער שטוב אויסוואַקסען, שוין זיין אַ „והנכרי אשר יבא מארץ רחוקה״ — אמת'ע גוים...

אויסגעלאָזען האָט זיך, אז נישט-נור ישראל לאנדוי׳ס קינדער זענען געװען גוים, נאָר אויך ער אליין האָט זיך נישט לאנג דערנאָך גע׳שמד׳ט...

פן יש בכם שורש פורה ראש ולענה... (כט. יז.)

דער „שורש פורה ראש ולענה״ — פלעגט זאָגען דער „יוד הקדוש״ פון פשיסכע—דער שורש פון אלעם בײזען ליעגט אינ׳ם „פן״, אין די ספקות, אינ׳ם צופיעל חקרנ׳ען זיך...

והתברך בלבבו לאמר וכו׳... (כט. יח.)

דער מלבי״ם האָט אמאָל גע׳מוסר׳ט אײנעם פון די מאָדערנע אידען פאַר זײן מזלזל זײן אין די מצוות מעשיות, אויף װאָס יענער האָט איהם געענטפערט, אז דער עיקר דאַרף א מענש האָבען א גוט הארץ, געבען צדקה, האָבען רחמנות א. א. װ.

— דאָס איז גאַנץ גוט — האָט איהם דערויף דער מלבי״ם געענטפערט — אָבער דערמיט אליין איז מען נאָך קײן איד נישט און װעגען דעם זאָגט אונז טאַקי דער פסוק: והתברך בלבבו — אויב א מענש װעט זיך ריהמען מיט זײן הארץ, באַשר ער האָט א גוט הארץ, און דעריבער — בשרירות לבי אלך — איז ער שוין דערמיט יוצא און ער מעג שוין אויף דעם חשבון טהון, װאָס ער װיל, זאָלסטו װיסען זײן — לא יאבה ד׳ סלוח לו — דען מיט די מצוות שבין אדם לחברו װערט מען נאָך נישט גע׳פטר׳ט פון די מצוות שבין אדם למקום...

די אלע — פלעגט זאָגען רבי יחזקאל קוזמירער — װאָס זאָגען, אז „רחמנא לבא בעי״, אז פאַר א השי״ת איז גענוג בלויז דאָס הארץ, די מהשבה, װעט זײ אויך השי״ת אָבצאָהלען דעם שכר זײערען בלויז במחשבה, נישט במעשה...

הנסתרות לד׳ אלקינו... (כט. כח.)

רבי נח לעכעװיטשער האָט אלס יונגעל אמאָל געפרעגט דעם פאָטער זײנעם, רבי מרדכי׳ן:

— טאַטע, די אמת׳ע צדיקי הדור בעשטעהען דאָך פון ל״ו נסתרים בעהאַלטענע צדיקים, קומט דאָך אויס לפי זה, אז די בעקאַנטע מפורסמ׳דיגע צדיקים געהערען נישט אויף אזא אופן צו די ל״ו נסתרים?

— געװיס נישט — האָט איהם דער פאָטער געענטפערט — אָבגעהיטען

זאָלען מיר ווערען, מיין קינד, ווען פערשיעדענע בעקאַנטע צדיקים זאָלען זיך אַזוי אויפפיהרען בנגלה, ווי זיי פיהרען זיך אויף בנסתר, ווען קיינער זעהט נישט...

אין אַ רבני'שען הויף אין גאַליציען (פון דער קאַמינקער דינאַסטיע) איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צוליעב אַ ירושה-שטוהל, איבער וועל־כער עס האָבען זיך געקריעגט צוויי ברידער. נישט קענענדיג צווישען זיך דורכקומען זענען זיי אוועק האָבען אַ דין-תורה צום לעמבערגער רב, צום „בית יצחק", וועלכער האָט אָבער די דין-תורה נישט געוואָלט אָננעהמען, ערקלערענדיג, אַז אויף אַזעלכע זאַכען זענען נישט חל די דיני ירושה...

— הלמאַי רבנות? — חדושט זיך איינער פון די צוויי רבני'שע זיהן — עס קומען דאָך גאַנץ אָפט פאָר אַזעלכע עהנליכע דיני-תורות וועגען כסא-רבנות, און עס ווערט דערביי גע'פסקנ'ט דער דין פון חזקה.

— אינו דומה — ענטפערט דערויף מיט אַ שמייכעל דער לעמבערגער רב — די תורה זאָגט אונז בפירוש: „הנסתרות לד' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו", בשעת עס האַנדעלט זיך ביי „נגלה", ביי לומדות, דאַמאָלס איז עס „לנו ולבנינו", אויב מען פערהערט דעם זוהן און מען זעהט, אַז ער קאָן אַזוי לערנען, ווי דער פאָטער, האָט ער דעם דין פון חזקה. אַנדערש אָבער איז בעת עס האַנדעלט זיך וועגען „נסתרות", וועגען רבי'סטווע, צדקות, הימעל-זאַכען, דאָס געהער שוין „לד' אלקינו", נאָר דער רבונו של עולם קאָן דאָ וויסען, צי אויך דער זוהן איז טאַקי אַזאַ גרויסער צדיק און איז ראוי צו פערנעהמען דעם פאָטער'ס אָרט. מיר געוועהנליכע מענשען — „אין לנו עסק בנסתרות"...

רבי אַברהם משה פשעוואָרסקער פלעגט זאָגען:

„ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם". וועגען פיעל פון די אַמאָ־ליגע רביים וואָלט מען שוין היינט נישט געוועהן געדענקט, אָבער „ולא ראיתי צדיק נעזב", דאָס וואָס די צדיקים ווערען נישט פערגעסען, האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם „וזרעו מבקש לחם", די קינדער און די אייניקלעך, וועלכע דאַרפען נעביך ברויט, וועלכע זוכען פרנסה, האַלטען זיי דערי־בער אין איין ריידען וועגען זייערע זיידעס און דערצעהלען זייערע שבחים און אין זייער זכות ווערען זיי אַליין אויך רביים, לעבענדיג גאַנץ אָפט אין אַ סך מעהר הרחבה, ווי עס האָבען געלעבט די דאָזיגע זיידעס זייערע...

והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה וכו׳... (ל. א.)

פרעגען דערויף די מפרשים: די כוונה און דער אויספיהר פון פסוק איז דאך, אז צוליעב דער שווערער שטראף וועט מען ענדליך געצוואונגען ווערען תשובה צו טהון, „והשבות אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך וכו׳״, איז אויב אזוי האט דאך געדארפט שטעהן: „והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה והקללה״, נאכוואס אבער ווערט דא דערמאהנט „והברכה״?

נאר כנוהג שבעולם — ענטפערט דערויף דער בעל-העקדה — אז דער צער פון א געבוירענעם שטענדיגען ארימאן איז נישט אזוי גרויס, ווי פון דעם יעניגען, וועלכער איז פריהער געווען אנ׳עושר, געלעבט יאהרען-לאנג אהן דאגות און פלוצלונג איז ער פארארימט געווארען. און דאס, אלזא, איז דא די כוונה פון פסוק: והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה, פריהער — הברכה, און דערנאך — והקללה, אט דאס וועט האבען די געהעריגע פעולה, אז — והשבות אל לבבך...

אויך דאס אליין וועט זיין א ברכה, אט דער „והשבות אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ד׳ אלקיך שמה״, די דאזיגע וואונדערליכע ערשיינונג, וואס טראץ דעם, וואס אידען וועלען זיין צוזייהט און צושפרייט צווישען פיינדליכע פעלקער, טראץ די אלע מורא׳דיגע קללות און פורעניות׳ן, וועלען זיי זיך פונדעסטוועגען דערהאלטען און נישט אויפהערען צו עקזיסטירען...

(כתב סופר)

אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך... (ל. ד.)

דער פערשטארבענער הרב קוק ז״ל, שמועסענדיג אמאל וועגען די משולחים, וועלכע פאהרען ארום זאמלען געלד פאר קופת רמבעה״נ (רבי מאיר בעל הנס) און שפארען-אן אין די פערווארפענסטע אידישע ישובים, האט צו זיך אויסגעדריקט בדרך-הלצה, אז ער נעהמט מאנכעס מאל צווייפלען, צי די עשרת השבטים עקזיסטירען נאך און געפינען זיך נאך ערגיץ-וואו, ווארום ווען יא — וואלטען זיי די משולחים, די געלד-זאמלער, שוין לאנג געווען אויפגעזוכט...

והביאך ד׳ אלקיך אל הארץ וכו׳... (ל. ה.)

פערטריבען געווארען זענען מיר אין גלות צוליעב די זינד, וואס מיר האבען בעזינדיגט אין ארץ-ישראל, און היות, ווי צווישען די פערשידענע

תנאים, וואָס ווערען אויסגערעכענט ביי תשובה, איז אויך דער דין, אַז די תשובה דאַרף זיין „באותו מקום", דעריבער „והביאך ד' אלקיך אל הארץ", מוזען מיר פריהער קומען קיין ארץ־ישראל און ערשט דאַן — „ומל ד' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך" וכו' און „ואתה תשוב ושמעת בקול ד' וכו'", ערשט דאָרט, באותו מקום, וועלען מיר תשובה טהון אויף דעם חטא פון ארץ־ישראל...

(תפארת יהונתן)

ונתן ד' אלקיך את כל האלות האלה על אויביך ועל שונאיך אשר רדפוך... (ל. ז.)

די שולד פון די אַלע אלות און ארורים, פאַר „מסיג גבול רעהו", פאַר „מטה משפט", פאַר „לא יקום את דברי התורה הזאת" וכו', וועט גע־געבען ווערען „על אויביך ועל שונאיך" — דאָס זענען זיי אין דעם אַלעם שולדיג, דאָס האָבען זיי אונז דערפיהרט צו אַזאַ אונגאַרמאַל, וממילא צו אַזאַ אונגעהערליך לעבען. די אַלע ארורים שטאַמען פונ'ם — „אשר רדפוך"...

(כפלים לתושיה)

בפיך ובלבבך לעשותו... (ל. יד.)

קום נישט אָב מיט'ן בלויזען ריידען און מיט'ן בלויזען טראַכטען. דאָס, וואָס דו האָסט אין מויל און אין האַרץ — טהו!...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך... (ל. כ.)

אויך דאָס איז אַ מצות־עשה מן התורה, עס איז אַ מצוה צו לעבען און צו וועלען לעבען אויף דער וועלט!...

(חדושי הרי"ם)

וַיֵּלֶךְ

וילך משה וידבר את הדברים האלה... (לא. א.)

„וילך משה וגו׳״ (רש״י)

צוליעב וואס ציטירט דא רש״י דעם בלויזען פסוק: „וילך משה וגו׳״, אויף וועלכען ער זאגט קיין שום פשט נישט?

נאר אין מדרש קהלת ווערט געזאגט: „שמואל שהי׳ נביא סבב את ישראל לשפוט אותם ומשה שהי׳ מלך ומלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול באו ישראל אליו״. רש״י׳ן איז, אלזא, קשה געווען: פארוואס האט דאס מאל משה געמאכט א נ׳אויסנאהם און „וילך משה וכו׳ אל כל ישראל״, וועהרענד שטענדיג פלעגען זיך די אידען פערזאמלען צו משה׳ן, ווי עס ווערט געזאגט: „כי יהיה להם ריב ובא אלי״?

אט די דאזיגע פראגע איז רש״י אויסען, ציטירענדיג די ווערטער „וילך משה״, און אלס ענטפער דערויף ברענגט ער דעם צווייטען פסוק: „לא אוכל עוד לצאת ולבוא שנטלה ממני הרשות וניתנה ליהושע׳, אז ער האט שוין דאמאלס געהאט איבערגעגעבען די הנהגה צו יהושע׳ן און ער איז שוין מעהר קיין מלך נישט געווען וממילא איז שוין כבודו מחול...

(רבי זלמן פינעס)

הקהל את העם האנשים והנשים והטף... (לא. יב.)

„והטף למה באים? לתת שכר למביאיהם״ (חגיגה ג׳)

פרעגט זיך: וואס איז די שאלה „והטף למה באים׳׳? וויבאלד אלע, די מענער און די פרויען, זענען אוועק קיין ירושלים, האט מען דאך אויך געמוזט מיטנעהמען די קינדער, וועלכע מען קאן דאך נישט לאזען אויף הפקר?

באמת אבער איז דאס גופא טאקי די גמרא אויסען מיט דער פראגע: „והטף למה באים״. צוליעב וואס דארף די תורה שרייבען, אז אויך די קינדער זאלען מיטקומען, עס איז דאך א זעלבסטפערשטענדליכע זאך, וואס דען זאל מען טהון מיט די קינדער?... און דערויף קומט דער ענטפער:

„לתת שכר למביאיהם", דעריבער שרייבט עס די תורה, כדי זיי זאָלען דאָדורך זיין מצווים ועושים און פערדיענען דערמיט נאָך אַ מצוה...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

הן קרבו ימיך למות... (לא. יד.)

רבי ישראל סאַלאַנטער האָט פאַר דער פטירה געלאָזט רופען צו זיך אַלע בעלי־בתים און זיך מיט איטליכען פון זיי געזעגענט. צווישען די פערזאַמעלטע האָט זיך אויך געפונען איינער, אַ בעקאַנטער אַפּיקורס, וועלכען רבי ישראל האָט לענגער, ווי אַלע אַנדערע, אָבגעהאַלטען ביי זיין בעט און זיך מיט איהם גאָר בעזונדערס וואַרים געזעגענט.

האָט עס די מקורבים אַביסעל געאַהרט און זיי האָבען אויסגעדריקט זייער פערוואונדערונג, הלמאַי מיט דעם דאָזיגען אַפּיקורס האָט ער זיך אָבגעגעבען מעהר, ווי מיט די פרומע בעלי־בתים, די יראים וחרדים.

— כ׳וועל אייך זאָגען — האָט זיי רבי ישראל געענטפערט — מיט אייך האָב איך אי״ה אַ האָפנונג צו זעהען זיך לאחר מאה ועשרים שנה אין גן־עדן, מיט יענעם אָבער דאַרף איך זיך וואַרימער געזעגענען, ווי מיט אייך, וויל — ווער ווייסט, צי כ׳וועל איהם נאָך ווען־עס־איז זעהען...

וְלַמְּדָהּ את בני ישראל שימה בפיהם... (לא. יט.)

די גאַנצע תורה —פלעגט זאָגען רבי פנחס קאָריצער — איז אָבהענגיג פון מויל, דער עיקר איז דער שמירת הלשון, אַז דאָס מויל זאָל ביים מענש זיין אין אָרדנונג, ער זאָל האָבען אַ ריינע צונג!...

והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות וענתה השירה הזאת לפניו... (לא. כא.)

אַ איד, בשעת עס איז איהם ביטער אויפ׳ן האַרצען און ער ווערט דערדריקט פון דאגות — „וענתה השירה הזאת לפניו", זינגט ער... אַ איד זינגט מעהר פון צרות, ווי פון נחת...

(ספר הברית על התורה)

צווישען די חסידישע רביים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער נייגונג צו נגינה, האָט אַ גרויס אָרט פערנומען רבי אייזיק׳ל קאַלעווער פון אונגאַרן, וועלכער האָט געלעבט נאָכ׳ן בעש"ט און ער האָט גע׳שמ׳ט אין דער גאַנצער סביבה אַלס קדוש וטהור. אַ סך ליעדער פלעגט ער זינגען אין דער מאַדיאַרישער שפּראַך. איינע פון די דאָזיגע ליעדער, וועלכע די

אונגאַרישע אידען זינגען ביז'ן היינטיגען טאָג, איז דאָס ליעד „סאַלאָ קאָקאָש מאָי" (דער האָן האָט שוין געקרייהט, דער מאָרגענשטערען איז שוין אויפ־געגאַנגען), וואָס איז דורכגעדרינגען מיט אונגעהויערע התלהבות און בענקשאַפט. פאָפולער איז אויך דאָס „וואַלד־ליעד". דער קאַלעווער צדיק פלעגט פון צייט צו צייט זיך אַוועקלאָזען אַליין אין וואַלד אריין, וואו ער פלעגט זיך צוהערען צו די פאָלקס־ליעדער פון די פאַסטוכער. איינמאָל האָט ער געהערט, ווי אַ פאַסטוך זינגט אַ זעהר טרויעריגען און האַרציגען אונגאַרישען ראָמאַנס: „וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביזטו. ראָזא, ראָזא, ווי ווייט ביזטו. וואָלט דער וואַלד נישט גרויס געווען — וואָלט דאָך מיין ראָזא נעהנטער געווען. וואָלט מען מיך פון וואַלד אַרויסגענומען — וואָלטען מיר זיךביידע צוזאַמענגעקומען..." דער קאַלעווער צדיק איז שטאַרק געריהרט געוואָרען פון די דאָזיגע ווערטער און אַוועקזעצענדיג זיך טיעף אין וואַלד אויף אַ שטיין, האָט ער גענומען זינגען מיט דער זעלבער ריהרענדער מעלאָדיע: „גלות, גלות, ווי גרויס ביזטו. שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזטו. וואָלט דער גלות נישט גרויס געווען — וואָלט דאָך די שכינה נעהנטער געווען. וואָלט מען מיך פון גלות אַרויסגענומען — וואָלטען מיר זיך ביידע צוזאַמענגעקומען"...

דאָס דאָזיגע ליעד, וואָס איז שטאַרק פערשפרייט ביי די אונגאַרישע חסידים, פלעגט אויך געזינגען ווערען אין צאַנז.

הַאֲזִינוּ

האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי... (לב. א.)

„למה לשמים וארץ? שאין הקב"ה גואל את ישראל אלא על־ידיהן" (מדרש רבה)

נאציאנאליזם אהן דת, ארץ־ישראל אהן תורה, קאן נישט עקזיסטירען. דיביידע זאכען לאזען זיך ביי אידען נישט פונאנדערטיילען און „אין הקב"ה גואל את ישראל אלא על ידיהן", אין דער אידישער גאולה מוז דער „ארץ" געהן צוזאמען מיט'ן „שמים"...

(הרב יעקב לעווינסאן)

שחת לו לא בניו מומם... (לב. ה.)

די חז"ל זאגען: „צדיק וטוב לו — צדיק בן צדיק, צדיק ורע לו — צדיק בן רשע, רשע וטוב לו — רשע בן צדיק, רשע ורע לו — רשע בן רשע".

און דעריבער: „שחת — לו לא". פאר זיך אליין, אויב דער מענש זינדיגט, קאן עס איהם אפשר מאטעריעל קיין שאדען נישט ברענגען, דען ס'איז דאך פארהאן א „רשע וטוב לו" אויב דער פאטער זיינער איז געווען א צדיק. אבער — „בניו מומם". אממעהרסטען וועלען זיך די זינד נוקם זיין אין זיינע קינדער. זיי וועלען צוליעב איהם זיכער ליידען, ווי געבוירענע בעלי־מומים, וועלכע זענען אונהיילבאר און צו וועלכע עס איז קיין שום תקנה נישטא, ווארום וואס דער זוהן זאל נישט זיין, וועט איהם אלץ געהן שלעכט אויף דער וועלט, וועט ער זיין א רשע איז דאך „רשע ורע לו — רשע בן רשע", וועט ער אפילו זיין א צדיק איז אויך „צדיק ורע לו — צדיק בן רשע"...

(מעדני מלך)

וירא ד' וינאץ מכעס בניו ובנותיו... (לב. יט.)

בשעת חנה האט מתפלל געווען אויף קינדער, ווערט געזאגט: „ויחשבה עלי לשכורה". פארוואס האט ער עפעס געטראכט, אז זי איז שכור?

נאר עלי, ווי עס ווערט דערצעהלט אין פסוק, האט געהאט זעהר שלעכטע קינדער, און דעריבער, אז ער האט געזעהן, ווי א אידענע שטעלט זיך אוועק און איז מתפלל, זי זאל האבען קינדער, האט ער זיך געטראכט, אז נישט אנדערש, נאר זי איז נישט ביי'ם קלארען געדאנק, זי מוז אודאי זיין שכור...

(גמווערט)

ר' יהודה אריה די מודינא, וועלכער האט געליטען גרויסע צרות פון זיינע קינדער און איין זוהן, זבולון, איז זאגאר געווארען א רויבער, בעמיהט זיך אין איינעם פון זיינע כתבים אויפצווייזען להלכה, אז בזמן הזה, ווען די דורות זענען פערדארבען און די עלטערען האבען מעהר נישט קיין שליטה איבער די קינדער, וועלכע געהען נישט בדרך הישר, איז נישט חל די מצוה פון „פרו ורבו"...

רבי ישראל סאלאנטער פלעגט זאגען, אז די אויפגאבע, וואס אליהו הנביא וועט האבען צו ערפילען צו זיין א „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם", איז מעגליך נור איצט, בזמן הזה. אין די פריהערדיגע דורות וואלט ער ביי'ם „לב בנים על אבותם" נישט געהאט וואס צו טהון, דען די קינדער האבען דאמאלס געהאט די זעלבע הערצער און די זעלבע מיינונגען, וואס די טאטעס. אין די קומענדע דורות וועט שוין דער „לב אבות על בנים" נישט נויטיג זיין, דען די עלטערען וועלען שוין דאמאלס זיין די זעלבע, וואס די קינדער... בלויז איצט, ווען עס הערשט אזא מורא'־דיגער פירוד צווישען אלטען און יונגען דור, וואלט מעגליך געווען פאר אליהו'ן מקיים צו זיין דעם „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם". איצט וואלט ער געקומען אין דער סאמע ריכטיגער צייט...

אסתירה פני מהם, אראה מה אחריתם,
כי דור תהפוכות המה... (לב. כ.)

אסתירה פני מהם — האט געטייטשט רבי זושא האניפאלער — איך וועל אויף א ווייל‏ע, זאגט דער רבונו של עולם, אוועקקוקען פון זיי, איך וועל ווארטען און זעהען, וואס שפעטער וועט זיין, כי דור תהפוכות המה, דען די אידען זענען בטבע א דור תהפוכות, וואס קאן זיך זעהר לייכט איבער־דרעהען. אומגעריכט זענען זיי אויך מסוגל צו ווערען גוט, אין סאמע מיטען רשעות קאנען זיך די אידען פלוצים מיישב זיין און בעסער ווערען...

דור עקש ופתלתל... (לב. ה.)

„דור עקש" אליין איז נאכנישט קיין חסרון. עקשנות איז פאר אידען א זעהר נויטיגע זאך. די צרה איז אבער „ופתלתל", וואס דאס עקשנות ווערט אויסגענוצט צו קרומע זאכען, צו מעשים רעים...

(גבעים לתושיה)

כי גוי אובד עצות המה... (לב כח)

„כי גוי אובד עצות — רבי יהודה דורשו כלפי ישראל" (ילקוט)

עס איז איינע פון אונזערע אומגליקליכע, ספעציפיש-אידישע אייגענשאפטען, וואס מיר ווערען פערלוירען און פערפלייצט אין א מבול פון עצות. מיר זענען זעלטענע ספעציאליסטען אויף עצות, פלענער, פראיעקטען, וועגען וועלכע מיר האלטען זיך אין איין מפלפל זיין, אין איין אבהאלטען ויכוחים, אין איין צונויפרופען אסיפות, וואו מיר קומען קיינמאל נישט צו קיין טאלק. מיר זענען רייך אין עצות, אבער, ליידער, ארים, זעהר ארים אין מעשים...

(רעיונות לדרוש)

כי גוי אובד עצות המה ואין בהם תבונה...

לא די, וואס „אין בהם תבונה", וואס זיי האבען אליין קיין פערשטאנד נישט, איז נאך מעהר אומגליק, וואס „גוי אובד עצות המה", וואס זיי לאזען זיך נישט לערנען און ווילען ביי קיינעם קיין עצה נישט פרעגען, יעדער איד איז ביי זיך א גאנצער חכם...

(תולדות יצחק)

וכפר אדמתו עמו... (לב. מג.)

פון אונשולדיג פערגאסען בלוט ליידט די ערד און עס ליגט א קללה אויף איהר, ווי עס ווערט געזאגט: „ארור אתה מן האדמה אשר פצתה את פיה וכו'".

צוזאמען, אלזא, מיט דער אויפריכטונג פון ישראל, ווען עס וועט אבגעשטעלט ווערען דאס אונאויפהערליכע פערגיסען אידיש בלוט, וועט אויך זיין „וכפר אדמתו", וועט די ערד ווערען בעפרייט פון דער ליגענדער קללה...

(רבי צבי הירש קאלישער)

ויבא משה וכו' הוא והושע בן נון... (לב. מד.)

„ולמה קוראהו כאן הושע"? (רש"י)

ערקלערט דערויף דר. אהרן יעלינעק: ביי די פערציישע מלכים איז

געווען אנגענומען, אז בשעת זיי פלעגען בעשטימען איינעם פאר א שר, פלעגען זיי איהם ענדערען דעם נאמען, ווי מיר געפונען ביי פרעה'ן, וועל־כער האט א נאמען געגעבען יוסף'ן „צפנת פענח". דעם זעלבען דרך המלכים האט אויך משה רבינו אנגעווענדעט אין בעצוג צו זיין געטרייען דינער, הושע, וועלכען ער האט געענדערט דעם נאמען אויף יהושע. איצט אבער, ווען יהושע איז דערהויבען געווארען אויף משה'ס ארט אלס מנהיג, האט ער איהם צוריק גענומען רופען מיט זיין פריהערדיגען ערשטען נאמען...

א שארפזיניג ווארט ווערט וועגען דעם נאכגעזאגט פאר'ן רבי'ן ר' העשיל:

אויף „ויקרא משה להושע בן נון יהושע" זאגט דער מדרש, אז עס איז איהם צוגעזעצט געווארען די י' פון שרה'ן, וועלכע האט פריהער גע־הייסען „שרי".

בשעת מען האט שרה'ן געענדערט דעם נאמען איז זי דאן אלט געווען, ווי עס איז צו זעהען פון פסוק, ניין און אכציג יאהר. געשטארבען איז זי אין עלטער פון הונדערט זיעבען און צוואנציג יאהר. נמצא, אז דעם געענ־דערטען נאמען האט זי געטראגען אכט און דרייסיג יאהר.

געענדערט האט מען הושע'ן דעם נאמען אויף יהושע בשעת שליחת המרגלים, און געווען איז עס אין צווייטען יאהר נאך יציאת מצרים. איצט, ביי משה רבינו'ס פטירה, האבען זיך געענדיגט די פירציג יאהר פון דור המדבר און גלייכצייטיג איז אויך געווארען אכט און דרייסיג יאהר זינט יהושע האט געטראגען דעם געענדערטען נאמען, און היות, ווי דער צוגע־זעצטער אות אין זיין נאמען איז דאך גענומען געווארען פון שרה'ן, האט איהם דעריבער משה רבינו צום דאזיגען טערמין, צום זעלבען טערמין, וואס ביי שרה'ן, צו די אכט און דרייסיג יאהר, צוריק אנגעהויבען רופען מיט'ן אלטען נאמען — הושע...

אין ספרי פון דער דאזיגער סדרה ווערט געזאגט:

„עתידה כנסת ישראל שתאמר לפני הקב"ה, רבונו של עולם, כבר כתבת לאמר (ירמי' ג') הן ישלח איש את אשתו והלכה מאתו והיתה לאיש אחר הישוב אליה עוד? אומר לה: כלום כתבתי אלא איש, והלא כבר נאמר (הושע י"א) כי אל אנכי ולא איש".

וואס איז דער זין פונ'ם דאזיגען ענטפער און ווי אזוי ווערט דערמיט בעפרידיגט די שאלה פון דער כנסת־ישראל?

נאר — האט געזאגט דערויף דער רבי ר' העשיל — דער דין איז אין דער גמרא: „הזורק גט לאשתו, אם החצר שלו אינה מגורשת", דען דאס ארט, וואו דער גט ווערט איהר געגעבען, דארף זיך געפונען אין איהר

רשות.. און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון דער תשובה: „והלא כבר נאמר כי אל אנכי ולא איש", און עס איז דעריבער אונמעגליך, אַז די כנסת ישראל זאָל עפ״י דין קענען בעקומען אַ גט, דען די גאַנצע וועלט איז דאָך אין אויבערשטענס רשות און — „אם החצר שלו אינה מגורשת"...

וְזֹאת הַבְּרָכָה

בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל... (לג. ה.)

„בהתאספם יחד באגודה אחת ושלום ביניהם וכו׳" (רש״י)

און בשעת עס האנדעלט זיך וועגען מאכען שלום ביי אידען, איז קודם-כל „בהתאסף ראשי עם", דארף מען זיך הויפטזעכליך בעמיהען דורכ-צופיהרען פריהער שלום צווישען די „ראשי עם", די פיהרער, די מנהיגים, און דאן וועט שוין ממילא זיין — „יחד שבטי ישראל". מיט'ן פאלק, מיט די מאסען, וועט עס שוין צוגעהן א סך לייכטער. דער פירוד און מחלוקת שטאמט תמיד און בעיקר פון די מנהיגים...

(רבי יחזקאל פאנעט)

און דערפאר — זאגט דערויף דער „עוללות אפרים" בדרך הלצה — זאגען די חז״ל: אז „עתיד הקב״ה לעשות מדור לכל צדיק וצדיק". לעתיד וועט מען די צדיקים, די פיהרער, אבזונדערען איינעם פון צווייטען, אוועק-זעצען יעדען אין א מדור בפני עצמו, כדי זיי זאלען זיך נישט ארומרייסען און אריינקריכען איינער אין צווייטענס גבול און זאלען זיך נור די צדיקים ומנהיגים נישט ארומקריגען — וועט שוין דאן ממילא זיין שלום ביי אידען...

וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך... (לג. ח.)

„כלפי שכינה הוא מדבר" (רש״י)

וואס מיינט רש״י דערמיט צו זאגען?

די מפרשים בעמיהען זיך עס צו ערקלערען אויף פערשיעדענע אופנים און עס זענען שוין פאראן דערויף אהן א שיעור פלפולים. באמת אבער איז עס גאנץ איינפאך:

וועגען דעם אופן, ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דאס פרעגען אין אורים ותומים, זאגט די גמרא אין יומא (ע״ג): „כיצד שואלין? השואל עומד פניו כ.פי נשאל והנשאל פניו כלפי שכינה (כלפי אורים ותומים) וכו׳".

און דאָס, אַלזאָ, איז דאָ רש״י מכוון: „וללוי אמר תומיך ואוריך — כלפי שכינה הוא מדבר״, דער נשאל באורים ותומים דאַרף זיין „פניו כלפי שכינה״...

(המזת צבי)

ולנפתלי אָמר נפתלי שבע רצון ומלא ברכת ד׳... (לג. כג.)

נור ביי׳ם „שבע רצון״, ביי׳ם שמח בחלקו, איז מעגליך דער „ומלא ברכת ד׳״, וואָרום אויב ער איז נישט קיין שבע-רצון, איז ער שטענדיג חסר, דען וויפיעל ער האָט — איז איהם וועניג...

(רבי שלמה קלוגער)

ברוך מבנים אָשר יהי רצוי אחיו... (לג. כד.)

דען געוועהנליך, בשעת אַ מענש איז געבענשט מיט פרנסה, מיט עשירות און דערצו אויך מיט געראָטענע קינדער, איז איהם די גאַנצע משפחה און אַפילו די אייגענע ברידער מקנא. עס איז דעריבער אַ בעזונ-דערע ברכה, אַז כאָטש ער וועט זיין אַ „ברוך מבנים״, דאָך — „יהי רצוי אחיו״, זאָלען איהם די ברידער נישט מקנא זיין...

(רבי יצחק אליהו לאַנדוי)

ויראהו ד׳ את כל הארץ... (לד. א.)

„הראהו הקב״ה דור ודור ושופטיו, דור דור וחומסיו״ (מדרש רבה ויקרא פכ״ו)

דעריבער — פלעגט זאָגען דערויף רבי אייזיל חריף — האָט מען צוזאַ-מען מיט די שופטים, די מנהיגים פון יעדען דור, אויך געוויזען משה רבינו׳ן די חומסין, די גזלנים, ווייל עפ״י רוב זענען דאָס זעהר נאָהנטע מחותנים צווישען זיך. גאַנץ אָפט בעשטעהען זיי זאָגאַר פון די זעל-בע פערזאָנען...

ויקבור אותו בגי וכו׳ מול בית פעור... (לד. ו.)

„קברו היה שם מששת ימי בראשית״ (רש״י)

וואָס איז רש״י אויסען מיט דער דאָזיגער בעמערקונג?

נאָר אין דער גמרא (ע״ז מ״ד) ווערט דערצעהלט, אַז רבי גמליאל האָט זיך איינמאָל געוואַשען אין אַ מרחץ, וועלכער האָט זיך געפינען אין אַ חצר פון עבודה-זרה, האָט מען איהם געפרעגט: עס שטעהט דאָך „לא ידבק בך מאומה מן החרם״, אַז מען טאָר די מינדעסטע מגע-משא נישט האָבען און

זיך נישט געפינען נאָהנט פון דער עבודה-זרה? האָט ער דערויף געענטפערט: „היא באה בגבולי", נישט ער איז געגאַנגען צו דער ע"ז, נאָר די ע"ז איז געקומען צו איהם אין זיין גבול, דען דער מרחץ איז שוין דאָרט געשטאַנען אַ סך פריהער, און אויף אַזאַ אופן איז נישט חל דער איסור פון „לא ידבק".

אויך דאָ אין פסוק „ויקבור אותו בגי וכו' מול בית-פעור", איז דאָך אין פלוג אַ קשיא: ווי אַזוי האָט מען איהם געמעגט קובר זיין נעבען עבודה-זרה? און דערויף בעמערקט רש"י: „קברו היה מוכן שם מששת ימי בראשית", דער קבר איז שוין דאָרט פון פריהער געווען צוגעגרייט, פון ששת ימי בראשית, וממילא איז שוין דערביי נישט געווען קיין איסור, דען ס'איז דאָך — „היא באה בגבולי"...

(רבי ר' העשיל)

ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה... (לד. ו)

דעריבער איז „ולא ידע איש את קבורתו", ווייל עס איז נגזר געוואָרען אויף משה'ן: „ושמה לא תעבור", און דערויף ערקלערען די חז"ל: „אפילו לאחר מיתה". עס איז דעריבער פערהוילען געוואָרען פאַר אַלעמען דער אָרט פון זיין קבר, כדי די אידען זאָלען נישט אַמאָל וועלען, טראָגען דעם געבאַט, אַריבערפיהרען זיינע ביינער קיין ארץ-ישראל...

(חפץ מנשה)

עס האָט אַמאָל אַ כומר געפרעגט רבי יונתן אייבעשיץ: פונוואַנען ווייסען מיר, אַז עס איז אמת דאָס, וואָס עס שטעהט ביי אייך געשריבען, אַז בשעת משה איז אַוועק ברענגען די לוחות האָט ער נישט געגעסען פיערציג טעג און פיערציג נעכט? מילא, יציאת-מצרים, קריאת ים סוף, צי נאָך אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען, דאָס האָבען אַלע אידען געזעהן, און אַ כלל, ששים רבוא מענשען, וועלען קיין ליגען נישט זאָגען, אָבער דאָס, וואָס משה האָט געטהון ביחידות, בעת ער איז אַוועק אויף אַזאַ לאַנגע צייט פון דער מחנה, האָט דאָך קיינער נישט געזעהן, טאָ פונוואַנען ווייסט מען, אַז עס איז טאַקי ווירקליך אַזוי געווען?

דערויף האָט איהם רבי יונתן אייבעשיץ געענטפערט:

די אידישע תורה ענדיגט זיך מיט דער ערצעהלונג, אַז „וימת שם משה עבד ד' וכו' ולא ידע איש את קבורתו". איז אויב קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו משה רבינו'ס קבר געפינט זיך, האָט דאָך די תורה, אייגענטליך, געקענט ערקלערען, אַז משה איז גאר באמת נישט געשטאָרבען, נאָר ער איז אַרויף אין הימעל אַריין (פונקט אַזוי ווי ס'ווערט דערצעהלט וועגען די טיהרער פון אַנדערע רעליגיעס), בפרט נאָך, ווען אַלע האָבען געזעהן, אַז עס איז „לא כהתה עינו ולא נס לחה", אַז ביז דער לעצטער מינוט איז

אויף איהם נישט קענטיג געווען קיין שלאַפקייט און קיין שוואַכקייט, וואָל-
טען זיי דאָך געוויס בוטה געווען צו גלויבען, ווען מען זאָל זיי בצווען
דערצעהלען, אַז ער איז לעבעדיגערהייד אַרויף אין הימעל אַריין? איז דער-
פון, אַלזאָ, אַ ראיה, אַז די אידישע תורה האָט קיין שום זאַך נישט פער-
לייקענט. די אידישע תורה זאָגט נישט קיין ליגען...

חָמֵשׁ מְגִלּוֹת

שיר השירים

שיר השירים אשר לשלמה... (א. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין זוהר: „שיר השירים תתר״ו סימן״.
וואָס ווערט געמיינט דערמיט?
דער ווילנער גאון ערקלערט עס גאַנץ איינפאַך:
אין פסוק ווערט געזאָגט: „ויהי שירו חמשה ואלף (מלכים א׳ ה. יב), אין אויף דעם בעמערקט דער זוהר, אַז דאָס איז אַ חוץ שיר-השירים, אַז צוזאַמען מיט שיר-השירים איז עס תתר״ו — אלף וששה...

הנך יפה עיניך יונים... (א. טו.)

די אויגען פון דער כנסת-ישראל זענען געגליכען צו די אויגען פון טויבען, דען די טבע איז פון דער טויב, אַז בעת זי פליהט דרעהט זי יעדעס מאָל אויס דעם קאָפּ און קוקט כסדר הינטער זיך, אין דער ריכטונג צו דער נעסט פונוואַנען זי איז אַוועקגעפלויגען. אויך דער איד, ווי דערווייטערט ער זאָל נישט זיין פון זיין נעסט, סיי אין צייט, סיי אין אָרט, סיי אין מעשים — שטענדיג וועט עס איהם ציהען צוריק צום מקור, צו זיין אַלטער, אַמאָליגער נעסט...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

השבעתי אתכם בנות ירושלים וכו׳ אם תעירו ואם תעוררו... (ב. ז.)

די חיבת ציון בעוועגונג איז, כידוע, אין די ערשטע צייטען גאָר שטאַרק בעקעמפט געוואָרען דורך פערשיעדענע רבנים, וועלכע האָבען זיך אין זייער געגנערשאַפט געשטיצט אויפ׳ן בעקאַנטען מאמר אין מדרש רבה, וואו אויפ׳ן פסוק „השבעתי אתכם בנות ירושלים״ ווערט געזאָגט: „ארבע שבועות יש כאן, השביע לישראל שלא ימרדו עול המלכיות ושלא ידחקו על הקץ וכו׳ ושלא יעלו חומה מן הגולה״.

דערויף האט ר׳ בן-ציון אלפס, אין א בראשור, וואס ער האט דאן ארויסגעלאזען, אנגעוויזען, אז אין דער זעלבער שטעלע אין מדרש ווערט אויך געזאגט: „נשבע לישראל שלא ימרדו עול המלכיות ונשבע למלכיות שלא יקשו עול על ישראל״. די שבועה איז, אלזא, א געגענזייטיגע און קוים האלטען נישט די מלכיות זייער התחייבות — ווערט ממילא אויך אונזער התחייבות בטל...

יונתי בחגוי הסלע... (ב. יד.)

אין מדרש רבה (לך לך פ׳ ל״ט) ווערט געזאגט, אז „כל העופות כשהן יגעין ניגוחין על גבי סלע והיונה בשעה שהיא יגעה פורחת באחת וניגוחת באחת״. אלע עופות, בשעת זיי ווערען מיעד פליהענדיג, שטעלען זיי זיך אוועק אפרוהען אויף א שטיין, מיט׳ן אויסנאהם פון דער טויב, וועלכע שטעלט זיך נישט אפ בעת זי ווערט מיעד, נאר זי פליהט דאן מיט איין פליגעל און דער צווייטער פליגעל רוהט.

און אויך דערמיט ווערען אידען געגליכען צו א טויב. אויך אידען, אפילו ווען זיי רוהען, רוהען זיי נאר מיט איין פוס. דעם צווייטען האלטען זיי שטענדיג גרייט צו לאזען זיך ווייטער אין וועג אריין...

(רבי יוסף נאטאנזאהן)

הראיני את מראיך השמיעני את קולך... (ב. יד.)

די ראשי-הקהלה אין אן׳אונגאריש שטעדטעל האבען זיך געווענדעט מיט א שאלה צום חתם-סופר, צי מעגען זיי צונעהמען אלס חזן אזעלכען, וועלכער איז מיט זיין דאווענען און מיט זיין זיסע שטימע שטארק נושא-חן ביים עולם, ער האט אבער א חסרון, וואס ער איז נישט קיין איבריגער ירא-שמים און טראגט נישט קיין בארד.

האט זיי דער חתם-סופר געענטפערט: „הראיני את מראיך״ און ערשט דאן — „השמיעני את קולך כי קולך ערב״. קודם-כל דארף מען א קוק טהון, ווי אזוי די מראה זיינע זעהט אויס...

כחוט השני שפתותיך... (ד. ג.)

לויט׳ן מדרש איז דאס מרמז אויף תפלה: „אמרו ישראל לפני הקב״ה: רבונו של עולם! אין לנו לשון של זהורית ושעיר המשתלח, אמר להם: כחוט השני שפתותיך — רחישת פיך חביבה עלי כחוט של זהורית״ (שיר השירים רבה).

תפלה — האט דערויף געזאגט רבי שניאור זלמן מלאדי — דארף זיך

ציהען ווי אַ פאָדעם; דער מינדעסטער הפסק, די מינדעסטע שיחה קלה אין מיטען דאַוונען — און דער פאָדעם ווערט איבערגעריסען...

„כחוט השני שפתותיך" — דער חוט השני האָט אין בית־המקדש געדיענט אַלס צייכען, צי מען האָט די אידען מכפר געווען זייערע זינד, אָדער נישט. „הלבין היו שמחין, לא הלבין — היו עצבין ומתביישין" (יומא ס"ז), און דאָס וועלבע איז אויך מיט די ליפּען פון מענש, אויך פון זיי איז קענטיג, צי ער איז זינדיג. די צונג איז דער גרעסטער מסור...

(שפתי צדיקים)

און דאָס איז אויך דער טייטש: „רב בדק בלישנא" (חולין י"ז). רב פלעגט בודק זיין יעדען מענש לויט דער צונג, וואָס ער האָט, מיט זיין ריידען...

(בינת יששכר)

כפלח הרמון רקתך... (ד. ג.)

„רקנים שבך מלאים מצוות כרמון" (סנהדרין ל"ז)

אַ באמת פרומער און עהרליכער איד — פלעגט זאָגען דערויף רבי אלי' חיים מייזיל — איז קיינמאָל נישט פאַרטיג מיט זיך. שטענדיג געהט ער אַרום מיט פחד און עס דוכט זיך איהם, אַז ער איז פול מיט עבירות. דאַגעגען רקנים שבך, די פוסטע לייט און גראָבע יונגען, זענען תמיד מלאים מצוות כרמון און וועגען וואָס אַ דבר־מצוה דו זאָלסט צו אַזאַ איינעם נישט קומען ענטפערט ער דיר, אַז ער טהוט גענוג, ער האָט גענוג מצוות...

תשורי מראש אמנה מראש שניר וחרמון... (ד. ח.)

אַ פלא! פון רש"י'ס ווערטער אויפ'ן דאָזיגען פסוק: „וביאתך לראש שניר וחרמון שהיו מעונות אריות סיחון ועוג", איז משמע, אַז שניר וחרמון זענען נעמען פון צוויי בערג, ווען העהרענד אין דברים (ג. ט.) ווערט דאָך בפירוש געזאָגט: „צדונים יקראו לחרמון שריון והאמורי יקראו לו שניר", אַז דאָס איז איין און דער זעלבער באַרג?...

לכה דודי נצא השדה נלינה בכפרים... (ז. יב.)

„בוא ונראה בני עשו שהשפעת להם טובה וכופרים בך, בשכימה לכרמים — אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות" (רש"י)

זיי מוחל, רבונו של עולם, און שפּאַציר זיך דורך פריהער צווישען

בני-עשו און דו ווערסט דאן זעהן, אז וואס מיר זאלען נישט זיין, אבער געגען אנדערע פעלקער זענען מיר נאך צו יעדער צייט צדיקים גמורים...

און דאס האט אויך געמיינט הושע הנביא, בשעת ער האט אויף דער טענה פון השי״ת, אז די אידען האבען געזינדיגט, געענטפערט: „לך והחליפם באומה אחרת״. אין פלוג איז היתכן? ווי קומט עס אז א נביא זאל ענטפערען אזעלכע ווערטער? נאר ער האט געמיינט דערמיט פערקעהרט: פרוב, רבונו של עולם, געגענשטעלען דאס אידישע פאלק און אויסבייטען עס אויף אן אומה אחרת, ווי אזוי אנדערע פעלקער זעהען אויס, און דו ווערסט זעהן, אז ווי גרויס עס זאלען נישט זיין אונזערע חסרונות, זענען מיר נאך אלץ בעסער פון זיי...

(רבי ברוך קאסאווער)

ששים המה מלכות ושמונים פילגשים... (ו. ח.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „ששים המה מלכות — כנגד ששים מסכתות ושמונים פילגשים — כנגד פתיחות״.

וואס מיינט מען „כנגד פתיחות״?

נאר פון די ששה סדרים הויבט זיך אן דער סדר זרעים מיט א מ׳ — „מאימתי קורין את שמע״, סדר מועד מיט א י׳ — „יציאות השבת״, סדר נשים מיט א ח׳ — חמש עשרה נשים״, סדר נזיקין מיט אן א׳ — „ארבעה אבות נזיקין״, סדר קדשים מיט א כ׳ — „כל הזבחים״, סדר טהרות מיט אן א׳ — „אבות הטומאה״, און דאס איז דער פשט: „ושמונים הם פלגשים כנגד פתיחות״ צוזאמען בעטרעפען די אלע פתיחות, די התחלות — אכציג...

(רדי ר׳ העשיל)

רות

ויהי בימי שפוט השופטים... (א. א.)

„שפוט השופטים, דור ששופט את שופטיו" (בבא-בתרא ט"ו)

שופטים — האט דערויף געזאגט דער בעש"ט — וועלכע משפטן און שטראפן דאס פאלק בשעת עס געפינט זיך אין אן־עת־צרה, אין א הונגער, אנשטאט זיי זאלן דאס פאלק טרייסטען, מלמד זכות זיין און מיטפיהלען זיין צער — אזעלכע שופטים דארפען אליין גע'משפט ווערען...

„אוי לו לדור ששופט את שופטיו ואוי לו לדור ששופטיו צריכים להשפט, שנאמר וגם אל השופטים לא שמעו" (מדרש רבה)

פון וואנען איז פונ'ם פסוק „וגם אל השופטים לא שמעו" געדרונגען, אז „שופטים צריכים להשפט"? ווייל גאנץ איינפאך: אויב מען רעכענט זיך נישט מיט די שופטים און מען הערט זיי נישט, איז עס זיכער נור דער־פאר, ווייל זיי פערדיענען זיך נישט דערויף, ווייל זייער אויפפיהרונג איז אזעלכע, אז יעדער קאן צו זיי זאגען: „טול קורה מבין עיניך"...

(כתנות אור)

וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדי מואב... (א. א.)

אנטלאפען איז אלימלך צוליעב קארגשאפט, און דעריבער האט ער זיך אויסגעקליבען צו וואוינען צווישען די בני מואב, וועלכע האבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זייער קארגשאפט און צרות־עין, ווי די תורה זאגט עדות וועגען זיי: — „על אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בצאתכם ממצרים"...

(מהר"י אדרבי)

ותשאר היא ושני בניה... (א. ג.)

„ותשאר — שנעשית כשירי מנחה" (מדרש)

וואס מיינט דערמיט דער מדרש?

נאר אין יורה־דעה ס' מ"ג ווערט געזאגט: „טחול אם נשתייר כעובי דינר כשר", און דערויף ערקלערט דארט דער ט"ז: „לא ידענא שיעורו, אבל

עכ"פ הוא פחות מחצי אם נקרא שיור". דער אויסדרוק „שיור", איבערבלייבונג, לאָזט זיך, הייסט עס, אנווענדען נור אין דעם פאַל, ווען עס בלייבט איבער ווייניגער ווי אַ העלפט. פרעגט מען: פון וואַנען נעהמט דער ט"ז דעם דאָזיגען כלל? אַט ווערט דאָך ביי מנחה בפירוש געזאָגט אין פסוק: „והנותרת ממנה יאכלו אהרן ובניו", זעהט מען דאָך, אַז דער אויסדרוק „נותרת", איבערבלייבונג, לאָזט זיך אויך בענוצען אַפילו דאַן, ווען עס בלייבט איבער אַ סך מעהר, ווי העלפט, מחמת אַראָבגענומען האָט מען דאָך פון דער מנחה אַ גאַנץ נישטיגען טייל, בלויז די גרויס פון אַ „קומץ"? און דערויף ווערט געענטפערט, אַז דערפאַר געשיקט זיך דאָרט יאָ צו בענוצען דעם אויסדרוק „נותרת", ווייל עס פעהלט פון איהר דאָס סאַמע חשוב'סטע — דער „קומץ", און קוים פעהלט דער „קומץ" הייסט שוין דאָס איבריגע נישט מעהר, ווי „נותר", הגם אין כמות איז נאָך געבליבען דערפון אַ גאַנץ היבשער טייל...

דאָס זעלבע האָט אויך געאָרט דעם בעל-המדרש אינ'ם פסוק „ותשאר היא ושני בניה". ווי געשיקט זיך דאָ דער אויסדרוק „ותשאר", ווערענד געשטאָרבען איז דאָך בלויז אלימלך און געבליבען איז דאָך דער גרעסטער טייל פון דער פאַמיליע — נעמי אוןביידע זיהן? און דערויף קומט דער ענטפער: „שנעשית כשירי מנחה", און פונקט ווי ביי מנחה ווערט דער גרעסטער איבערגעבליבענער טייל אָנגערופען „הנותרת", ווייל עס פעהלט פון איהר דער חשוב'סטער טייל — דער „קומץ", אַזוי אויך דאָ פאַסט זיך דער אויסדרוק „ותשאר", ווייל עס איז געשטאָרבען דער חשוב'סטער פאַמיליען-מיטגליעד — אלימלך...

(רבי שאול אַמשטערדאַמער)

כי אל אשר תלכי אלך... (א. טז.)

דער ווילנער גר-צדק, גראף פאָטאָצקי — ווערט דערצעהלט — האָט געהאַט אַ חבר, זאַרעמבא, וועלכער האָט נאָכגעטהון זיין חבר'ס ביישפיעל און זיך מגייר געווען צוזאַמען מיט זיין פרוי.

נאָכ'ן איבערגעהן צום אידענטום האָט זיך זאַרעמבא דאַן געווענדעט צו דער פרוי און געזאָגט: לאָמיר זיך שיידען, דו וועסט חתונה האָבען מיט אַן אמת'ן בן-ישראל און איך — מיט אַ בת ישראל און אַזוי אַרום וועלען מיר ביידע ווערען איינגעוואָרצעלט אין אידישען פאָלק. דערויף האָט זי איהם געענטפערט: עס האָבען צוויי מענשען אַמאָל געוואַנדערט אין דער מדבר, וואו זיי האָבען פערלוירען דעם וועג און זיי האָבען אַ צייט לאַנג געבלאָנדזשעט, הונגער און דורשט געליטען, פון דער ברענענדיגער זון געפּייניגט געוואָרען, ביז עס איז זיי ענדליך אַ נס געשעהן און זיי האָבען דעם וועג צום ישוב געפונען. צוקומענדיג צום ישוב, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט

און געזאָגט: צוזאַמען האָבען מיר אין דער מדבר געבלאָנדזשעט, צוזאַמען פון הונגער און דורשט געליטען, צוזאַמען געפּייניגט געוואָרען און איצט, אַרויסקומענדיג אויפ'ן גלייכען וועג, צי דען זאָלען מיר זיך פונאַנדערשיידען? איז דאָס אַ יושר?...

און דער גר זאַרעמבא איז ווייטער געבליבען וואוינען מיט זיין פרוי.

(„מתיהדים" פון צבי כשדאי)

ותרא כי מתאמצת היא ללכת אתה.. (א. יח.)

תורה איז מתשת כח, און מיט'ן מאָמענט, ווען מען בעשליסט צו נעהמען אויף זיך דעם עול פון אידישקייט, ווערט מען שוין פיזיש אָבגעשוואַכט, ווי די גמרא דערצעהלט וועגען ריש לקיש'ן, אַז בשעת ער האָט זיך געבאָדען מיט ר' יוחנן אין ירדן און נאָכ'ן געשפּרעך, וואָס איז צווישען זיי פאָרגעקומען, האָט ער מסכים געווען צו ווערען אַ בעל-תשובה — „בעי למהדר לאתויי מאניה ולא מצי", און דערויף זאָגט דאָרט רש"י: „דמשקבל עליו עול תורה תשש כוחו" (בבא מציעא פ"ד). צוליעב'ן בלויז בעשלוס מקבל צו זיין אויף זיך דעם עול תורה, איז ער שוין געוואָרען אָבגעשוואַכט...

און דאָס זאָגט דער פסוק: „ותרא כי מתאמצת היא ללכת אתה", בשעת נעמי האָט דערזעהען, אַז רות שטרענגט זיך אָן צו געהן, אַז די טריט זענען ביי איהר שווערער געוואָרען, „ותחדל לדבר אליה", האָט זי איבערגעריסען דעם געשפּרעך און שוין מעהר נישט געפּרובט איהר אָבצורייידען, וואָרום — אויב זי דערפיהלט זיך מיטאַמאָל שוואַך און עס איז איהר שווער צו געהן, איז אַ סימן, אַז זי איז שוין טאַקי פעסט בעשלאָסען צו ווערען אַ אידיש קינד...

(רבי חיים צאַנזער)

וזאת לפנים בישראל וכו'... (ד. ז.)

דערפאַר — פלעגט זאָגען רבי צבי הירש בערלינער — האָט מען פּעריצייטענס געגעבען מעהר צדקה, ווי היינט, ווייל דאַמאָלס איז די אמונה געווען פיעל שטאַרקער אין די אידישע הערצער. מען האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז מען וועט בקרוב ווערען אויסגעלייזט, עס וועלען קומען בעסערע צייטען און מען מעג זיך דעריבער ערלויבען צו געבען צדקה מיט אַ ברייטע האַנד און נישט בעהאַלטען דאָס געלד, און דאָס איז דער טייטש:

„וזאת לפנים בישראל" — אַזוי איז געווען דער מנהג פּערצייטענס ביי אידען — „על הגאולה" — מען האָט געגלויבט אין דער גאולה — „ועל התמורה" — מען האָט געהאַט בטחון, אַז די צייטען וועלען זיך טוישען צום

גוטען, און דעריבער — „שלף איש נעלו״ — האט דער איד ממש פון זיין די שטיוועל אראפגעצויגען —„ונתן לרעהו״—און עס אוועקגעגעבען זיין חבר...

אין מדרש רבה רות (סוף פרשה ב׳) ווערט געזאגט, אז אויף דע בקשה פון דוד המלך: „הודיעני ד׳ קצי ומדת ימי מה היא״, האט איהם השי״ת געענטפערט: „שבעין שנין״.

דאגעגען אין מדרש רבה קהלת, אויפ׳ן פסוק „ברבות הטובה״, ווער געזאגט, אז די תשובה איז געווען: „גזירה היא מלפני שאין מודיעין מדת ימיו של בשר ודם״, און אזוי ווערט אויך געזאגט אין דער גמרא (שבת ל׳) א פלא!

אֵיכָה

בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה... (א. ב.)

„בלילה — לילה של בכית מורגלים בתשעה באב גורמה להם" (רש"י)

און דאָס — פלעגט דערויף זאָגען דער ליסער רב — איז דער פשט פון „ודמעתה על לחיה". די דאַמאָלסדיגע מרגלים־טרעהרען זענען נאָך היינט קענטיג אויף איהר פנים. נאָך היינט געפינען זיך, ליידער, אידען, וועלכע ריידען־אויס כל דאָס בייז אויף ארץ־ישראל...

נִשְׂקַד עול פשעי בידו ישתרגו עלו על צוארי... (א. יד.)

מיר זענען פון אונזער לאַנד פערטריבען געוואָרען אין גלות אַריין, כדי מיר זאָלען תשובה טהון און מתקן זיין אונזערע מעשים, אָבער דער־גרייכט איז גאָר געוואָרען דער היפוך: אין גלות האָבען זיך די פשעים און חטאים נאָך שטאַרקער פערצוויגען אַרום אונזער האַלז און אונז פערוויקעלט אין אַ פלאָנטער, פון וועלכען מיר קענען זיך נישט אַרויסדרעהען: וואָס מעהר חטאים — אַלץ מעהר גלות, און וואָס מעהר גלות — אַלץ מעהר חטאים...

(דובנער מגיד)

צוה ד' ליעקב סביביו צריו וכו'... (א. יז.)

אַמאָל איז געווען „צוה ד' ליעקב סביביו צריו", האָט השי"ת געוואָ־רענט די אידען און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך דערווייטערען פון די שונאים און זיך נישט מתחבר זיין מיט דער אַרומיגער סביבה, איצט אָבער זענען מיר בעוונותינו חרבים צוגעקומען דערצו, אַז „היתה ירושלים לנדה ביניהם", אַז זיי, די גוים, ווילען זיך מעהר מיט אונז נישט מתחבר זיין...

(דובנער מגיד)

תבוא כל רעתם לפניך וכו׳... (א. כב.)

„כשאתם זוכים אתם קוראים תביאמו ותטעמו, וכשאין אתם זוכים אתם קוראים תבוא כל רעתם לפניך״ (מדרש רבה איכה)

וואס האט עס פאר א צוזאמענהאנג?

נאר אונזער איינציגע התנצלות פאר גאט איז: די גוים זענען ערגער פון אונז. „תבוא כל רעתם לפניך״, אין פערגלייך מיט זייער שלעכטער אויפפיהרונג, מיט זייער רשעות׳דיגע מעשים, זענען מיר צדיקים גמורים... צו דער דאזיגער פערענטפערונג מוזען מיר אנקומען „כשאין אתם זוכים״, ווען מיר האבען נישט אנצווייזען אויף אייגענע פאזיטיווע, גוטע מעשים, אבער „כשאתם זוכים אתם קוראים תביאמו ותטעמו בהר נחלתך״, אז מיר זענען ראוי צו ווערען אויסגעלייזט צוליעב אונזערע אייגענע פערדיענסטען, מצד יחוס עצמי... (כתב סופר)

השליך משמים ארץ תפארת ישראל... (ב. א.)

די „תפארת ישראל״, דער רוהם און די שענקייט פון ישראל, איז אראבגעווארפען געווארען פון הימעל אויף דער ערד. אמאל איז א איד געווען בעריהמט ווען ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע גייסטיגע מעלות, ווען ער איז געווען א למדן, א ירא-שמים, א בעל-מדות, היינט אבער ווערט מען בעריהמט, ווען מען איז א נגיד, מען האט א סך געלד — דאס איז דער היינטיגער „תפארת ישראל״... (חדושי הר״ים בשם רב אחד מפרייסען)

כי גדול כים שברך מי ירפא לך... (ב. יג.)

„מי שהוא עתיד לרפאות שברו של ים הוא ירפא לך״ (מדרש רבה)

וואס ווערט געמיינט דערמיט?

נאר ירושלים איז חרוב געווארען דורך מלכות רומי, און וועגען רומי ווערט געזאגט: „בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים וכו׳ ועליו נבנה כרך של רומי״.

די חז״ל, געפינענדיג זיך אונטער דער רוימישער הערשאפט, האבען, אלזא, גערעדט בדרך רמז, אלעגאריש: „מי שעתיד לרפאות שברו של ים הוא ירפא לך״. אונזער רפואה און ערלעזונג איז אבהענגיג פונ׳ם „שברו של ים״, פון רוים, אנ׳אנדייטונג אויפ׳ן בעקאנטען מאמר: „אמלאה החרבה וכו׳ כשזה נופל זה קם״...

(רבי אליעזר רוקח)

נביאיך חזו לך שוא ותפל וכו׳... (ב. יד.)

רבי אלעזר פלעקליש פלעגט שטארק מתרעם זיין אויף די רבנים, וואס אין זייערע דרשות, אנשטאט צו מוסר׳ן דאס פאלק און אריינצוגעבען אין איהם התעוררות, שטעלען זיי זיך אוועק זאגען פשט׳לעך און פלפולים של הבל, און מיט כעס דריקט ער זיך אויס אין איינעם פון זיינע ספרים: „נביאך חזו לך שוא ותפל ולא גלו על עונך להשיב שבותך״...

זכור תזכור ותשיח עלי נפשי... (ג. כ.)

א משל צו א מלך, וועלכער איז געגאנגען לחמת גבר (צו די חמי טבריא) און ער האט געגומען זיינע קינדער מיט זיך. פעם אחת, איינמאל, הקניטוהו, האבען איהם די קינדער דערצערענט, און ער האט געשוואוירען, ער זאל זיי מעהר נישט נעהמען מיט זיך... והי׳ נזכר להם ובוכה... אבער שפע־טער האט ער זיך דערמאהנט אן זיי און ער האט געוויינט און געזאגט: „הלואי והי׳ בני עמי אף על פי שמקניטים אותי״, הלואי וואלטען מיינע קינדער געווען מיט מיר, כאטש זיי דערצערנען מיך. און דאס איז דער זין פון פסוק: „מי יתנני במדבר מלון אורחים״ (ירמי׳ ט.), אמר הקב״ה הלואי יהיו בני עמי כמו שהיו במדבר, שהיו מלינין עלי... ודכוותיה, און עהנליך ווערט אויך געזאגט אין א צווייטען פסוק: „בית ישראל יושבים על אדמתם ויטמאו אותה״ (יחזקאל ל״ו), אמר הקב״ה: הלואי יהיו בני עמי בארץ־ישראל, אף על פי שמטמאין אותה...

(ילקוט איכה רמז תתרל״ח)

יתן למכהו לחי ישבע בחרפה... (ג. ל.)

דער „ישבע בחרפה״ — פלעגט דערויף זאגען דער האר״י הקדוש — געהט נישט ארויף אויף דעם „יתן למכהו לחי״, נישט אויפ׳ן געשלאגענעם, נאר אויפ׳ן שלעגער. שעמען דארף זיך דער, וואס גיט פעטש; נישט דער, וואס קריגט זיי...

מפי עליון לא תצא הרעות והטוב.. (ג. לח.)

„הרעות״ ווערט געזאגט בלשון רבים, דאגעגען „והטוב״ — בלשון יחיד, דען שלעכטס, צרות, זענען פארהאן א סך, דאגעגען גוטס — נישט מעהר, ווי איינס, ווארום דאס גוטע איז בלויז די שלילה, דאס געגאטיווע צום שלעכטען: אז עס איז נישט שלעכט — איז גוט...

(ברכות בחשבון)

נחפשה דרכינו ונחקורה וכו׳... (ג. מ.)

בשעת ר׳ בערעניו לעוויער, דעם ריזשינער׳ס זוהן — דערצעהלט מען — האָט אויף אַ געוויסע צייט פערבלאָנדזשעט אין פרעמדע דרכים, איז איינ־מאָל געקומען צו איהם זיין ברודער, רבי אַברהם יעקב סאַדיגורער, און גענומען מיט איהם איינ׳טענה׳ן, ער זאָל תשובה טהון. האָט איהם ר׳ בערעניו געענטפערט: „נחפשה דרכינו ונחקורה״, פריהער דאַרף מען זוכען, פערטיעפען זיך, חוקר זיין און ערשט נאָכהער — „ונשובה עד ד׳״, ווערט קלאָר, צי מען דאַרף תשובה טהון...

דערויף האָט דער סאַדיגורער אַ זיפץ געטהון און געזאָגט: איצט איז מיר פערשטענדליך, צוליעב וואָס ירמי׳ הנביא האָט דעם דאָזיגען פסוק אַריינ־גענומען אין „איכה״ און וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט צו די קינות. אויך דאָס, ווייזט אויס, געהער צו די זינד פון יענעם דור און צו די סיבות, וואָס האָבען דערפיהרט צום חורבן, אויך די דאַמאָלסדיגע פושעים, ווייזט אויס, פלעגען טענה׳ן דאָס זעלבע: נחפשה דרכינו ונחקורה, און ערשט דער־נאָך — ונשובה...

נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים... (ג. מא.)

ס׳איז נאָך ווייניג — פלעגט זאָגען דער רבי פון אַלעקסאַנדער, רבי העניך — וואָס מיר הויבען־אויף און פאַטשען מיט די הענד בשעת׳ן דאַווענען. „נשא לבבנו אל כפים״, צוזאַמען מיט די הענד דאַרף מען אויך דאָס האַרץ אויפהויבען...

זקנים משער שבתו, בחורים מנגינתם... (ה. יד.)

די מבארים בעמיהען זיך אויף פערשיעדענע אופנים צו פערטייטשען דעם דאָזיגען פסוק, וועלכער זעהט אויס אין פלוג צו זיין אונפערשטענדליך.

אָבער, ווי עס ווייזט אויס, בעציהט זיך דאָס אויף די לוים. לויט׳ן דין האָבען די עלטערע לוים, נאָכדעם, ווי עס איז נפסל קולם, ווי זיי האָבען פערלוירען די שטימען, זיך נישט געטאָרט מעהר בעטייליגען אין דער עבודת־השיר און זיי זענען אַוועקגעזעצט געוואָרען אלס שוערים, אלס דיענער ביי די טויערען פון בית המקדש.

און דאָס ווערט, אַלזאָ, געמיינט: „זקנים משער שבתו״, די עלטערע לוים זיצען נישט מעהר ביי די טויערען, „ובחורים — מנגינתם״ און די יונגע לוים האָבען אויפגעהערט צו זינגען...

(בשם גאון אחד)

חדש ימינו כקדם... (ה. כא.)

אַ כלל האָבען מיר, אַז „מדה טובה מרובה ממדת פורעניות". איז מה־דאָך ביי מדת פורעניות (ווי ביים עונש פון די מרגלים) ווערט געזאָגט: „יום לשנה יחשב", אַז פאַר יעדען טאָג, וואָס זיי האָבען געזינדיגט, וועלען זיי בעשטראָפט ווערען מיט אַ יאָהר, מכל־שכן ביי מדה טובה האָבען מיר דאָך אַוודאי דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז מען זאָל אונז פערגיטיגען און אָבצאָה־לען פאַר יעדען טאָג גלות און יסורים — אַ יאָהר גאולה ומנוחה...

מיר זענען אָבער בעשיידען אין אונזערע פאָדערונגען און, אויסגעמאַ־טערטע פונ'ם לאַנגען צוויי טויזענד־יעהריגען גלות, וועלכען מיר האָבען קיין כח נישט מעהר איבערצוטראָגען, בעטען מיר זיך: „חדש ימינו כקדם!" מיר זענען שוין מוחל דעם פראָצענט, בעצאָהל אונז כאָטש דעם קרן, כאָטש אַ טאָג פאַר אַ טאָג!...

(נחל אשכול)

כי אם מאס מאסתנו קצפת עלינו עד מאד... (ה. כב.)

„כי אם מאס מאסתנו" — פלעגט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער זיך אויס'טענה'ען מיט'ן רבונו של עולם — מיר זענען פערמיאוסט ביי דיר, גלייך ווי מיר וואָלטען געווען, חלילה, די ערגסטע רשעים, דאַגעגען „קצפת עלינו עד מאד", צאָרנסטו אויף אונז, גלייך, ווי מיר וואָלטען געווען די גרעסטע צדיקים, מיט וועלכע דו ביזט מדקדק „עד מאד", כחוט השערה...

„לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבזו בה תלמידי חכמים" (שבת קי"ט)

און אין אַ צווייט אָרט ווערט דאָך גאָר געזאָגט: „לא נחרבה ירושלים אלא על שנאת חנם" (יומא ט.)!

נאָר, אַז רייכע בעלי־בתים זאָלען נישט האָבען קיין דרך־ארץ פאַר רבנים און תלמידי־חכמים, דערצו איז מען געוואוינט, דאָס איז קיין נייעס נישט. אָבער אויב די תלמידי־חכמים ווערען כאָטש דורך זיי אויסגעהאַלטען און זיי לאָזען זיך קאָסטען אויף זיי געלד, מילא, איז דאָס נאָך אַ האַלבע צרה... דאַמאָלס אָבער, בימי החורבן (מכל־שכן היינט), זענען מקוים געוואָרען ביידע מאמרים צוזאַמען: לאָ־די וואָס מען האָט פיינד געהאַט די תלמידי־חכמים און זיי מבזה געווען, איז עס נאָך דערביי אויך געווען אַ שנאת־חנם, אַ שנאה, ביי וועלכע מען האָט די תלמידי־חכמים געלאָזט אויסגעהן פון הונגער, אַ שנאה, וועלכע האָט קיין געלד נישט געקאָסט...

(לחמי תודה)

רבי חיים צאַנזער האָט אַמאָל געמאַכט אַ שמחה, אויף וועלכער ער האָט פערגעסען איינצולאַדען איינעם אַ רב פון זיינע ידידים. בעת ער האָט שפּעטער געפרעגט דעם רב, הלמאַי ער איז נישט געקומען צו איהם אויף דער שמחה, האָט יענער געענטפערט, אַז אומגעבעטען קומט מען נישט.

ס'איז אַ שלעכטער מנהג — בעמערקט דערויף רבי חיים — און דער דאָזיגער מנהג האָט גורם געווען צו אונזער גרויסען חורבן, דען אין דער גמרא ווערט דערצעהלט די מעשה מיט קמצא ובר קמצא, אַז עס האָט איינער געהאַט אַ פריינד מיט'ן נאָמען קמצא און אַ שונא — בר קמצא. בשעת ער האָט געמאַכט אַ סעודה און געשיקט אַ שליח איינלאַדען זיין פריינד קמצא, האָט דער שליח זיך טועה געווען און איינגעלאַדען דעם שונא בר-קמצא, וועלכען דער בעל-שמחה האָט בעליידיגט און יענער איז אַוועק און איהם גע'מסר'ט און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז עס איז געקומען צום מורא'-דיגען חורבן.

ווען אָבער עס וואָלט נישט עקזיסטירט ביי אונז דער דאָזיגער מנהג, אַז בעת אַ שמחה זאָל מען דאַרפען שיקען איינלאַדונגען צו די גוטע-פריינד, נאָר די גוטע-פריינד וואָלטען געקומען אַליין, וואָלט דאָך צו דעם גאַנצען חורבן נישט געקומען...

רבי יהושע העשיל אַפּטער פלעגט זאָגען: ווען כ'וואָלט געווען בכח, וואָלט איך מבטל געמאַכט אַלע תעניתים חוץ יום-כפור און תשעה-באב, ווייל אום יום-כפור — ווער דאַרף דען אין אַזאַ הייליגען טאָג עסען? און אין תשעה-באב — ווער קאָן דען אין אַזאַ טרויעריגען טאָג עסען?...

בעת דער „חוזה" פון לובלין איז קראַנק געוואָרען, האָבען זיך געפונען צווישען די געגנער אין מתנגדישען לאַגער אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך געפרעהט און איינינגע פון זיי האָבען זיך זאָגאַר אויסגעדריקט, אַז ווען ער וועט שטאַרבען, וועלען זיי פּראַווען אַ גרויסע סעודה.

אַז מען האָט דאָס דערצעהלט דעם חוזה, האָט ער אַ שמייכעל געטהון און זיי געהייסען זאָגען, אַז אין טאָג ווען ער וועט שטאַרבען, וועלען זיי אַפילו קיין שלוק וואַסער נישט קאָנען טרינקען.

און כך-הוה. דער „חוזה" איז נפטר געוואָרען אום — תשעה-באב...

קֹהֶלֶת

דברי קהלת בן דוד... (א. א.)

אַ חזן — פלעגט זאָגען דער קעלמער מגיד — אַז ער קומט אין אַ שטאָדט אַריין, חקר'נט מען זיך נישט, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. אויב ער האָט נאָר אַ גוטע שטימע און זינגט שען — איז דער עולם צופרי־דען. אַנדערש אָבער איז מיט אַ מגיד, וועלכער שטעלט זיך אַוועק זאָגען דעם עולם מוסר. ער מוז זיך פריהער לעגיטימירען און אָנגעבען דעם יחוס זיינעם: „קהלת בן דוד מלך בירושלים", אַנדערש לאַכט מען זיך אויס פון איהם און מען וויל זיין מוסר נישט הערען...

ואין כל חדש תחת השמש... (א. ט.)

אין אַ בריעף צו איינעם פון זיינע תלמידים קלאָגט זיך דער רמב"ם דערויף, וואָס ער איז אַ גאַנצען טאָג געוואַלדיג בעשעפטיגט מיט פערשיע־דענע שתדלנות'ן, כלל־זאַכען און דערצו איז ער אָנגעשטעלט אַלס הויף־דאָק־טאָר ביי'ם סולטאַן און די איינציגע פרייע צייט, וואָס עס בלייבט איהם אויף צו לערנען און מחדש צו זיין חדושים, איז נאָר די נאַכט, און ער דריקט זיך אויס וועגען דעם בדרך מליצה: „ואין כל חדש תחת השמש", אַז „תחת השמש", ביי'טאָג, בעת די זון שיינט, איז „אין כל חדש", האָט ער קיין צייט נישט און ער איז נישט אימשטאַנד עפּעס מחדש צו זיין...

ואין כל חדש תחת השמש...

וועגען אַ סך פון די לעצטע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען, ווערט פעסטגעשטעלט און אָנגעוויזען, אַז זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס שוין געווען בעקאַנט אונזערע חכמי התלמוד, מיט קרוב צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

וועגען דער גרויס פון אונזער ערד־קוגעל, מיט וועלכער עס האָבען זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט די אַלטע גריכישע געלעהרטע, פון וועלכע

יעדער פון זיי האָט אָנגעגעבען פערשיעדענע ציפערען, איז מען ערשט אין די לעצטע יאָהר־הונדערטער מיט דער הילף פון די נייעסטע מעסטונגס־אינסטרומענטען און אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, דערגאַנגען, אַז דער אומפאַנג פון דער ערד בעטרעפט פיערציג טויזענד קילאָמעטער (אונגעפעהר 24 טויזענד מייל). און אָט געפינען מיר עס בפירוש אין תלמוד: „שיתא אלפי פרסי הוי עלמא" (פסחים צ"ד). די אַמאָליגע פרסא, ווערט געזאָגט אין דער גמרא, האָט געהאַלטען פיער מילין, און אַ מיל איז דאַן געווען אונזערס אַ מייל, דאָס הייסט לערך פיערציג טויזענד קילאָמעטער, גענוי ווי עס וויל האָבען די מאָדערנע וויסענשאַפט...

— ביי די אַסטראָנאָמען פון די אַלטע צייטען איז געווען אָנגענומען, אַז די צאָהל שטערען בעשטעהט סך־הכל פון עטליכע טויזענד. ערשט מיט דער ענטדעקונג פון די ריזיגע טעלעסקאָפען איז מען געקומען צו דער מסקנא, אַז די שטערען זענען אונצעהליג און זיי דערגרייכען אין די מיליאָנען, און, ווי עס איז צו זעהן, האָבען שוין אויך אונזערע אַלטע אידישע חכמים געוואוסט דערפון און אין ברכות (ל"ב) ווערט די צאָהל שטערען אָנגעגעבען אין די צענדליגער מיליאָנען...

— אויך די מיינונג, אַז יעדער שטערען איז אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך, איז שוין די חז"ל נישט פרעמד געווען און זיי זאָגען דייטליך: „כל הישוב כולו תחת כוכב אחד הוא עומד" (פסחים צ"ד)... אויך די געוואַלדיגע ענטדעקונג פונ'ם בעריהמטען אַסטראָנאָם קאָפּערניק, אַז אונזער ערד מיט אַלע אַנדערע פּלאַנעטען דרעהען זיך אַרום דער זון, וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופען אַנ'איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער אַסטראָנאָמיע און אין אַ רייהע אַנדערע וויסענשאַפטען, ווערט שוין אייגענטליך אָנגעוויזען אין זוהר (ויקרא י'), וואו עס ווערט געזאָגט: „כל ישובא מתגלגלא בעיגולא ככדור, אילין לתתא ואילין לעילא וכו'"...

— זאָגאַר די לעהרע פון דער מאָדערנער געאָלאָגיע, אַז אונזער ערד איז נישט בעשאַפען געוואָרען אין ששת ימי בראשית אין דער פאָרם, אַזוי ווי זי איז איצט, נאָר אַז זי איז פריהער דורכגעגאַנגען פערשיעדענע עפּאָכען פון ענטוויקלונג און איבערקעהרענישען און אַז עס האָבען שוין פאַר איהר עקזיסטירט וועלטען מיט לעבעדיגע בעשעפענישען, וועלכע זענען חרוב געוואָרען, אויך וועגען דעם געפינען מיר אַ דייטליכע אָנצוהערעניש אין די חז"ל, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש רבה בראשית אויפ'ן פסוק „ויהי ערב ויהי בקר — „הקב"ה בורא עולמות ומחריבן, דין הניין לי ויתהון לא הניין לי", און זעה, וואָס עס זאָגט וועגען דעם דער „תפארת ישראל" אין סוף פון זיין פירוש אויף נזיקין...

— אָדער נעהמען מיר, צום ביישפּיעל, די ענטדעקונג וועגען דעם בליץ־

אַבלייטער. ווי בעקאַנט איז דער אַמעריקאַנער געלעהרטער, בענדזשאַמין פראַנקלין, געווען דער ערשטער, וועלכער האָט וויסענשאַפטליך אויסגעפאָרשט די אייגענשאַפטען פון בליץ און ער איז דערגאַנגען, אַז דאָס איז די אויס־לאָדונג פון עלעקטרי און צו דעם צוועק האָט ער געשאַפען דעם בליץ־אָב־לייטער, וועלכער בעשטעהט פון אַ שטיק אייזען, וואָס ווערט אַרויפגעשטעלט אויפ'ן דאַך פון יעדען הויז. דער אייזען ציהט־צו צו זיך דעם בליץ און פערהיט אַזוי אַרום פון אַנ'אומגליק. און אָט האָבען מיר עס בפירוש אין די חז"ל: „הנותן ברזל בין האפרוחים מפני הרעמים ומפני הברק, הרי זה מותר ואין בו משום דרכי האמורי" (תוספתא שבת פרק ו'). ד. ה. אַז מען מעג אַוועקלעגען אַנ'אייזען צווישען היהנער, כדי צו שיצען זיי געגען דונערען און בליצען, און עס הייסט נישט קיין אַבערגלויבען...

— דעסגלייכען, מיט אַ יאָהר זעכציג צוריק האָט די מעדיצין נישט געוואוסט קיין שום מיטעל אין פאַל, ווען אַ מענש איז געביסען געוואָרען פון אַ משוגענעם הונד, אָדער אַנ'אַנדער משוגע בעשעפעניש און די מענשען, וואָס זענען דערפון קראַנק געוואָרען, פלעגען שטאַרבען אין די שרעקליכסטע יסורים. ערשט דער בעריהמטער פראַנצויזישער מעדיצין־פאָר־שער, פאַסטער, האָט מיט עטליכע צענדליג יאָהר צוריק אויסגעפינען די טעאָריע, אַז אינ'ם בלוט פון אַ משוגענעם הונד זעלבסט געפינט זיך אַ געגען־גיפט וואָס ווירקט צו בעזייטיגען די קראַנקהייט. פאַסטער האָט אויסגעאַרבייט עקסטראַקטען פונ'ם דאָזיגען בלוט און האָט עס אַריינגעשפריצט אין די קראַנק־געוואָרענע מענשען און זיי זענען ווירקליך געוואָרען אויסגעהיילט. און אָט האָבען מיר עס אין דער גמרא: „מי שנשכו כלב שוטה אין מאכילין אותו מחצר כבד שלו" (יומא פ"ג) אין דערויף זאָגט רש"י „ואעפ"י שנוהגין הרופאים ברפואה זו אינה רפואה גמורה להתיר לו איסור בהמה טמאה על כך". די חכמי־התלמוד האָבען שוין, אַלזאָ, דאַן געוואוסט פון דער מעדיצינישער השערה, אַז אינ'ם בלוט פונם משוגענעם הונד, געפינט זיך דער געגען־גיפט צו דער קראַנהייט..

מיט איין וואָרט — „אין כל חדש תחת השמש!"...

(„התלמוד ומדעי התבל" און אַנדערע קוועלען)

והאלקים יבקש את נרדף... (ג. טו.)

ער זוכט איהם, דען עס איז איהם נישט אַזוי לייכט צו געפינען, מחמת יעדער איינער, מיט וועמען איהר זאָלט נישט רעדען, טענה'ט, אַז ער איז דער נרדף. יעדער אַכזר און יעדער רשע־מרושע שפּיעלט די ראָלע פון אַ קאָזאַק הנגזל...

ברבות הטובה רבו אוכליה ומה כשרון לבעליה כי אם ראות עיניו... (ה. י.)

עס ווערט געזאָגט אין זוהר: „מאן דאכיל לאו דיליה בעית לאסתכלא ביה" (דער, וואָס עסט נישט זיינס, טאָר מען איהם אין פנים אריין נישט קוקען), און דאָס איז דער זין: „ברבות הטובה רבו אוכליה", דער מענש האָט דאָס רעכט צו עסען פונ'ם בעסטען און פון שענסטען, צו געניסען פון אַלעם גוטען, אָבער „ומה כשרון לבעליה", דאָס איינציגע, וואָס ווערט פון איהם דערביי געפאָדערט, איז — כי אם ראות עיניו", ער זאָל דערביי קאָנען די מענשען קוקען גלייך אין די אויגען אריין, אז דאָס וואָס ער עסט, זאָל זיין זיינס, נישט יענעמס, נישט פאַר פרעמדע פראַצע און פרעמד געלד, באַנקראָט-געלד...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון... (ה. יא.)

דער עושר האָט שטענדיג צו טהון מיט'ן עסען: עסט ער צופיעל, האָט ער מורא, עס זאָל איהם נישט פערשאַדען, עסט ער צו-ווייניג — איז דאָך ווידער קיין תכלית נישט...

(שמע יעקב)

טוב כעס משחוק כי ברוע פנים ייטב לב... (ז. ג.)

גוט איז נאָר אַזאַ כעס, וואָס איז „ברוע פנים" און „ייטב לב", דאָס פנים איז מכלומר'שט בייז, אָבער דאָס האַרץ איז דערביי רוהיג און גוט. דער כעס איז נאָר אַן'אויסערליכער, אָבער נישט קיין אינערליכער...

(אמתחת בנימין אין נאָמען פון בעש"ט)

טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים... (ז. ה.)

אין דער ערשטער דרשה, וואָס רבי שמעלקי ניקעלשבורגער האָט געהאַלטען, ווערענדיג אויפגענומען אַלס רב, האָט ער אַ חוץ לומדות און גאונות אויך אַרויסגעוויזען גרויס בעהאָוועגטקייט אין ידיעות-העולם, אין פרעמדע ליטעראַטור. בעת מען האָט איהם שפעטער געפרעגט, צוליעב וואָס ער האָט זיך אַזוי בעמיהט אַרויסצווייזען אין דער דרשה זיינע קענטעניסען אין וועלט-זאַכען, האָט ער געענטפערט: „טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים", מוסר איז גוט צו הערען פון אַזעלכען, וועלכער איז דערביי אַ „שומע שיר כסילים", וועלכער האָט אַ ידיעה אויך אין די „נאַרישקייטען",

כדי מען זאָל איהם נישט קאָנען פאָרוואַרפען, אַז ער איז אַן׳אָבגעשטאַנענער מענש, אַ בטלן...

(שמן הטוב)

טוב אחרית דבר מראשיתו... (ז. ח.)

דעם „אחרית דבר״ איז נויטיג פאָראויסצוזעהען און אויסצורעכענען „מראשיתו״, באַלד אין אָנהויב, נאָך איידער מען געהט טהון די זאַך...

(כתב סופר)

כי כעס בחיק כסילים ינוח... (ז. ט.)

דער שוטה בשעת ער בייזערט זיך — „ינוח״, האָט ער אַ הנאה, אַ נחת-רוח דערפון...

(אמרי צדיקים)

ביום טובה היה בטוב... (ז. יד.)

ווייז אַרויס דיין גוטסקייט — בשעת עס איז דיר גוט, דען עפ״י רוב האָבען, ליידער, נאָר די אָרימעלייט גוטע הערצער...

(ספר הישר לרבינו תם)

למה תמות בלא עתך... (ז. יז.)

מענשען האָבען עפ״י רוב קיינמאָל קיין צייט נישט און וועגען וואָס אַ דבר-טוב מען זאָל צו זיי נישט קומען, ענטפערען זיי, אַז זיי זענען שרעקליך פערנומען, אַז זיי האָבען אַפילו קיין צייט נישט אויסצוהערען, אין וואָס עס האַנדעלט זיך... אָבער אויף ווען, אייגענטליך, לעגסטו אָב די אַלע זאַכען? ווען וועסטו דען יאָ האָבען צייט? „למה תמות בלא עתך״, אין די לעצטע מינוטען, ווען דער מלאך-המות וועט זיך בעווייזען, דאַמאָלס וועסטו דאָך אודאי און אודאי קיין צייט נישט האָבען!...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

ומוצא אני מר ממות את האשה... (ז. כו.)

און פאַרוואָס אין משלי (י״ח) זאָגט שלמה המלך פערקעהרט: „מצא אשה מצא טוב״?

נאָר — זאָגען חסידים דערויף אַ ווערטעל — אַמאָל ווען אַ ווייב האָט מען זיך נישט גענומען אַליין, נאָר עס איז געווען „מצא אשה״, די אשה האָט מען פאַר איהם אויסגעפונען אַ צווייטער, אַ שדכן, פערלאָזענדיג זיך דערביי אויף׳ן מבינות פון די עלטערן, איז טאַקי געווען „מצא טוב״, דען די עלטערן, אַלס ערפאַהרענע, פראַקטישע מענשען, האָבען זיך די מיה געגעבען

און גרויס אַכט געלעגט, אַז דער שידוך זאָל זיין אַ פּאַסענדער. דאַנגעגען אָבער „ומוצא אני את האשה", ווען מען איז אַ „ומוצא אני", ווען מען נעהמט זיך אַליין און מען איז זיך נישט מישב מיט קיינעם, לאָזענדיג זיך פיהרען פון דעם אייגענעם לייכטזיניגען געפיהל און מאָמענטאַלען איינדרוק, דאַן טרעפט מען צפ"י רוב אויף — „מר ממות"...

כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול... (ט. י.)

אויף צו זינדיגען און צו קייקלען זיך בארג אַראָב, אין גיהנום אַריין, דאַרף מען נישט זיין קיין גרויסער בעל מעשה און בעל חשבון, און עס איז נישט נויטיג דערצו, נישט קיין דעת און נישט קיין חכמה — דאָס קאָן יעדער גראָבער יונג בעוויזען...

(שטן תמור)

וחכמת המסכן בזויה... (ט. טז.)

די חכמה פון אָרימאַן איז: בזויה, נישט נתפעל צו ווערען און נישט צו נעהמען זיך צום האַרצען, וואָס מען איז איהם מבזה...

(רבי ר' בונם)

והגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ וכו' וסגרו דלתים בשוק... (יב. א. ד.)

דאָס טרויעריגסטע צווישען די אַלע זאַכען, וואָס ערוואַרטען דעם מענש אויף די עלטערע יאָהרען, איז דער „וסגרו דלתים בשוק", דאָס וואָס די אייגענע קינדער פערשליסען פאַר איהם די טהירען: די שנור שיקט איהם צו דער טאָכטער און דער איידעם צום זוהן...

(רבי מאיר'ל פרימישלאַנער)

אֶסְתֵּר

וכלים מכלים שונים וכו׳ והשתיה כדת אין אונס... (א. ז. ח.)

כאָטש די סעודה איז געפּראַוועט געוואָרען „לכל העם הנמצאים בשושן הבירה למגדול ועד קטן״, פאַר צענדליגער טויזענדער געסט, און כאָטש די געטראַנקען זענען דערלאַנגט געוואָרען בכלי זהב, דאָך — „והשתיה כדת אין אונס״, האָט זיך יעדער געקענט געמיטליך טרינקען וויפיעל און ווי לאַנג זיין האַרץ האָט געגלוסט און ס׳איז קיינער נישט געווען געצוואונגען אויסצולע־דיגען זיין בעכער און איהם אָבצוטרעטען פאַר׳ן צווייטען גאַסט, דען עס זענען געווען גענוג גאָלדענע כלים פאַר אלעמען... (מלבי״ם)

ויאמר ממוכן לפני המלך והשרים... (א. טז.)

„מכאן שההדיוט קופץ בראש״ (מגילה י״ב)

פון וואַנען איז עס געדרונגען פון פסוק, אַז ממוכן איז געווען דער ערשטער, דער קופץ בראש?

ווייל אין פלוג, צוליעב וואָס ווערען דאָ צוגעגעבען די ווערטער „לפני המלך והשרים״. עס שטעהט דאָך שוין פריהער דערמאָהנט, אַז די בעראַטונג איז פאָרגעקומען ביי׳ם מלך מיט דער בעטייליגונג פון די „שבעת שרי פרס ומדי״, איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז ער האָט גערעדט צו זיי!... דערפון האָבען, אַלזאָ, די חז״ל מדייק געווען, אַז „לפני המלך והשרים״ איז דער פשט, אַז ער האָט גערעדט — פאַר זיי, פריהער פון זיי, דער סאַמע ערשטער און — „מכאן שההדיוט קופץ בראש״... (ווילנער גאון)

לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה, כי מרדכי צוה עליה... (ב. י.)

פאַרוואָס האָט ער איהר נישט געהייסען זאָגען? צי דען האָט זיך מרדכי, חלילה, געשעמט מיט זיין פאָלק?

גאָר, כידוע, האָבען די גוים אַ שטאַרקע נייגונג צו אידישע פרויען, אַזוי ווייט, אַז ווי די חז״ל דריקען זיך אויס איראָניש, איז זאָגאר „חביבה עליהן בהמתן של ישראל יותר מנשותיהן״ (עבודה זרה כ״ב)... די געשיכטע בעווייזט אונז, אַז תמיד, אָנהויבענדיג פון אַבימלך׳ן, האָבען די רשעים און די מלכים הרשעים ליעב דוקא די טעכטער פון געהאַסטען פאָלק, און דעריבער „מרדכי צוה עליה אשר לא תגיד״, כדי אחשורוש זאָל נישט האָבען צו איהר אַזאַ שטאַרקע תאוה, דערוויסענדיג זיך, אַז זי איז אַ אידישקע...

(פנים מאירות)

דעריבער — ווערט געזאָגט אין ילקוט — איז „לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה״, ווייל האָט זי געזאָגט צו זיך: זינט דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען און מיר זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות, האָט זיך פערשטאַרקט די צאָהל פון די אידישע שונאים, און אויב דער מלך וועט אונז בעשטימען אַלס שרים, וועט דאָס אַרויסרופען קנאה צווישען די גוים און די שנאה צו אונז וועט זיך נאָך מעהר פערגרעסער׳ען...

ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה... (ג. ב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש חזית, אַז אחשורוש זעלבסט האָט אויף אסתר׳ס בקשה בעפרייט מרדכי׳ן, ער זאָל זיך נישט בוקען צו המנ׳ען.

פון וואַנען נעהמען עס די חז״ל?

— עס ווערט בפירוש געזאָגט אין פסוק — האָט דערויף אָנגעוויזען רבי יונתן אייבעשיץ — עס שטעהט: „וכל עבדי המלך וכו׳ כורעים ומשתחוים להמן כי כן צוה לו המלך ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה״. די ווערטער „כי כן צוה לו המלך״ געהען אַרויף נישט אויפ׳ן פריהערדיגען האַלבען פסוק, נאָר אויפ׳ן סוף, און נעמליך: „כי כן צוה לו המלך ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה״, דער מלך האָט בעפוילען מרדכי׳ן, אַז ער זאָל נישט קניהען און זיך נישט בוקען.

און דערמיט ווערט אויך, אַגב, פערענטפערט, פאַרוואָס עס שטעהט: „לא יכרע ולא ישתחוה״, וועהרענד געדאַרפט וואָלט דאָך זיין: „לא כרע ולא השתחוה״, נאָר דאָס בעציהט זיך אויפ׳ן „צוה לו המלך״. אָט אַזוי האָט געלויטעט דער בעפעהל: „ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה!״...

ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה... (ג. ט.)

אין דער צייט פון חדושי הרי״ם זענען די קריסטליכע האַנדווערקער

אַרויסגעטרעטען מיט אַ פאָדערונג צו דער רעגירונג, נישט צוצולאָזען קיין אידען אין די צעכען, צוזאָגענדיג דערפאַר צו געבען אַ גרעסערע סומע געלד פאַר'ן מלוכה-אוצר (ווי בעקאַנט, האָבען די קריסטליכע האַנדווערקער געפיהרט פון אייביג אָן אַ מלחמה געגען די אידישע בעלי-מלאכות). דער חדושי הרי"ם האָט דאַן אַרויסגערופען קיין וואַרשאַ רבי יצחק'ל וואורקער, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס שתדלן, כדי זיך מיט איהם מישב צו זיין, וואָס מען זאָל טהון.

רעדענדיג צווישען זיך וועגען דער גזירה, ראַפט זיך אָן דער וואורקער, אַז אייגענטליך איז עס קיין נייעס נישט. נאָך בימי אַחשורוש, געפינען מיר אין דער מגילה, זענען די האַנדווערקער די גרעסטע שונאי-ישראל געווען און אַלע צרות האָבען זיך גענומען פון זיי.

— אין דער מגילה? — חדוש'ט זיך דער חדושי הרי"ם.

— נו, יאָ. עס שטעהט דאָך בפירוש: „ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה", עס הייסט, אַז די „עושי המלאכה", די פערסישע האַנדווערקער, זענען געווען גרייט אַריינצוטראָגען די „עשרת אלפים ככר כסף" פון זייער טאַש, בכדי פטור צו ווערען פון אידען...

גם אני ונערותי אצום כן... (ד. טז.)

עס רעדט זיך דאָך וועגען איהר און די נערות, און געדאַרפט וואָלט דאָך, אַלזאָ, זיין נישט „אצום כן" נאָר „נצום כן"?

נאָר, אַז זי אַליין וועט פאַסטען, דאָס האָט זי געקענט פערזיכערען, דאַגעגען, אַז אויך די נערות וועלען האַלטען וואָרט און פאַסטען, דערין האָט זי שוין נישט געקענט זיין זיכער. אפשר וועלען זיי אונטער איהרע אויגען, בעהאַלטענערהייד, יאָ עסען, פונוואַנען קאָן זי עס וויסען און ווי אַזוי קאָן זי פאַר זיי גאַראַנטירען?...

(מלבי"ם)

ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב.. (ה. ט.)

ועה, וועה — האָט רבי לוי יצחק אַמאָל אויסגעשריען צוקומענדיג צום דאָזיגען פסוק — פונוואַנען נעהמט עס זיך ביי המן'ען אַזאַ וויכטיגע מדה, די מדה פון שמחה?... וועה, וועה, נאָר צוליעב דעם האָט ער אין תחילת מנצח געווען מרדכי'ן, וועלכער איז געווען אַ שרוי בעצבות...

ויעשו עץ גבוה חמשים אמה... (ה. יד.)

„מרחיקים את הקברות מן העיר חמשים אמה משום ריח רע" (בבא בתרא כ"ה)

דער ריח־רע פון א מת איז שולט אויף פופציג איילען, און דעריבער, כדי צו בעקומען די ערלויבניש אויפצושטעלען די תליה אין מיטען שטאדט, האבען זיי איהם, אלזא, גערעטען: „יעשו עץ גבוה חמשים אמה", דען אנדערש, וועט עס די מלוכה נישט ערלויבען...

(מעדות דבש)

ויאמרו נערי המלך משרתיו לא נעשה עמו דבר... (ו. ג.)

„לא מפני שאוהבין את מרדכי אלא מפני ששונאין את המן" (מגילה ט"ז)

פונוואנען נעהמען עס די חז"ל?

ענטפערט דערויף דער „חכם צבי": אויפ'ן פסוק „מדוע לא בא בן ישי גם תמול גם היום אל הלחם" (שמואל א' כ. כז.) ווערט געזאגט אין מדרש: „למה לא הזכיר את שמו? מפני שהיה שונא אותו", און דער שטייגער איז, אז בעת א מענש רעדט וועגען א שונא, מיידט ער אויס צו דערמאהנען זיין נאמען.

אויף דער פראגע פון אחשורוש'ן: „מה נעשה יקר וגדולה למרדכי על זה", האבען די נערי המלך געענטפערט: „לא נעשה עמו דבר", פאר־וואס האבען זיי נישט געזאגט: לא נעשה עם מרדכי דבר"? איז דערפון, וואס זיי האבען אויסגעמיטען צו דערמאהנען זיין נאמען, דרינגען די חז"ל, אז אויך זיי זענען איהם געווען שונאים...

ויאמר חרבונה אחד הסריסים וכו'... (ז. ט.)

„וצריך שיאמר וגם חרבונה זכור לטוב" (ירושלמי חגיגה פ"ד)

אין מדרש ווערט געזאגט, אז דאס האט זיך אליהו בעוויזען פאר אחשורוש'ן אין געשטאלט פון חרבונה. און אויב אזוי, אויב דער ווירקלי־כער חרבונה האט פאקטיש אליין דא גארנישט געטהון, טא פארוואס קומט איהם צו זיין א זכור לטוב?

נאר — האט געענטפערט דערויף דער דובנער מגיד — בשעת איינער געהט אויף א שמחה אין א פרעמד מלבוש, וואס ער האט געבארגט ביי א צווייטען, איז א יושר, ער זאל איהם אבדאנקען און מיטברענגען פאר איהם עפעס א חלק פון דער סעודה... שוין דערפאר אליין, וואס חרבונה האט

זוכה געווען, אז אליהו זאָל זיך מתלבש זיין אין זיין געשטאַלט, האָט ער פארדינט, מען זאָל איהם דערמאָהנען צום גוטען...

„וגם חרבונה זכור לטוב"... ער דאַרף דערמאָהנט ווערען צום גוטען פאַר'ן „וגם", פאַר זיין אויסדריקען זיך: „וגם הנה העץ אשר עשה המן למרדכי וכו'"...

(עיון יעקב)

ימי משתה ושמחה ומשלוח מנות איש לרעהו... (ט. כב.)

דעריבער מאַכט מען נישט קיין ברכה ביי דער מצוה פון משלוח מנות, ווייל דער נוסח פון דער ברכה וואָלט דאַן געדאַרפט זיין: „ברוך אתה וכו' על מצות משלוח מנות איש לרעהו" און — ווער קאָן דען וויסען, ווער פון די אַלע קרובים און ידידים עס איז ווירקליך א „רעהו", א פריינד? נישט איינער פון די, וועלכען דו האַלטסט פאַר אַן'איבערגעגעבע־נעם פריינד, איז דיר באמת אין האַרצען א שונא גמור, און אויב מען זאָל ביי זיי אַלעמען, וועלכען מען שיקט שלח־מנות, מאַכען א ברכה בשם ומלכות, וועט מען דערביי זיכער נכשל ווערען אין א ברכה לבטלה...

(שו"ת מור ואהלות)

אמר עם הספר ישוב ממחשבתו הרעה... (ט. כה.)

דער ווילנער גאון וואָרענט, אז אום נצול צו ווערען פון מחשבות־זרות ביים דאַווענען, זאָל מען קיינמאָל נישט דאַווענען פון אויסענוועניג, נאָר פון א סידור. אַלס רמז דערויף ווייזט ער אָן אויפ'ן דאָזיגען פסוק: „אמר עם הספר — ישוב ממחשבתו הרעה"...

וישם המלך אחשורוש מס על הארץ... (י. א.)

אויך דאָס געהער צו די ישועות, וואָס זענען דאמאָלס געקומען אויף אידען. מען האָט אָראָבגענומען פון אידען דעם מס, דעם מורא'דיגען שטייערען־לאַסט, וועלכען זיי האָבען הויפטזעכליך געמוזט אויסטראָגען אויף זייערע פלייצעס, און מען האָט איהם פונאַנדערגעטיילט „על הארץ ועל איי הים", אויף אַלע איינוואוינער און בירגער גלייך, לויט א גלייכער און גערעכ־טער פראָפּאָרציע...

(רבי שלמה קלוגער)

* * *

לויט'ן דין דארף דער מחצית השקל, וואס ווערט געגעבען אום פורים, גענומען ווערען נאר פון דער מטבע, וואס קורסירט אין דער מדינה, אין וועלכער מען געפינט זיך. אזוי פסק'נט דער רמ"א (או"ח סי' תרצ"ד) און אין „דרכי משה", וואו עס ווערט געזאגט: „מצאתי, מעות פורים בכל מקום שיש מטבע קבוע לוקחים המחצית של אותה מטבע ונותנים מהם ג' מחצית למעות פורים ולא של מטבע אחרת שהיא נוהגת במקום אחר".

און דאס איז דערפאר, ווייל יעדעס לאנד האט זיך איהר המן, פון וועלכען מיר האפען אין זכות פון צדקה און מעות פורים צו ווערען אויסגעלייזט...

(דברי חכמים)

„חייב אדם לבסומי בפוריא" (מגילה ז')

דער טעם, פארוואס עס איז אום פורים א מצוה צו שכור'ן, איז איינפאך דערפאר, ווייל די הויפט-נסים פון פורים זענען פערבינדען מיט שכרות. דער פראלאג פון די געשעהענישען האט זיך אנגעהויבען מיט'ן „כטוב לב המלך ביין", אדאנק וועלכען עס איז געקומען צו דער בעקאנטער סצענע מיט ושתי'ן און צום בעשטימען אויף איהר ארט אסתר'ן אלס מלכה, און אויך דער עפילאג, דער סוף פון המנ'ען און זיין ענדגילטיגע מפלה, איז געשעהען ביי'ם „משתה היין"...

(ספר המנהגים)

עס שטעהט נישט: „חייב אדם לבסומי ביין", אנשכור'ן זיך מיט וויין, נאר „בפוריא", מיט פורים: מען דארף זיך אזוי דערפרעהען און בעגייס-טערען מיט'ן נס פון פורים — „עד דלא ידע וכו'"...

(אור הנר)

א מערקווירדיגע סגולה ווערט געבראכט אין ספר „שלשלת הקבלה", עס ווערט דארט נעמליך געזאגט: „סגולה היא לכבוש את שונאו אם מזכיר שבע פעמים אמו של המן", עס איז, הייסט עס, א סגולה גובר צו זיין דעם שונא, צו דערמאהנען זיעבען מאל דעם נאמען פון המנ'ס מוטער (אמתלאי בת עורבתא).

מערקווירדיג !...

דעריבער — פלעגט זאגען בדרך הלצה דער קאניצער רבי, רבי יוסף פנחס קאנטאר — זאגט מען קדיש נאך מגילת קהלת, רות, שיר-השירים, און נישט נאך מגלת-אסתר, ווייל — המן האט נאך זיך קיין קדיש נישט איבער-געלאזט...

יָמִים=טוֹבִים

ראש הַשָׁנָה

„מכף רגל ועד ראש אין בו מתום" (ישעי׳ א. ו.)

פון ראש-השנה ביז הושענא רבה זענען אידען גוט און פרום. מען האָט חרטה אויף די בעגאַנגענע זינד און מען בעמיהט זיך צו טהון וואָס מעהר מעשים-טובים. ליידער אָבער איז „מכף רגל ועד ראש", פון שמיני עצרת אָן (סתם רגל, כידוע, איז שמיני עצרת) ביז „ראש", ביז'ן צווייטען ראש-השנה, דאָס גאַנצע פעליגע יאָהר איז, ליידער—„אין בו מתום"... (צל"ח)

רבי מרדכי לעכעוויטשער פלעגט זאָגען: ראש-השנה איז דער קאָפּ פון יאָהר און „הכל בתר רישא גרירא". וועגען ראש-השנה זאָגען די חז"ל: „אי ריש שתא המימא — כולא שתא חמימא", אויב מען איז ראש-השנה וואַרים, און פול מיט התלהבות — איז מען אַ גאַנץ יאָהר וואַרים...

„ג׳ ספרים נפתחים בר"ה, צדיקים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים, והרשעים וכו׳ נכתבים ונחתמים לאלתר למיתה, בינונים וכו׳ זכו נכתבים לחיים וכו׳" (ר"ה ט"ז)

פאַרוואָס ווערט ביי די צדיקים און די רשעים געזאָגט: „נכתבים ונחתמים", דאַגעגען ביי בינונים בלויז „נכתבים", אָהן „נחתמים"?

נאָר די גמרא זאָגט דאָרט אינ'ם זעלבען דף, אַז ביי בינונים איז „הקב"ה מכריע את הכף מחצה על מחצה כלפי חסד", און דעריבער ווערט ביי זיי נישט געזאָגט „נחתמים", דען „חותמו של הקב"ה אמת", און — דאָס איז דאָך אַ מדת-חסד, נישט קיין מדת-אמת... (רבי שלמה קלוגער)

„ספרי חיים וספרי מתים פתוחים בר"ה".

נאָכוואָס ווערען עפּעס געעפענט די ספרי-מתים?

ווייל ביי יעדען פערברעכער, בשעת מען שטעלט איהם למשפט, מוז צווישען אַלע אַנדערע אומשטענדען אויך גענומען ווערען אין אַכט, פון

וואַנען ער שטאַמט, אין וואָס פאַר אַ סביבה ער איז אויסגעוואַקסען, וואָס אַ ערציהונג ער האָט בעקומען. דען ווען לתרבות-רעה געהט אַרויס אַזעלכער, וואָס שטאַמט פון זינדיגע פערברעכערישע עלטערען, איז זיין שולד נישט אַזוי גרויס, ווי דאָס טהוט איינער, וואָס שטאַמט פון אַ שענער, יחוס׳דיגער פאַמיליע, און דעריבער ווערען צוזאַמען מיט די „ספרי חיים״ אויך געעפענט גלייכצייטיג די „ספרי מתים״, נאָכצוזעהען ביי יעדען איינעם, ווער זיינע עלטערען זענען געווען, וואָס פאַר אַ גייסטיגע ירושה זיי האָבען איהם איבערגעלאָזען...

(חמדת שלמה)

מען האָט דעם דובנער מגיד אַנגעוויזען ראש-השנה אין שוהל אויף עטליכע פערזאָנען, וואָס אַ גאַנץ יאָהר טרעטען זיי נישט איבער די שוועל פון אַ מקום-קדוש און איצט שטעהען זיי איינגעהילט אין די טליתים און שאָקלען זיך, אויסבעטענדיג זיך אַ גוט יאָהר. איז דער דובנער אַרויפגע-גאַנגען אויפ׳ן בעלעמער און אָנגעהויבען, ווי זיין שטייגער, מיט אַ משל:

ליעבע אידען! אַ קרעמער האָט אַמאָל בעת אַ שרפה ר״ל פערלוירען זיין גאַנץ פערמעגען, דערצו איז ער אויך געבליבען אַ גרויסער בעל-חוב, ווייל כמעט זיין גאַנצע סחורה האָט ער געהאַט גענומען אויף קרעדיט און איצט האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען. ווען עס איז געקומען דער טערמין און דער פאַבריקאַנט האָט איהם אַריינגעשיקט אַ חשבון, אַז ער זאָל בעצאָהלען וואָס עס קומט, האָט זיך דער קרעמער שטאַרק גענומען צום הארצען און ער איז אַרומגעגאַנגען צו זיינע גוטע פריינד פרעגען אַן עצה, וואָס ער זאָל טהון, אויף וואָס די גוטע פריינד האָבען איהם גערא-טען, ער זאָל אַריבערפאָהרען צום פאַבריקאַנט און איהם דערצעהלען וועגען דעם אומגליק, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט, און דער פאַבריקאַנט וועט איהם דאן זיכער אוועקשטעלען דעם חוב, אָדער אינגאַנצען אָבמעקען.

האָט דער קרעמער אַזוי געטהון. ער איז אוועקגעפאָהרען אין דער שטאָדט, וואו דער פאַבריקאַנט האָט געוואוינט, אָבער צוקומענדיג צום הויז פון פאַבריקאַנט איז ער געבליבען שטעהן פאַר דער טהיר און נישט געהאַט דעם מוט אַריינצוגעהן. ווי אַזוי — האָט ער זיך געטראַכט — וועל איך זיך קענען איהם ווייזען פאַר די אויגען, אז איך בין איהם שולדיג אַזויפיעל געלד, עטליכע טויזענד רובל, וואָס ער האָט מיר אַנגעטרויט און איך קום צו איהם אינגאַנצען מיט לעדיגע הענד? פון גרויס פערצווייפלונג האָט ער אויסגע-בראָכען אין אַ געוויין און זיך צעכליפעט ווי אַ קינד. דערהערענדיג דאָס געוויין, האָט דער פאַבריקאַנט געעפענט די טהיר און דערזעהענדיג דעם קרעמער איז ער געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטער און געפרעגט: וואָס איז מיט אייך געשעהען? וואָס וויינט איהר? — צווויינט זיך דער קרעמער

נאָך שטאַרקער און ענטפערט: ווי זאָל איך נישט וויינען און ווי זאָל איך נישט יאָמערען, אַז איך בין אייך שולדיג עטליכע טויזענד קארבען און האָב נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען. כ׳בין ל״ע אַ נשרף — אַן אָרימאַן!

ווי דער פאבריקאנט האָט דאָס דערהערט, איז זיין הארץ פול געוואָרען מיט רחמנות, ער האָט איהם אריינגעבעטען צו זיך אין הויז, געהייסען דערלאנגען צום טיש כיבוד און איהם געטרייסט: ווייגט נישט, ליעבער איד, איך זעה, אַז איהר זענט אַן אָרענטליכער מענש, איהר ווילט בעצאָהלען, נאָר איהר קענט נישט. אַלזאָ, איך שענק אייך די עטליכע טויזענד רובל און איהר בעקומט פון מיר אַ פריש פעקעל סחורה — און זאָגענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון פאָרטפעל די וועקסלען און איהם אין די אויגען זיי צוריסען אויף שטיקלעך.

דער קרעמער איז אַוועק מלא שמחה און צוריקקומענדיג אויף דער אַכסניא האָט ער אַלעמען דערצעהלט, ווי אַזוי דער פאַבריקאַנט האָט מיט איהם מטיב געווען און איהם געשאָנקען אַ חוב פון עטליכע טויזענד רובל. דערהערט אַזאַ מעשה האָט אייגער פון די צוהערער, וואָס איז געזעסען ביי׳ם טיש, זיך שנעל אויפגעהויבען און אויך אַוועקגעלאָפען צום פאַבריקאַנט און אַוועקשטעלענדיג זיך ביי דער טהיר האָט ער גענומען וויינען אויפ׳ן קול, און בעת דער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט דעם דאָזיגען פרעמדען איד געזעהען צום ערשטען מאָל, האָט איהם געפרעגט, וואָס ער וויינט, האָט דער איד געענטפערט, אַז היות, ווי ער איז אַ גרויסער נצרך איז ער איהם דעריבער געקומען בעטען, ער זאָל איהם געבען אַ מתנה צוויי טויזענד רובל.

— וואָס הייסט? — קוקט אויף איהם דער פאַבריקאַנט פער׳חדוש׳ט, ווי אויף אַ חסר-דעה און לאַכט: — אַ נדבה פון צוויי טויזענד רובל זאָל איך אייך געבען?

— הלמאַי — ענטפערט דער איד—האָט איהר יענעם קרעמער געשאָנקען אַזויפיעל געלד, מיט וואָס בין איך ערגער פון יענעם?

— איהר שלעפּער איינער! — האָט איהם דער פאַבריקאַנט אָנגעזידעלט — וואָס גלייכט איהר זיך צו יענעם? מיט יענעם איד האָב איך געהאַנדעלט יאָהרען-לאַנג, געפיהרט מיט איהם געשעפטען און געלייזט ביי איהם שווערע טויזענדער, איז איצט, אַז עס האָט איהם געטראָפען ל״ע אַ סיבה און ער קאָן נישט בעצאָהלען, האָב איך איהם געשאָנקען אַ חוב, אָבער איהר, נישט איך קען אייך, נישט איהר קענט מיך, כ׳האָב מיט אייך קיינמאָל קיין עסקים נישט געהאַט, טאָ מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומט איהר ביי מיר בעטען אַזאַ סומע געלד?

— ווען אַ פרומער איד — האָט דער דובנער אויסגעפיהרט — וועלכער קומט אַ גאַנץ יאָהר אין שוהל אַריין, ער בעמיהט זיך צו טהון שטענדיג מעשים

טובים און האט כסדר עסקים מיט׳ן רבונו של עולם, פערזינדיגט זיך אמאל און טהוט תשובה, איז איהם דער אויבערשטער מוחל, ווייל במשך פונ׳ם יאהר האט ער ביי איהם א סך געלייזט און אויב עס האט איהם געטראפען א מכשול און ער האט חרטה פון גאנצען הארצען דארף מען מיט איהם האנדלען לפנים משורת הדין, ווען אבער א ווילד-פרעמדער, וואס א גאנץ יאהר האט ער מיט׳ן רבונו של עולם קיין שום געשעפטען נישט, מען זעהט איהם קיינמאל נישט אין קיין מקום-קדוש, שטעלט זיך פלוצים אוועק ימים-נוראים ביי׳ם שטענדער און ווענדעט זיך צום רבונו של עולם, ער זאל איהם טהון א טובה און איהם שענקען א היבשען קאפיטאל, א פערמעגען פון „בני חיי ומזוני״ — איז דאך עס, ליעבע אידען, א גרויסע העזה פון אזא איינעם, א געוואלדיגע העזה!...

וכתבנו בספר החיים למענך אלקים חיים...

— טאטע הארציגער! — האט זיך אמאל רבי יחזקאל קוזמירער אויס-גע׳טענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם — אמת הדבר, אז מיר זענען גרויסע בעלי-חובות, מיר זענען דיר א סך, גאר א סך שולדיג. עס איז אבער דער דרך-העולם, בשעת א סוחר זעהט, אז זיין קליענט שטעהט שלעכט און האלט פאר באנקראט, לאזט ער איהם נישט פאלען און ער אונטערשטיצט איהם כדי ער זאל זיך ארויפכאפען און צוריק ווערען לייט און דאן וועט ער אימשטאנד זיין אבצוצאהלען דאס, וואס ער איז שולדיג... בעטען מיר דיך רבונו של עולם: „כתבנו בספר החיים״, געב אונז אויף קרעדיט א פרישׁ ביסעל חיים, און טהון דארפסטו דאס אויך פאר דיינעטוועגען, „למענך אלקים חיים״ — „למענך״, כדי מיר זאלען דיר קאנען אויף אזא אופן אב-צאהלען די אלטע חובות...

מלוך על כל העולם כולו בכבודך...

נאכוואס דער דאפעלטער אויסדרוק: „כל העולם כולו״, עס וואלט דאך געווען גענוג בלויז „כל״, אדער „כולו״?

נאר מיר געפינען אפט אין דער גמרא, אז „רובו ככולו״, און אזוי ווערט אויך געזאגט אין אבן עזרא (שמות יט״ ט׳): „ואילו היה כתוב כל ישראל ידבר על הרוב כמשפט הלשון״. מיט דעם אויסדרוק „כל העולם כולו״ זענען מיר, אלזא, אויסען צו בעטאנען, אז אונזער תפלה און שטרעבונג איז, אז נישט בלויז די מעהרהייט פון דער וועלט, דער „רובו ככולו״, נאר טאקי די גאנצע וועלט, „כל העולם כולו״, אלע פעלקער אהן אויסנאהם,

זאָלען ענדליך קומען צו דער אָנערקענונג פון מלכות השם און פון „וידע כל פעול כי אתה פעלתו״...

(טויז)

אָבינו מלכנו כתבנו בספר זכיות...

און דערנאָך בעטען מיר: „אבינו מלכנו כתבנו בספר סליחה ומחילה״. איז, אייגענטליך, וואָלט דאָך דער סדר געדאַרפט זיין אַנדערש: פריהער וואָלט מען געדאַרפט בעטען אויף סליחה ומחילה, פריהער דאַרף מען זיך אָבריינִיגען פון די עוונות און ערשט דערנאָך דאַרף מען געהן אַ טריט ווייטער און בעטען אויף זכיות?

נאָר בשעת אַ מענש טהוט תשובה, זאָגען די חז״ל, אַז „זדונות נעשו לו כזכיות״, בעטען מיר דעריבער: „אבינו מלכנו כתבנו בספר זכיות״, און אַז מיר האָבען דאָך נישט קיין זכיות? איז דערויף דאָ אַן עצה: „אבינו מלכנו כתבנו בספר סליחה ומחילה״, זיי אונז מוחל די חטאים, און דאַן ווערען דאָך פון די חטאים ווערען זכיות...

(רבי אפרים זלמן מרגליות)

אָבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך...

רבי שלמה לייב לענטשנער האָט זיך אַמאָל אָוועקגעשטעלט פאַר די תקיעות און געזאָגט: רבונו של עולם! בשעת אַ איד לאָזט אַראָב די תפילין אויף דער ערד, ווערט ער אויפגעציטערט און ער פאַסט אַ גאנצען טאָג פון גרויס צער, ווייל אין די תפילין געפינט זיך דיין געטליכער נאָמען. די גמרא זאָגט אונז, אַז מיר, אידען, זענען דיינע תפילין: „תפילין דמאריה דעלמא מאי כתיב בהו? ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!״ בעטען מיר דעריבער: „אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך״, ווארום ווי קענסטו צוזעהן און נִי אַזוי, רבונו של עולם, קענסטו דערלאָזען, אַז דיינע תפילין זאָלען זיך אַרומוואַלגערען אויף דער ערד און אַזוי פיעל בזיונות אויסשטעהן...

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי דוד׳ל לעלעווער — לייענט מען ראש-השנה די פרשה פון הגר וישמעאל, כדי צו דערמאָהנען די ווערטער, וואָס דער מלאך-האלקים האָט געזאָגט צו הגר׳ן: „אל תירא כי שמע אלקים אל קול הנער באשר הוא שם״, אַז מען האָט איהם נישט דן געווען, ווי די מקטריגים האָבען געפאָדערט (לויט דער דרשת חז״ל), פאַר זיינע שפּעטער-דיגע מעשים, נאָר „באשר הוא שם״... און אויך מיר בעטען דאָס זעלבע. הגם עס איז גלוי וידוע פאַר׳ן יודע הכל, אַז נאָך ראש-השנה וועלען מיר ווידער אַמאָל אַרויס פון דער צוים און ווידער אַמאָל געשטרויכעלט ווערען אין חטאים ועונות, זאָל זיך דער רבונו של עולם נישט רעכענען דערמיט, נאָר

ער זאָל אונז בעהאנדלען אַזוי, ווי ער האָט דאַן בעהאנדעלט ישמעאל'ן און אונז דן זיין „באשר הוא שם“, לויט אונזער אויפפיהרונג אין די ראש־השנה'דיגע טעג...

תקיעת שופר...

פאר די תקיעות פלעגט רבי משה קאָברינער זיך אַוועקשטעלען ביי'ם שלחן און אויסרופען צום עולם: הייליגע אידען, טייערע ברידערלעך! זאָל זיך קיינער פון אייך, אין דער איצטיגער הייליגער שעה, נישט פערלאָזען אויף מיר, זאָל איטליכער טהון פאר זיך, זאָל איטליכער פון אייך זיך אַליין אין זינען האַבען... למנצח מזמור!

אשרי העם יודעי תרועה...

„אשרי העם יודעי תרועה“, וכי אומות־העולם אינם יודעים להריע? אלא שיודעים לרצות את בוראם ובמה בתרועה והיינו בתשובה“ (מדרש רבה אמור)

משל למה הדבר דומה? צו אַ דאָרפישען פויער, וועלכער איז געקומען אין אַ שטאָדט אַריין, וואו עס איז גראָד דאַן אויסגעבראָכען אַ שרפה, און ער דערזעהט, ווי אויפ'ן מאַרק שטעהען מענשען און טרומייטערען און פויקען און דאַן לויפט מען פון אַלע זייטען מיט העק אין די הענד און מיט לאָפּאטעס און מיט פעסער און מיט פערשיעדענע אַנדערע כלים. שטעהט דער פויער און וואונדערט זיך: מאָדנע מענשען די שטאָדט־לייט, אַז עס ברענט, שטעלען זיי גאָר אַוועק אין מיטען מאַרק כלי־זמרים, זיי זאָלען טרומייטערען און פויקען. וואָס איז מיט זיי די שמחה?... ענטפערט מען איהם אַז דאָס טרומייטערט מען און מען פויקט צו לעשען דאָס פייער. דער פויער, וועלכער האָט ביז דאַמאָלס קיינמאָל ביי זיך אין דאָרף קיין שרפה נישט געזעהן, איז פון דער דאָזיגער וואונדערליכער המצאה שטאַרק נתפעל געוואָרען. ער איז אַוועק אין אַ קראָם און געקויפט אַ גרויסע פויק, וועלכע ער האָט מיטגעפיהרט אין דאָרף אַריין, און אייינמאָל, בשעת עס איז אין דאָרף אויסגעבראָכען אַ שרפה און דער עולם איז זיך צונויפגעלאָפען לעשען דאָס פייער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און ערקלערט, אַז מען דאַרף נישט, עס זאָל זיך קיינער צום פייער נישט צוריהרען, מחמת ער האָט געבראַכט פון שטאָדט אַזאַ מיטעל, פון וועלכען דאָס פייער וועט אַליין אַנטלויפען. ער האָט אַרויסגענומען די פויק און אַוועקשטעלענדיג זיך פאַר'ן ברענענדען הויז, האָט ער גענומען פויקען מיט אַלע כחות, וואָס אַמאָל העכער, וואָס אַמאָל שטאַרקער, אָבער וואָס מעהר ער פויקט, אַלץ מעהר צופלאַקערט זיך דאָס פייער, פער־

כאַפּענדיג איין כאַטש נאָך דער צווייטע, ביז... ביז דער גאַנצער עולם איז אַנגעפאַלען אויף איהם און געשריען: משוגענער! מיט'ן פויקען אַליין פערלעשט מען נישט קיין שרפה, די פויק איז בלויז צו אַלאַרמירען די מענשען, זיי זאָלען זיך ראַטעווען און אַנגעהמען מיטלען געגען דער געפאַהר!...

און דאָס איז דער זין: „אשרי העם יודעי תרועה", וואויל די יעניגע, וועלכע ווייסען די בעדייטונג פון תרועה, אַז נישט דאָס בלאָזען און דאָס טרומייטערען אַליין איז דער עיקר. „וכי אומות העולם אינם יודעים להריע", קענען דען נישט די אומות-העולם בעסער בלאָזען און בעסער טרומייטערען פאַר אונז? „אלא שיודעים לרצות את בוראם", עס איז בלויז אַ סיגנאַל, צו וועקען און מעורר צו זיין דעם עולם, ער זאָל מפשפש במעשיו זיין, אויסמיידען די דראָהענדע געפאַהר און אַרומקוקען זיך. וואו ער האַלט אין דער וועלט...

(דובנער מגיד)

„כתוב אחד אומר שבתון זכרון תרועה וכתוב אחד אומר יום תרועה יהיה לכם? לא קשיא, כאן ביו"ט שחל להיות בשבת כאן ביו"ט שחל להיות בחול" (ראש-השנה כ"ט)

פרעגט זיך: אויב אין פסוק „שבתון זכרון תרועה" רעדט זיך וועגען יום-טוב שחל להיות בשבת, טאָ נאָכוואָס איז דאָרט נויטיג דער „כל מלאכת עבודה לא תעשו", עשית מלאכה איז דאָך איג'ם דאָזיגען טאָג ממילא אסור, צוליעב שבת?...

(אמרי נועם)

ומלאָכים יחפזון...

פאַרוואָס עפעס איילען זיי זיך אַזוי, די מלאכים?

נאָר „העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד והעובר עבירה אחת קונה לו קטגור אחד" (אבות פ"ד). פון איטליכע מצוה, וואָס אַ מענש טהוט, ווערט בעשאַפען אַ גוטער מלאך און פון איטליכע עבירה — אַ שלעכטער מלאך. נישט שטענדיג אָבער ווערען די מצוות געטהון בשלמות, וממילא זענען אויך די מלאכים, וואָס ווערען פון זיי בעשאַפען, נישט קיין שלמות'דיגע און זיי קומען אַרויס בעלי-מומים, קאַליקעס... בשעת עס קומט, אַלזאָ, ראש-השנה און די אַלע מלאכים, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען פון די אידישע מצוות, מאַרשירען פאַרביי דעם בית-דין של מעלה, כדי צו דעמאָנסטרירען די אידישע מעשים-טובים, לויפען זיי פערביי אין איילעניש, כדי דאָס בית-דין של מעלה זאָל זיך נישט איינקוקען אין זייערע פעהלערען און זעהען, ווי די אידישע מעשים-טובים, משטיינס געזאָגט, קוקען אויס...

(דבש וחלב)

אם ישוב מיד תקבלו...

איטליכע זאך — פלעגט זאגען רבי יצחק ווארקער — האט זיך איהר סעזאָן. די זעלבע זאך, אויב מען וויל זי פערקויפען נישט אין סעזאָן־צייט קומט עס אָן שווער, דער קונה איז דאַמאָלס איבערקלויבעריש, ער האלט דאָס שטיקעל סחורה אין האנד און קוויינקעלט זיך, גרייט יעדע מינוט חוזר צו זיין און וויפיעל מען זאָל איהם נישט ביטען, דינגט ער זיך. אַנדערש איז אָבער ווען עס קומט דער סעזאָן. בשעת'ן ברען איז דער קונה נישט שטאַרק מקפיד, אַלץ געהט דאַמאָלס אין גאַנג, אַלץ ווערט אויספערקויפט.

ראש־השנה איז דער סעזאָן פון תשובה און מען איז דאַמאָלס נישט שטאַרק מקפיד אויף דער קוואַליטעט. „אם ישוב מיד תקבלו". יעדע תשובה ווערט אָנגענומען — דאַמאָלס, אין סעזאָן־צייט, איז אַלץ סחורה...

ואין שכחה לפני כסא כבודך ועקדת יצחק לזרעו היום תזכור...

מיר האָבען אַ טעות מיינענדיג, אַז דער אויבערשטער נויטיגט זיך, חלילה, מיר זאָלען איהם ראש־השנה דערמאָהנען עקדת־יצחק. אָ, „כי זוכר כל הנשכחות אתה ואין שכחה לפני כסא כבודך", דער רבונו של עולם פערגעסט נישט, חלילה, און מען דאַרף עס איהם נישט דערמאָהנען... באמת אָבער איז „ועקדת יצחק לזרעו היום תזכור", דאָס איז מען אויסען אונז, יצחק'ס קינדער, צו דערמאָהנען וועגען דעם, דאָס דאַרפען מיר געדענקען וועגען עקדת יצחק, ווי אַזוי יצחק האָט זיך מוסר נפש געווען, כדי אַראָבצונעהמען זיך פון איהם אַ ביישפיעל...

(יד יוסף)

ביי אַלע מדות — ערקלערט דער רמב"ם אין די שמונה פרקים — דאַרף מען אויסמיידען און זיך דערווייטערען פון די עקסטרעמען און דער ריכטיגער וועג איז נאָר דער „דרך הממוצע", דער „שביל־הזהב". קלות־ראש, למשל, טויג נישט, אָבער אויך מרה־שחורה, עצבות, איז נישט גוט, דער דרך הממוצע צווישען זיי איז — כוכד ראש, ערנסטקייט. גאוה טויג נישט, אָבער אויך צופיעל שפלות איז נישט גוט, דער דרך הממוצע צווישען זיי איז — ענוה, בעשיידענהייט, און אַזוי ביי אַלע אַנדערע מדות. אַן'אויסנאַהם איז בלויז דער בעל־תשובה. אויב אַ מענש איז זינדיג, זייענדיג אַריינגעטהון אין אַ וועלכער עס איז שלעכטער מדה, דאַרף ער אַלס תשובה איבערגעהן צום צווייטען עקסטרעם פון דער זעלבער מדה: ווען ער איז פערזינקען, למשל, אין גאוה, מוז ער זיך פערגעהמען אויפ'ן וועג פון עקסטער שפלות,

ביז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסגלייכען און צוריקקומען צום דרך-הממוצע. אזוי ווי א שטעקען — איז עס דער רמב"ם מסביר בדרך משל — וואס האט זיך אויסגעקרומט אויף איין זייט, ווען מיר ווילען איהם אויס-גלייכען, מוזען מיר איהם אויסקרומען אויף דער להיפוכ'דיגער זייט און דאן וועט ער מיט דער צייט זיך אויסגלייכען און צוריקקומען צו זיין נארמאלען שטאנד.

און דאס איז אויך דער פשט: „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם". אויף דעם דרך הקצוני, דעם עקסטרע-מען וועג, אויף וועלכען עס שטעהען די בעלי-תשובה, קענען די צדיקים נישט שטעהן, דען זיי דארפען געהן אין מיטען, אינ'ם דרך-הממוצע...

(אור יקרות)

הטוב ומטיב לרעים ולטובים...

אויב השי"ת איז א מטיב לרעים איז ער דאך מיט די טובים אודאי מטיב און וואס איז עס פאר א רבותא?

נאר דער פשט איז: „לרעים", צו די וואס ווייסען, אז זיי זענען רעים און זינדיג, און זאגאר אויך „לטובים", צו די וואס האלטען זיך פאר טובים און זענען ביי זיך שטענדיג אין ארדנונג...

(רבי צבי הירש זדיטשעווער)

שבת שובה

קחו עמכם דברים ושובו אל ד' וכו' כל תשא עון...

עס איז א פלוגתא אין דער גמרא: „חד אמר תשובה עושה מחצה ותפלה עושה הכל, וחד אמר תפלה עושה מחצה ותשובה עושה הכל".

כדי, אלזא, עס זאל זיין „כל תשא עון" און יוצא צו זיין לויטביידע מאן-דאמר'ס, זענען דעריבער נויטיג ביידע זאכען: „קחו עמכם דברים" (תפלה) און „ושובו אל ד'" (תשובה)...

(שכחת הלקט)

א חסיד האט אמאל געביטערט פאר רבי חיים צאנזער, אז ער קאן קיין תשובה נישט טהון, ווייל ער פיהלט זיך, נעביך, זעהר צובראכען, זעהר נידערגעשלאגען צוליעב זיינע זינד, און ער האט זיך דערביי שטארק פונאנדערגעוויינט.

רופט זיך אָן צו איהם רבי חיים:

— נעהם דיר נישט אַזוי גוט צום האַרצען. „קיין תשובה איז אויך אַ תשובה"...

רבי שמעלקי ניקעלשבורגער פלעגט זאָגען אויף די רבנים, וועלכע זענען יוצא מיט'ן דרשנ'ען פאר'ן עולם צוויי מאָל אין יאָהר, שבת הגדול און שבת שובה, אַז אויף זיי קלאָגט עס דער נביא און זאָגט: „והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם, ואותי יום יום ידרושון" (ישעי' נח. א). אָנשטאָט „והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם", אָנשטאָט מדריך צו זיין דעם עולם בכל עת ובכל שעה, איהם כסדר מעורר צו זיין און צו לערנען דעם דרך־השם, זענען זיי יוצא מיט „ואותי יום יום ידרשון", מיט'ן דרשנ'ען „יום יום", צוויי טעג, צוויי שבתים אין יאָהר...

יום-כפור

עס איז בעקאַנט די קשיא פון די ראשונים (ווערט אויך געבראַכט אין כרתי פלתי סימן ק״י): פאַרוואָס איז יום-כפור נישט קיין צווי טעג, פונקט ווי אַלע אַנדערע ימים-טובים, משום ספיקא דיומא? — און עס ווערען דערויף געגעבען פערשיעדענע תירוצים.

דער רבי ר׳ העשיל אָבער האָט געענטפערט דערויף גאַנץ איינפאַך: די גמרא זאָגט: „כל האוכל בתשיעי כאלו התענה תשיעי ועשירי", הייסט דאָך עס שוין ממילא, אַז מען האָט געפאַסט צווי טעג, געפראַוועט צווי טעג יום-כפור...

אויפ׳ן פסוק „אַך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם" דרשנ׳ט די גמרא: „אַך — חלק", אַז דאָס וואָרט „אַך" איז ממעט אַ האַלבען טאָג, נור אַ האַלבען טאָג איז ערב פסח אסור צו עסען חמץ. דערויף ווערט געפרעגט אין זוהר: אויך ביי יום-הכפורים ווערט דאָך געזאָגט: „אַך בעשור לחדש השביעי וכו׳ ועניתם את נפשותיכם"?

און די תשובה פון זוהר איז, אַז דער ענוי בעשטעהט באמת נור פון צווייטען האַלבען טאָג, דען אינ׳ם ערשטען האַלבען טאָג זענען אויך אַ גאַנץ יאָהר נישט אַלע מענשען געוואוינט צו עסען...

„כל האוכל בתשיעי — כאילו מתענה תשיעי ועשירי" (יומא פ״א)

אויב אין אַזאַ טאָג — פלעגט זאָגען רבי משה קאָברינער — ערב דעם גרויסען יום-הדין, ווען מען דאַרף זיך שטעלען צום משפט און אָבגעבען אַ דין-וחשבון פאַר אַלע מעשים, פאַר אַלע בעגאַנגענע חטאים ועונות, קאָן זיך נאָך אַ איד אָוועקזעצען צום טיש און עסען, בלויז דערפאַר, ווייל אַזוי הייסט די תורה, איז אָט דאָס אַליין שוין אַ גרויסע מדרגה, און — „מעלה עליו הכתוב כאלו התענה תשיעי ועשירי", דען דאָס בעווייזט, אַז דער איד איז פול מיט בטחון צום רבונו של עולם, דאָס ער וועט איהם אַודאי בעהאַנדלען מיט חסד, לפנים משורת-הדין און שוין צוליעב דעם אַליין פערדיענט ער, מען זאָל איהם מוחל זיין אַלע חטאים...

רבי זלמן וואָלאָזשינער האָט אַמאָל ערב יום כפור בעמערקט, ווי איין איד געהט צו צום צווייטען און בעט איהם מחילה, אָבער דער צווייטער איד קעהרט אַוועק פון איהם ברוגז׳דיג דעם קאָפּ און ענטפערט, אַז ער וועט איהם נישט מוחל זיין, ווייל ער האָט אויף איהם מוציא שם רע געווען און ביי מוציא שם רע דאַרף מען נישט מוחל זיין עפ״י דין... אַז רבי זלמן וואָלאָזשינער האָט דערהערט דעם דאָזיגען ענטפער האָט ער אַוועקגערופען דעם איד אין אַ זייט און געזאָגט צו איהם: ליעבער איד! די חז״ל זאָגען אונז, אַז „לא חרבה ירושלים, אלא על שהעמידו דבריהם על דין תורה״. איז דאָך אַ פּלוג קשה: צי דען האָבען שוין די אידען נישט געהאַט דאַן אויף זיך קיין אַנדערע חטאים, אויסער דעם איינעם חטא, וואָס זיי האָבען זיך געשטיצט על דין תורה? אין די ספרי נביאים, איבערהויפּט אין ספר יחזקאל, ווערען דאָך אויסגערעכענט אָהן אַ שיעור עבירות, די סאַמע האַרבסטע און מורא׳דיגסטע עבירות, וואָס די אידען זענען דאַן בעגאַנגען, טאָ ווי געשיקט זיך עס צו זאָגען, אַז דער חורבן-ירושלים איז געשעהען צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען נישט געהאַנדעלט לפנים משורת הדין? נאָר דער ענין דערפון איז אַזוי: באמת האָבען דאַן די אידען עובר געווען אויף פיעל גרעסערע עבירות, אָבער כל-זמן זיי האָבען צווישען זיך, בין אדם לחברו, נישט גערע-כענט מיט׳ן דין און זיי זענען געווען „מעבירים על מדותיהם״, נאָכגיביג איינער צום צווייטען, איז אויך השי״ת געווען אַ מעביר על מדותיו און האָט זיך אויך נישט גערעכענט מיט׳ן דין, ווי די חז״ל זאָגען: „כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו״ (ר״ה י״ז). אָבער ווי נור זיי האָבען צווי-שען זיך אָנגעהויבען האַנדלען עפ״י דין, נישט וועלענדיג אויף אַ האָהר אָפּטרעטען פון געזעץ, דאַן האָט שוין אויך השי״ת זיך גענומען בעגעהן מיט זיי לויט׳ן דין, פאָדערענדיג פון זיי אַ חשבון פאַר אַלע בעגאַנ-גענע חטאים ועונות...

(תולדות אדם)

רבי זישע האַניפּאָלער, אַריינקומענדיג איינמאָל אין בית-מדרש צו כל נדרי און זעהענדיג מיט וואָס פאַר אַ וואַרימקייט און ברען דער עולם זאָגט די „תפלה זכה״, באַדענדיג זיך דערביי ממש אין טרעהרען, איז ער צוגעגאַנגען צום ארון-קודש, אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט: שוין צוליעב דעם אַליין, רבונו של עולם, איז כדאי געווען, די אידען זאָלען זינדיגען, שוין צוליעב דעם אַליין, כדי זיי זאָלען איצט אַזוי וואַרים מתפלל זיין פאַר דיר... וואָרום וואָלטען זיי נישט געזינדיגט — וואו און ווען וואָלסט דאַן געהערט אַזעלכע הערליכע, האַרציגע תפלות?...

ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם...

עס שטעהט נישט „ולגר הגר בינֵיהם״, נאָר „בתוכם״, אין זיי. יעדער איד איז יום־כפור בבחינת גר, און אַזוי ווערט טאַקי געזאָגט אין טור און אין שלחן־ערוך, אַז דעריבער איז אַ מצוה ערב יום־כפור זיך טובל צו זיין, ווייל אינ׳ם דאָזיגען טאָג, ווען מיר זענען זיך מתודה אויף אונזערע זינד און זענען מקבל אויף זיך מהיום והלאה מקיים צו זיין די תורה, זענען מיר בבחינת גרים, וועלכע דאַרפען האָבען טבילה...

(בית יעקב)

ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך...

רבי לוי יצחק, זאָגענדיג איינמאָל כל נדרי מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות, מיט גרויס בכיות און יללות, האָט ער זיך אינמיטען געפיהלט זעהר מיעד און אָבגעשוואַכט און ער האָט זיך דאַן אַוועקגעשטעלט און אויסגערופען: רבונו של עולם! כ׳האָב שוין קיין כח נישט ווייטער צו זאָגען. איצט זאָג דו: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך!...״

כי אין לנו מלך מוחל וסולח אלא אָתה...

ביי אַ מלך בשר ודם איז דער דין, אַז „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״, אָבער ביי׳ם מלך מלכי המלכים איז דער דאָזיגער דין נישט שייך... „כי אין לנו מלך מוחל וסולח״, מיר האָבען נישט קיין אַנדערען מלך, וועלכער זאָל מעגען זיין אַ מוחל וסולח אויף זיין כבוד — „אלא אָתה״, נאָר דו קאָנסט זיך דאָס ערלויבען...

(קרבן העני)

כי הנה כחומר ביד היוצר וכו׳ כן אַנחנו בידך...

פון לייהם — פלעגט דערויף זאָגען רבי זישא האַניפּאָלער — מאַכט מען ציגעל סיי צו אַ פּאַלאַץ, סיי צו אַ תפיסה... „כן אַנחנו בידך״, פון דיין ביסעל אידישען מאַטעריאַל קענסטו דיר, רבונו של עולם, אויפשטעלען אַ הערליך בנין, וואָס זאָל פערשיינען די וועלט און דו קענסט אויך, אויב דו ווילסט, אויסקנעטען דערפון אַנ׳אָרימע, פערוואָהרלאָזטע כאַטע... ס׳איז דער זעלבער לייהם, די זעלבע ציגעל...

על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים...

געדאַרפט האָט דאָך אין פלוג שטעהן: „בלא יודעים וביודעים״, דען זינדיגען בדעת, בעוואוסטזיניג, איז דאָך ערגער, ווי זינדיגען בלי דעת, און

דאַרפען דאַרף מען דאָך, עפ״י דין, זיך מתודה זיין פריהער אויף די גרינ-גערע עבירות און נאָכהער אויף די האַרבערע?

נאָר „אם עבר אדם עבירה ושנה בה נעשה לו כהיתר״, בשעת דער מענש לאָזט זיך אַריין אין זינד, ווערט ער שוין צו זיי צוגעוועהנט, אַז ער הערט שוין אויף צו פיהלען, דאָס ער בעגעהט עפּעס אַ חטא און פערברעכען, און דאָס איז דער פשט: „על חטא שחטאנו לפניך ביודעים״, אין תחילת האָבען מיר נאָך געוואוסט על כל פנים, אַז מיר זענען נישט אין אָרדנונג, אָבער מיט דער צייט האָבען מיר זיך אַזוי צוגעוועהנט צו די דאָזיגע עבירות, אַז מיר האָבען שוין געזינדיגט „בלא יודעים״, נישט וויסענדיג און נישט פיהלענדיג מעהר די זינד...

(אור כשלמה)

על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע...

פון אַלע דריי און פופציג על חטא׳ס זאָגען מיר בלויז וועגען איינעם פון זיי, אַז מיר זענען דעם חטא בעגאַנגען מיט׳ן יצר-הרע, מחמת ס׳רוב זינדיגען מיר מיט׳ן — יצר טוב. זעלטען ווען אַ מענש פיהלט, אַז ער טהוט אַן׳עבירה. עפ״י רוב איז ער ביי זיך פולקאָם אין אָרדנונג און עס דוכט זיך איהם נאָך, אַז ער טהוט גאָר אַ וואוילע זאַך, אַ מצוה...

(רבי פנחס הורוויץ)

עשה למען תינוקות של בית רבן...

העלף אונז און לייז אונז אויס ווי אַמגיכסטען, דען מיר זענען שוין באַלד געבליבען אָהן קינדער, אָהן „תינוקות של בית רבן״, די חדרים און בתי-מדרשים פוסטעווען, די קינדער געהען אַוועק לתרבות רעה און—מען קאָן שוין לענגער נישט וואַרטען...

(לחמי תודות)

מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו...

האָט דער דובנער מגיד געפרעגט דערויף אַ קשיא, לויט זיין שטייגער, מיט אַ משל: אַ קרעמער האָט געהאַט אין שטעדטיל צוויי קונדען, וועלכע פלעגען ביי איהם קויפען אַלע זייערע הצטרכות׳ן. איינער איז געווען דער גביר פון שטאָדט, דער צווייטער אַן׳אָרימאַן, אַן׳אביון. ויהי היום, האָט דער גביר חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און, ווי דער מנהג איז, האָט איהם דער קרעמער געשיקט דרשה-געשאַנק — אַ טייער חפץ, פאַר וועלכען ער האָט בעצאָהלט פופציג רובל. לימים, אין אַ צייט אַרום, האָט אויך דער אָרימאַן חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און דער קרעמער האָט איהם אַריינגעשיקט דרשה-

געשאַנק אַ חפץ פאַר אַ צוויי, דריי רובל. האָט עס דעם אָרימאַן פערדראָסען און ער איז אַריין צום קרעמער מיט אַ טענה: היתכן? — מאַכט ער—יענער איז אַ גביר-אַדיר, וואָס פערמאָגט אַלדאָס גוטס, שיקסטו איהם אַ מתנה פאַר זעכציג רובל און מיר פטר'סטו אָב מיט אַזאַ קליינינקייט? בין איך דען נישט דיין שטענדיגער קונה, פונקט ווי ער? — עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד, ענטפערט איהם דער קרעמער — דעם גביר האָב איך געקויפט אַ גרויסע מתנה, נישט ווייל ער איז רייך און כ'האָב דרך-ארץ פאַר זיין עשירות, נאָר ווייל ער גיט מיר זעהר פיעל צו לייזען, כ'האָב פון איהם כמעט אַ האַלבע פרנסה, אָבער פון דיר, וואָס לייז איך? פאַר אַ האַלבען הערינג, פאַר אַ קווערטעלע נאַפט, פאַר אַ גראָשען שוועבעלעך, און דאָס מוז איך דיר אויך אָפט געבען אויף באָרג און עס קומט מיר אָן מיט שוויים, ביז כ'קאָן פון דיר אַ גראָשען אַרויסקריגען, טאָ ווי קאָנסטו זיך גלייכען צום גביר?

און דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז. ווי קומט צו אונז אַזאַ העזה אַוועקצושטעלען זיך בעטען ביי'ם רבונו של עולם, אַז „מי שענה לאַברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו", אַז ער זאָל אונז ענטפערען פונקט אַזוי ווי ער האָט געענטפערט אברהם אבינו'ן? פון אברהמ'ן האָט דער רבונו של עולם געהאַט אַ היבשען פדיון, געלייזט ביי איהם אַ סך מצוות ומעשים טובים, וואָס האָט ער אָבער פון אונז קבצנים? אונזערע קניות בעשטעהען פון אַ קאַפּיטעל תהלים, אַ קדושה, אַ ברכו, און אָפטמאָל בלייבען מיר אויך דערויף בעלי-חובות, טאָ ווי נעהמט זיך צו אונז אַזאַ דרייסטקייט צו וועלען זיך שטעלען אויף איין ברעטעל מיט אברהם-אבינו'ן?

און דער דובנער האָט אויף דער האַרבער קשיא געענטפערט מיט אַ צווייט משל:

אַמאָל איז געווען אַ ישוב'ניק, אַ פּראָסטער מענש, אַ גראָבער יונג, וועלכער האָט אָבער געהאַט אַ סך געלד און ער האָט זיך געוואָלט איינקויפען אין יחוס, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ געראָטען יונגעל האָט ער איהם אַוועקגעשיקט אין אַ ישיבה אַריין לערנען. דאָס יונגעל איז געווען אַ שטאַרקער מתמיד מיט אַ שאַרף קעפּעל און איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסען אַלס גרעסטער למדן פון דער ישיבה. אין אַ צייט אַרום איז דער ראש-ישיבה געשטאָרבען און בשעת די שטאָדט האָט גענומען טראַכטען וועגען אַ ממלא-מקומו, האָבען אייניגע אָנגעוויזען אויף דעם תלמיד זיינעם, דעם זוהן פונ'ם רייכען ישוב'ניק, וועלכער איז ראוי צו פערנעהמען זיין פּלאַץ, דאַגעגען האָבען זיך אָבער געפינען אַזעלכע, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז עס פּאַסט נישט צו בעשטימען אַלס ראש-ישיבה אַ זוהן פון אַזאַ גראָבען יונג. דאַן האָט איינער פאָרגעלעגט אַ פשרה, אַז מ'זאָל דערויף מסכים זיין בתנאי, אויב דער פאָטער וועט גרייט זיין צו געבען פאַר דער ישיבה פינף און

צוואנציג טויזענד רובל. דער ישוב׳ניק האט זיך דערין אנגעכאפט, ער האט בעצאהלט די פערלאנגטע מזומנים און דער זוהן איז געווארען ראש־ישיבה.

יאהרען זענען אוועק און אויך דער נייער ראש־ישיבה איז געשטארבען און אזוי ווי ער האט איבערגעלאזט א זוהן א גאון מופלג, איז געבליבען ביי דער שטאדט, אז ער זאל פערנעהמען דעם פאטער׳ס ארט. דא האט זיך אבער איינער פון די אלטע בעלי־בתים דערמאהנט, אז ווען דער פערשטארבענער איז געווארען ראש־ישיבה האט זיין פאטער דאן געגעבען פינף און צוואנציג טויזענד רובל. ובכן — האט ער פארגעלעגט — זאל אויך דאס אייניקעל געבען אזא סומע געלד. ניין! — האבען דערויף די איבריגע בעלי־בתים געענטפערט — ס׳איז אינו דומה. יענער האט געמוזט צאהלען, ווייל ער האט געהאט א טאטען אן עם־הארץ, א גראבען יונג, דער אבער האט שוין געהאט א שענעם טאטען, קומט איהם דער כבוד אויך אהן געלד.

און מיט׳ן זעלבען תירוץ קענען אויך מיר צום רבונו של עולם: אברהם אבינו האט געהאט א טאטען תרח, א געצענדינער, האט ער דיר געמוזט געבען א סך צו לייזען, אויסקויפען זיך מיט א סך מעשים־טובים, מיר אבער האבען געהאט א שענעם טאטען, — אברהם, קענען מיר שוין יוצא זיין מיט א קלענערען פדיון און דעריבער — „מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה, הוא יעננו!״...

סתרו יושר עצתו אמונה פעולתו אמת...

„סתרו יושר״, דער יושר פון רבונו של עולם בנוגע צו אונז אידען, איז פערבארגען און פערהוילען פון אונז. מיר זעהען איהם, ליידער, נישט, דעם דאזיגען יושר... „עצתו אמונה״, די איינציגע עצה איז, צו האבען אמונה און צו גלויבען, אז „פעולתו אמת״, אז דאס אלץ, וואס ער טהוט מיט אונז, שטימט אודאי מיט׳ן אמת און האט געוויס א העכערען זין און א העכערען צוועק, וועלכער איז בלויז אונפערשטענדליך פאר אונזערע מענשליכע השגות...

(רבי מענדעלי קאצקער.

„לא תצומו כיום להשמיע במרום קולכם״ (ישעי׳ נח. ד.)

אין יום־הכפורים, אינ׳ם טאג, וועלכער דארף זיין א יום סליחה ומחילה בין אדם לחבירו, קומען אפט פאר סכסוכים און מחלוקת׳ן צוליעב׳ן דאווענען, צוליעב די בעלי־תפלות; דער וויל דאווענען מוסף, יענער האט א חזקה אויף נעילה... לא תצומו כיום, איהר זאלט נישט אויסנוצען דעם יום צום הכפורים, להשמיע במרום קולכם, אויף ארומצוקריגען זיך, ווער עס איז א בעסערער בעל־תפלה, ווער עס קאן העכער און שענער דאווענען !...

(עוללות אפרים.

„ההיא עוברא דארחא, אתו לקמיה דרבי חנינא, אמר להו לחושי לה ולא אילחישא, קרי עליה זורו רשעים מרחם" (יומא פ"ב)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט דער דאָזיגער פסוק מיט דעם ענין, וואָס ווערט דאָ דערציילט?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער ווילנער גאון — עס איז גאַנץ אָפט דער דרך־הגמרא צו ציטירען אַ פסוק ובאמת בעציהט זיך די כוונה אויף אַ שפּעטערדיגען, נאָהנטען פסוק, אין וועלכען עס רעדט זיך נאָך וועגען זעל־בען ענין, און איינער פון די נאָהנטסטע פסוקים איז: „אשר לא ישמע לקול מלחשים" (תהלים נח. ו).

פיעל מיינען, אַז דאָס, וואָס מען איז זיך נוהג אין די שוהלען אויס־צושפּרייטען אום יום־כפור היי אויף דער פּאָדלאָגע, איז צוליעב דעם, כדי עס זאָל זיין לייכטער צו שטעהן און כדי נישט צו פערקיהלען די באָרפיסע פיס. באמת אָבער איז עס אַ טעות, און דער ריכטיגער טעם איז, ווייל מען דאַרף יום־כפור פאַלען כורעים און היות, ווי אין די שוהלען פלעגען זיין עפ"י רוב שטיינערנע פּאָדלאָגעס און עס שטעהט דאָך אין פסוק: „ואבן משכית לא תתנו בארצכם להשתחות עליה" (ויקרא כו. א.), שפּרייט מען אויס דעריבער היי, כדי נישט צו בוקען זיך ביים כורעים־פאַלען צום שטיין (ראש־השנה איז דאָס נישט נויטיג, ווייל ביי'ם ראש־השנה'דיגען כורעים פאַלט מען נישט אויפ'ן פנים, ווי יום־כפור). (של"ה)

וועגען דעם מנהג צו בלאָזען שופר נאָך נעילה, שרייבט דער טור (סי' תרכ"ד), אַז דאָס איז לזכר פון יובל, וועלכער פלעגט, לויט'ן דין, זיך אָנהויבען רעכענען פון יום־כפור, אָבער דער „הגהות מימוני" איז נישט מסכים מיט דער דאָזיגער מיינונג. דען, ערשטענס, וואָלט דאָך דאָס שופר־בלאָזען אום יום־כפור געדאַרפט פאָרקומען נאָר איינמאָל אין פופציג יאָהר, אין אַ יובל־יאָהר, צווייטענס, אויב עס איז צום זכר פון יובל, דאַרף מען דאָך בלאָזען שופר אין אָנהויב פון יום־כפור'דיגען טאָג, נישט צום סוף, ערשט נאָך נעילה? באמת אָבער איז דאָס בלאָזען דאַן שופר נישט מעהר, ווי אַ פשוט'ער סיגנאַל, דורך וועלכען מען איז מודיע דעם פאָלק, און איבערהויפּט די פרויען, אַז דער תענית איז שוין געענדיגט און זיי זאָלען זיך צואיילען צוצוגרייטען אין דער היים די סעודה...

* * *

דער בעקאנטער געלעהרטער, דער משומד פראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן, איז איינמאָל, נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען גע׳שמד׳ט, געקומען יום-כפור אין שוהל אריין צום דאווענען, און אַז מען האָט איהם געפרעגט: ווי קומט ער דאָ אַהער? האָט ער געענטפערט, אַז ער איז געקומען זאָגען די תפלה: „עד שלא נוצרתי (איידער ער איז געוואָרען אַ נוצרי) איני כדאי, ועכשיו שנוצרתי כאלו לא נוצרתי״...

בשעת דער רעפאָרמאטאָר יעקב בער (דער פאָטער פון קאָמפּאָזיטאָר מאיר בער) האָט אין יאָהר 1813 געגריינדעט אין בערלין אַ רעפאָרמירטע סינאגאָגע, איז דאן בעהאנדעלט געוואָרען די פראגע, צי מען זאָל איבער-לאָזען אין דער שמונה-עשרה די תפלה פון „ולמלשינים אל תהי תקוה״, אָדער מען זאָל עס בעזייטיגען, און נאָך אַ לאנגע שקלא וטריא איז געבליבען, אַז אין די טעג, ווען עס פערזאמעלט זיך אין דער סינאגאָגע אַ גרויסער עולם, ווי למשל יום-כפור, זאָל מען צוליעב טורח הצבור (כדי נישט צו פערמאטערן דעם עולם מיט צופיעל תפלות) מקצר זיין און די דאָזיגע תפלה נישט זאָגען...

און אַזוי — בעשטעטיגט דר. ש. בערנפעלד אַלס אויטענטישען פאקט — איז טאקי בפירוש איינגעשריבען אינ׳ם פנקס התקנות פון יענער סינאגאָגע, אַז — אין דער יום-כפור׳דיגער שמונה-עשרה זאָל מען נישט זאָגען דעם „ולמלשינים אל תהי תקוה״...

סֻכּוֹת

אין פ׳ אמור (כג. לד.), ווערט געזאָגט: „בחמשה עשר יום לחודש השביעי הזה חג הסכות וכו׳ ביום הראשון וכו׳ כל מלאכת עבודה לא תעשו״, און אין עטליכע פסוקים ווייטער (כג. לט.) ווערט וועגען דעם נאָכאַמאָל געוואָרענט: „אך בחמשה עשר יום לחדש השביעי וכו׳ תחוגו את חג ד׳ שבעת ימים, ביום הראשון שבתון וכו׳״.

צוליעב וואָס ווערט די זעלבע מצוה אין דער זעלבער פרשה איבער־גע׳חזר׳ט צוויי מאָל? חוץ לזה, פאַרוואָס ביי׳ם ערשטען מאָל ווערט געזאָגט: „בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה״, דאַגעגען ביי׳ם צווייטען מאָל סתם: „בחמשה עשר יום לחדש השביעי״, אָהן דעם וואָרט „הזה״? און דאַן, הלמאַי ווערט געזאָגט ביי דער ערשטער אזהרה: „ביום הראשון וכו׳ כל מלאכת עבודה לא תעשו״, דאַגעגען ביי דער צווייטער אזהרה, נישט מעהר, ווי: „ביום הראשון שבתון״? און פאַרוואָס ווערט די מצוה פון די ארבעה מינים, דער „ולקחתם לכם ביום הראשון״, דערמאָהנט ערשט ביי דער צווייטער אזהרה און נישט ביי דער ערשטער?

האָט רבי מרדכי ראַזינויער געגעבען דערויף פאָלגענדע שאַרפזיניגע ערקלערונג:

דער ערשטער פסח, ווען די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, זאָגען אונז די חז״ל (שבת פ״ו), איז אויסגעפאַלען ביום חמישי בשבת, דאָ־נערשטאָג, און לויט׳ן סדר המועדות, ווי ס׳איז ידוע, געפאַלט שטענדיג דער ערשטער טאָג סוכות (און דאָס זעלבע אויך דער ערשטער טאָג ראש־השנה) אינ׳ם דריטען טאָג פון פסח. וויבאַלד, אַלזאָ, דער ערשטער פסח איז אויס־געפאַלען דאָנערשטאָג, איז דער ערשטער סוכות אויסגעקומען שבת. די תורה געפינט דעריבער פאַר נויטיג צו רעדען צוויי מאָל וועגען דעם דאָזיגען יום־טוב. פריהער ווערט ערקלערט, אַז „בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה״, אַז אינ׳ם דאָזיגען ערשטען סוכות אין דער מדבר, „השביעי הזה״, וועלכער איז גראָד אויסגעפאַלען אום שבת, איז „כל מלאכת עבודה לא תעשו״, איז פערבאָטען יעדע מין מלאכה אָהן אויסנאַהם, אַפילו אוכל נפש, און דערפאַר

ווערט אויך דאָ נישט דערמאָהנט די מצוה פון די אַרבעה מינים, דען „אין נוטלים לולב בשבת"... דאַגעגען אין ווייטערען פסוק קומט די אזהרה וועגען סכות לדורות, וועלכער קאָן אויך אויספאַלען אין די איבריגע טעג פון דער וואָך, און דעריבער ווערט שוין דאָ נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „הזה" און נישט דער „כל מלאכת עבודה" און דאָ ווערט שוין ענדליך גערעדט וועגען דער מצוה פון די ארבעה מינים...

כל האזרח בישראל ישבו בסכות...

אין געגענזאַץ צו פיעל אַנדערע מצוות, וואו די תורה איז אונז מזהיר, אַז זיי זענען חל אויך אויפ'ן גר, ווענדעט מען זיך מיט דער דאָזיגער מצוה דאָ, אַלס אויסנאַהם, נאָר צום אזרח.

דען דוקא איהם, דעם אזרח, דאַרף מען דער עיקר וואָרענען און דער־מאָהנען וועגען דירת־ארעי, מחמת גאַנץ אָפט דוכט זיך איהם, דעם איינגע־זעסענעם אידישען אזרח, וועלכער איז פערזאָרגט מיט פרנסה און געניסט פון אַלע בירגער־רעכט, אַז ער איז שוין זיכער מיט זיך, אַז זיין דירה איז שוין אַ דירת־קבע, אין וועלכער ער קאָן שוין שלאָפען רוהיג... (רבי חיים אלפאנדרי)

דער פירשט פון מאַנהיים האָט אַמאָל געפרעגט רבי צבי הירש בער־לינער: פאַרוואָס פרעגט מען ביי אידען די קשיא פון „מה נשתנה" נור אום פסח און נישט אום סוכות? אויך דאַמאָלס זעהט דאָך דאָס קינד פאר זיך אויסטערלישע זאכען. מען פערלאָזט מיטאַמאָל די שטוב און מען זעצט זיך אַוועק עסען אין אַ ביידעל, אין אַ סוכה, דאַרף ער דאָך געוויס אָנהויבען פרעגען: מה נשתנה?

— דאָס איז דערפאַר — האָט איהם רבי צבי הירש געענטפערט — וויל פסח זעהט פאר זיך דאָס קינד אַזעלכעס, וואָס איז געגען דעם אידי־שען שטייגער: די גאַנצע פאַמיליע זיצט זיך ביים טיש במנוחה, מעשה בני חורין, און עס ווערט אַלץ געפראַוועט מיט אַ סדר, וואונדערט זיך עס: „מה נשתנה? ווי קומט צו אידען מנוחה און סדר? סוכות דאַגעגען, ווען ער זעהט, ווי מען וואַנדערט אויס פון שטוב און מען טראָגט זיך איבער אין אַ סוכה, איז עס פאר איהם גאַנץ פערשטענדליך און נאַטירליך, וואָרום ער ווייסט, אַז אידען זענען אַ וואַנדער־פאָלק, שטענדיגע נע־ונד'ניקעס, וועלכע זענען קיינמאָל נישט זיכער מיט זייער היים און עס דערוועקט דעריבער נישט ביי איהם קיין שום חדוש און קיין שום קשיא...

אין פיוט פון צווייטען טאָג סוכות ווערט געזאָגט: „אַל תחי מצות

סוכה בעיניך קלה, מפני שהוא שקולה כנגד כל המצוות כולה״. וואו געפינען מיר, אז די מצות סוכה איז שקול כנגד כל המצוות?

דאס איז משמע פון דער גמרא: „לעתיד לבא וכו׳ יאמרו לפניו רבש״ע תנה לנו מראש ונעשנה, אמר להן הקב״ה וכו׳ מצוה קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה״ (ע״ז ג׳). וויבאלד, אלזא, אויף דער טענה פון די אומות־העולם, אז זיי זענען פון איצט אן גרייט מקיים צו זיין די תורה, וועט מען זיי הייסען מקיים זיין די מצות סוכה, איז דאך דערפון משמע, אז די מצוה פון סוכה איז שקול כנגד כל המצוות.

רבי משה קאברינער פלעגט האבען שטארק הקפדה אויף די גאוה׳דיגע בעלי־בתים, וועלכע פלעגען נישט וועלען זיצען ביי זיך אין סוכה מיט די ארימע שכנים, און ער פלעגט זאגען דערויף: אין דער גמרא שטעהט (ע״ז ב׳), אז לעתיד לבוא, בשעת השי״ת וועט וועלען אויספרובען די בני עשו, וועט ער זאגען צו זיי: „מצוה קלה יש לי וסוכת שמה״ און „כל אחד ואחד עושה סוכתו בראש גגו״. פארוואס וועלען זיי עפעס מאכען די סוכות אויף די דעכער? ווייל יעדער ערל וועט זיך דערמיט וועלען בעווארענען, אז דער שכן זיינער זאל זיך נישט מיטכאפען צו איהם אין סוכה אריין...

אין דער זעלבער שטעלע אין דער גמרא ווערט אויסגעפיהרט, אז נאכדעם, ווי די בני עשו וועלען זיך אריינזעצען אין די סוכות און די זון וועט אנהויבען ברענען איבער זייערע קעפ, וועלען זיי ברוגז ווערען מיט דער מצוה און „כל אחד ואחד בועט בסוכתו ויוצא״. האט רבי צבי הירש הארארוויץ געזאגט דערויף בדרך הלצה, אז דערמיט ווערט פערשטענדליך דער פסוק: „אז ירננו כל עצי יער״, אז לעתיד לבוא וועלען אלע בוימער אנהויבען צו זינגען. אין פלוג, וואס וועלען זיי עפעס זינגען? נאר אין תחילת, בשעת זיי וועלען דערהערען, אז אלע גוים זענען אויף זיך מקבל די מצות סוכה, וועלען זיי זיך שטארק דערשרעקען, ווארום קוים וועט מען אנהויבען אויפצושטעלען יעדעס יאהר אזויפיעל סוכות פאר אלע גוים וועט מען דאך אין א קורצע צייט אלע וועלדער אויסהאקען און ס׳וועט קיין בוים אויף א רפואה נישט בלייבען. בשעת זיי וועלען, אלזא, דער־הערען, אז די גוים זענען ברוגז געווארען און „כל אחד ואחד בועט בסוכתו ויוצא״, וועלען די בוימער צוריק ווערען פרעהליך, און דעריבער — „אז ירננו כל עצי יער״...

דער קאצקער רבי, ר׳ מענדעלי, פלעגט זיצען אין סוכה אפילו בשעת ס׳האט גערעגנט. ער פלעגט זאגען דערויף: א איד, וואס קאן פיהלען

אין סוכה דעם רעגען און זיין דערביי א מצטער — אזעלכער איז באמת נישט ווערט צו זיצען אין סוכה...

דעריבער — פלעגט זאגען דער חדושי הרי"ם — איז נאר ביי סוכה דער דין, אז „המצטער פטור מן הסוכה" און נישט ביי קיין שום אנדערע מצוה, ווייל ביי סוכות שטעהט „למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי וכו'", ביי דער מצוה פון סוכה פאדערט זיך דער „למען ידעו", ישוב-הדעת, געמיט-ליכקייט, צופרידענהייט, און א מצטער איז דער היפוך דערפון...

מען האט דערצעהלט רבי מענדעלי קאצקער וועגען א געוויסען רבי'ן, וועלכער זאגט אויף זיך, אז ער זעהט שטענדיג אלע ז' אושפיזין ביי זיך אין סוכה, האט רבי מענדעלי דערויף געענטפערט: איך זעה זיי נישט, אבער איך גלויב די חז"ל, אז די אושפיזין קומען צו אונז אין סוכה און מיט אמונה זעהט מען מעהר, ווי מיט די אויגען...

אין די גאליציאנער רבי'ש׳ע הויפען ווערט זעהר פיעל געלד אויסגע-געבען אויף „נוי-סוכה". אין א טייל הויפען פלעגט מען זאגאר ברענגען ספע-ציעלע דעקאראציעס פון אויסלאנד אויף צו בעציערען די סוכה, אבער רבי חיים צאנזער איז געווען א שטארקער געגנער דערפון און ער פלעגט שרייען, אז מען איז עובר אויף „בל תשחית". דאס גאנצע געלד פון די „פדיונות", וואס די חסידים פלעגען איהם איבערלאזען נאך יום-כפור, פלעגט ער ערב-סוכות צוטיילען צווישען ארימעלייט און א סוכה פלעגט ביי איהם זיין א פשוט'ע, מיט נאקעטע ווענד.

דער שענסטער „נוי-סוכה" איז — פלעגט ער זאגען — אז די ארימעלייט זאלען אום יום-טוב נישט הונגערען...

*

ולקחתם לכם ביום הראשון...

„לכפר על חטא ראשון" (מדרש רבה)

וועגען וועלכען חטא ראשון רעדט זיך דא?

נאר אין מדרש פ' בראשית אויפ'ן פסוק „ויהי ערב ויהי בקר יום אחד" זאגט איין מאן דאמר: „זה יום הכפורים", אז דער ערשטער טאג פון ששת ימי בראשית איז געווען יום-כפור. לויט דעם, קומט, אלזא, אויס, אז דער זעקסטער טאג, אין וועלכען אדם איז בעשאפען געווארען, איז געווען דער ערשטער טאג סוכות, און אינ'ם זעלבען טאג, ווי עס ערקלע-

רען די חז״ל, איז ער בעגאנגען דעם חטא פון עץ־הדעת, און דעריבער: ולקחתם לכם ביום הראשון — לכפר על חטא ראשון״...

(קול קול יעקב)

פארהאן אַ מדרש אגדה:

„ולמה באתרוג? שהוא דומה ללב, לכפר על הרהורי הלב, ולמה בהדס? שהוא דומה לעינים, לכפר על סיקור עינים וכו׳״.

און דערפאר — פלעגט דערויף זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — איז מען אַזוי מדקדק, אַז דער אתרוג זאָל נישט האָבען קיין פגם, דען מעהר, ווי ביי אַלע אַנדערע אברים, איז שעדליך אַ פגימה אויפ׳ן הארץ...

דעם ערשטען טאָג סוכות אין דער פריה איז איינמאָל רבי לוי יצחק בערדיטשעווער אריינגעלאָפען אין בית־המדרש און אויסגערופען: ווער פון אייך, אידען, האָט עפּעס אַנ׳עבירה? פון אונטער דער ערד זוכט אויס און ברענגט אַהער די עבירות!... דען דער מדרש זאָגט: „ולקחתם לכם ביום הראשון — ראשון לחשבון עוונות״. ראש־השנה און יום־כפור טהוט אַ איד תשובה מיראה און דאַמאָלס ווערען די זדונות כשגגות, אום סוכות אָבער, ווען מען איז מקיים און מען איז מחבב די מצוה פון אַרבעה מינים, איז עס תשובה מאהבה און דאַמאָלס איז „זדונות נעשו לו כזכיות״. וואָס מעהר, אַלזאָ, אַלטע עבירות עס האָבען זיך פערוואַלגערט פון פריהער, אַלץ מעהר זכיות קאָן מען האָבען... דערמאָהנט־זשע אייך, אידען, ווער פון אייך האָט עפּעס אַנ׳עבירה, זאָל ער זי היינט צושטעלען צום חשבון!...

*

עס איז ביי אידען פערשפרייט געווען דער גלויבען, אַז דער, וואָס זעהט נישט זיין שאָטען אין דער נאַכט פון הושענא־רבה, איז עס אַ סימן רע, אַז ער וועט, חלילה, נישט אויסלעבען דאָס יאָהר. דער מקור דערפון נעהמט זיך פון דער גמרא (הוריות י״ב), וואו עס ווערט געזאָגט: „האי מאן דבעי לידע אם מסיק שתיה אם לא, ניתלי שרגא בעשרה יומי דבין ר״ה ליוה״כ בביתא דלא נשיב זיקא, אי משיך נהוריה נידע דמסיק שתיה וכו׳ האי מאן דבעי למיפק לאורחא וכו׳ אי חזי בבואה דבבואה לידע דהדר ואתי לביתא״, און דערפון איז נאָכהער אָנגענומען געוואָרען, אַז דאָס בעציהט זיך אויף הושענא־רבה, הגם אין דער גמרא רעדט זיך נישט ספּעציעל וועגען דעם דאָזיגען טאָג. אַזוי ווערט געזאָגט, למשל, אין „כלבו״ (ס״י נ״ב): „לפיכך נהגו בני אדם לקום ממשכבם בליל יום הערבה ומסתכלים אם יראו צל ראשם בלבנה״. און נאָך אויספיהרליכער אין „אַבודרהם״, נעמליך: „יש אנשים שנוהגים בליל הושענא רבה לצאת למקום שמגיעם אור הלבנה ופושטים

אבריהם ואצבעותיהן, אם צלו שם — טוב הוא, ואם יחסר צל ראשו — בנפשו הוא, ואם יחסר צל אחד באצבעות ידיו — סימן באחד מקרוביו שימות, ואם יד ימין הוא — סימן לבניו הזכרים, ויד שמאל — סימן לבניו הנקבות"...

און מערקווירדיג! אויך דער רמב"ן, אויפ'ן פסוק „סר צלם מעליהם", שרייבט דאס זעלבע און זאגט: „יתכן שירמוז הכתוב למה שנודע כי בליל החותם (הושענא-רבה) לא יהיה צל לראש האיש אשר ימות בשנה ההוא, לכן יאמר כי סר צלם מעליהם, כי כבר נגזר עליהם מיתה"...

הושענא למען בריתך...

די גמרא זאגט: „נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורים, מה מלח ממתיק את הבשר אף יסורים ממתיקים את הגוף". בעטען מיר דעריבער בײ'ם רבונו של עולם: „הושענא למען בריתך!" זאל דער „ברית ביסורים" בעהאנדעלט ווערען אויפ'ן זעלבען אופן, ווי דער „ברית במלח", ביי וועלכען מען גיט אכטונג, נישט איבערצוכאפען די מאס, דען — צופיעל זאלץ טויג אויך נישט, און דאס זעלבע איז מיט יסורים...

(רבי שלמה לייב לענטשנער)

חנון בידם מעבידים...

וואס איז דער פשט „בידם מעבידים"?

נאר ראש-השנה און יום-כפור — האט געזאגט דערויף רבי ברוך מעזשיבושער — דיענען אידען דעם אויבערשטען בלויז מיט'ן מויל, בתפלה ובתחנונים, סוכות דאגעגען הויבט מען איהם אן דיענען מיט די הענד, מיט'ן „ולקחתם לכם", מיט'ן האלטען אין דער האנד די ארבעה מינים... און מיר וויזען, אלזא, דעם רבונו של עולם, אז מיר זענען נישט יוצא בלויז מיט'ן מויל, נאר — „חנון בידם מעבידים", מיר זענען גרייט צו דיענען איהם אויך מיט די הענד...

*

פערשיעדענע ערקלערונגען ווערען געגעבען וועגען דעם, פארוואס מען זיצט נישט שמיני עצרת אין סוכה (הגם די גמרא זאגט: „מיתב יתבינן, ברוכי לא מברכינן"), אבער דעם איינפאכסטען און פשוט'סטען טעם געפינען מיר אין תנחומא פ' פנחס. עס איז דערפאר, ווייל שמיני עצרת איז מען מתפלל אויף גשם, און אויב מען זאל דאן זיצען אין סוכה, וועט מען דאך נישט מתפלל זיין אויפ'ן גשם בלבב שלם. מען וועט דאך באמת נישט וועלען, אז עס זאל אינ'ם דאזיגען טאג רעגענען...

ביום השמיני עצרת תהיה לכם...

אַלע אַנדערע טעג פוּנ׳ם „זמן שמחתנו" איז די שמחה פערבינדען מ׳יט נאָך אַנדערע מצוות: סוכה, לולב וכו׳. די מצוה אָבער פון שמיני עצרת בעשטעהט בלויז פון שמחה, בלויז פון — „לכם"...

*

עס איז אַ מנהג אין די אידישע קהלות, אַז שמחת־תורה געהען אַלע בעלי־בתים מיט וויזיטען צום רב. דער נודע־ביהודה אָבער איז געווען אַ געגנער פוּנ׳ם דאָזיגען מנהג און ער האָט איהם ביי זיך אין פראָג אָבגעשאַפט. דער דאָזיגער מנהג, האָט ער ערקלערט, נעהמט זיך פוּנ׳ם מאמר אין דער גמרא: „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל" (ר"ה ט"ז), ווייל פונקט אַזוי, ווי מען דאַרף אום יו"ט עולה רגל זיין קיין ירושלים און מקבל זיין פני השכינה, דאַרף מען אויך מקבל זיין פני רבו, היות אָבער, ווי מיר זעהנען דאָך בזמן־הזה נישט ביכולת מקיים צו זיין די מצוה פון „ראיה", פון „לעלות ולראות", דאַרף מען אויך די מצוה פון „להקביל פני רבו" מבטל זיין, כדי דער כבוד רבו זאָל נישט זיין גרעסער, ווי דער כבוד שמים... און אַזוי ווערט טאַקי גע׳פסק׳נט אין „נודע ביהודה" (מהדורא תנינא אוח׳ סי׳ צ"ד), אַז בזמן הזה איז נישט שייך די מצוה פון „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל"...

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען: דער גאַנצער חודש אלול, דער ראש־השנה, תקיעת־שופר, די עשרת ימי תשובה, דער יום־כפור, דער סוכות, די מצוה פון סוכה און די ארבעה מינים, דער הושענא רבה און דער חבוט הערבה, דאָס אַלץ איז בלויז אַ הקדמה און אַ הכנה צום—„אתה הראית לדעת"!..

אין רוקח (סימן שע"א) ווערט גע׳פסק׳נט, אַז דער חתן בראשית, וועלכער הויבט־אָן די תורה, איז מחויב צו מאַכען אַ שהחיינו, און די שפּעטערע מפרשים וואונדערען זיך, פאַרוואָס דאָס איז ביי אונז נישט איינגעפיהרט און מיר ווייסען גאָרנישט פוּנ׳ם דאָזיגען מנהג.

ענטפערט דערויף דער „זר זהב", אַז די ברכה פון „שהחיינו" איז שייך נאָר אויף אַזאַ זאַך, ווי אַ פרישע צייטיגע פרי, וואָס אַ געוויסע צייט איז עס נישט געווען און מען מאַכט דעריבער אַ „שהחיינו", וואָס מיר האָבען דערלעבט און זיך דערוואַרט אויף דער דאָזיגער צייט. אויף דער תורה אָבער איז נישט שייך צו מאַכען קיין „שהחיינו", וואָרום אין איהר זמן איז גאָר קיין הפסקה נישטאָ — „והגית בה יומם ולילה"!..

רבי נפתלי ראפשיצער פלעגט זעהר אפט דערצעהלען פאר זיינע מקורבים און ריהמען פאר זיי דעם „אבשניט", וואס ער האט אמאל בעקומען פון א פראסטען מענש, א טרעגער. ער האט אמאל בעמערקט, ווי דער דאזיגער טרעגער, א גרויסער עם-הארץ, האט זיך גאר געוואלדיג משמח געוועז אום שמחת-תורה, האלטענדיג אין איין זינגען און טאנצען. האט איהם רבי נפתלי צוגערופען און געפרעגט:

— וואס איז מיט דיר די שמחה אזוי גרויס? אזוי פיעל תורה האסטו עס געלערענט דאס יאהר, וואס דו פרעהסט זיך אזוי?

דערויף האט איהם דער טרעגער געענטפערט:

— רבי! און אז מיין ברודער מאכט א שמחה, דארף איך מיך נישט פרעהען?...

עס האט זיך אמאל א רב געוואונדערט צו איינעם פון די בעלי-בתים, וועלכער האט זיך שטארק משמח געוועז אום שמחת-תורה, און איהם געפרעגט: וואס איז מיט אייך, ר' איד, די שמחה? איך לערן, און איהר פרעהט זיך?

דערויף האט איהם יענער געענטפערט: הלמאי, רבי, ערב יום-כפור, בין איך זיך מתודה און זאג: „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד". וואס פאר א שייכות האט צו מיר דער דאזיגער חטא? בין איך דען א רב, וואס איך נעהם שוחד? אלא וואס דען, „כל ישראל ערבים זה בזה", איין איד איז ערב פאר'ן צווייטען, איז אויב איך בין א שותף צו אייערע חטאים, מעג איך דאך אויך זיין א שטיקעל שותף צו אייער תורה-לערנען...

חנכה

אין ספר „טעמי המנהגים" ווערט געבראַכט אין נאָמען פון חתם סופר אַ מערקווירדיגער טעם, פאַרוואָס דער נס חנוכה ווערט כלל נישט דערמאָהנט אין דער משנה.

דאָס זאָל זיין דערפאַר, ווייל רבינו הקדוש, דער מסדר המשנה, האָט געשטאַמט, כידוע, פון מלכות בית דוד, פון די זרע המלוכה, און דער נס חנוכה איז געשעהען דורך די חשמונאים, וועלכע האָבען נאָכ'ן נצחון פאַר־כאַפּט די מלוכה, הגם זיי זענען דערצו נישט בערעכטיגט געוועזן, ווייל זיי זענען נישט געווען פון בית־דוד, און דעריבער האָט ער דעם דאָזיגען יום־טוב איינגאַנצען נישט דערמאָהנט...

אַלע יעניגע אידישע ימים־טובים, וועלכע ווערען געפייערט צוליעב געשעהענע נסים, האָבען אַ שייכות מיט ליכטיגקייט, מיט דער פערשטאַרקונג פון האור על החושך.

ביי די נסים פון מצרים — „ולכל בני ישראל היה אור במושבותם"; ביי'ם נס־פורים — „וליהודים היתה אורה"; ביי'ם נס־חנוכה — פך שמן, הדלקת הנרות...

(אסיפת חכמים)

ביי'ם אָנצינדען די נרות־חנוכה איז מען זיך נוהג צו זאָגען: „ויהי נועם וכו' ומעשה ידינו כוננה עלינו".

דען ביי אַלע אַנדערע היסטאָרישע געשעהענישען, וועלכע זענען פאַר־בינדען מיט נסים, ווי פסח און פורים, זענען די נסים געקומען אַליין, אָהן דער אידישער מיטהילף, אָהן שום מעשים פון זייער זייט. דאַגעגען דער נס פון חנוכה איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מעשים, וואָס די אידען גופא האָבען דערביי אַרויסגעוויזען, מיט די העלדישע מעשים פון די חשמונאים, און דעריבער זאָגען מיר דערביי און זענען מרמז: „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", מיר האָבען זיך נישט סומך געווען בלויז אויפ'ן נס, נאָר איך אויסגעצייכענט זיך מיט „מעשה ידינו"...

(רבי יעקב יצחק ריינעס)

„כל התופס נר חנוכה בידו ועומד — ווערט געזאָגט אין שלחן-ערוך — לא עשה כלום״.

ווער עס האַלט דעם נר-חנוכה אין דער האַנד, „ועומד״, און ער איז דערביי אַנ׳עומד, וואָס ריהרט זיך נישט און פיהלט נישט דערביי דעם טיעפען רעיון, וואָס ליעגט אינ׳ם נר-חנוכה — „לא עשה כלום״, האָט ער גאָרנישט געטהון, האָט עס קיין שום ווערט נישט, דען די מצוה בעשטעהט נישט אין סתם אָנצינדען אַ ליכטעל. נישט דאָס מיינט מען...

(רבי ישראל טשאָרטקאָווער)

פאַרצייטענס, ווי עס איז צו זעהען פון דער גמרא (שבת כ״א), האָט מען געצינדען דעם נר-חנוכה מבחוץ, אין דרויסען, פאַרוואָס היינט צינדען מיר מבפנים, אין שטוב?

ווייל אַמאָל זענען אונזערע שונאים געווען אין דרויסען און מיט׳ן נר-חנוכה האָבען מיר דעמאָנסטרירט דעם נצחון, וואָס מיר האָבען אָבגע-האַלטען איבער די דאָזיגע אויסערליכע שונאים, די יונים, וועלכע האָבען געוואָלט עוקר זיין דעם דת.

היינט אָבער געפינען זיך די שונאים פון אידישקייט אינעווייניג, מבפנים, און געגען זיי דאַרפען מיר היינט דעמאָנסטרירען דעם נצחון פון יהדות, געגען אונזערע אייגענע, היימישע שונאים...

(דברים בעתם)

דעריבער—פלעגט זאָגען דער אַלעקסאַנדערער רבי, רבי העניך—ווערט דער נס-פורים געפייערט במשתה ושמחה און דער נס-חנוכה — בהלל והודאה, ווייל די גזירה פון המן ימ״ש איז געווען געווענדעט געגען אַלע אידען גלייך, אַלע האָבען זיך דאַן געפינען אין דער זעלבער סכנה, די סכנה פון „להשמיד להרוג ולאבד״, און דעריבער ווערט אויך דער נצחון געפראַוועט דורך אַלעמען גלייך, במשתה ושמחה, דאַגעגען די גזירה פון אַנטיוכס ימ״ש איז געווען מעביר צו זיין די אידען על דתם, און דאָ זענען שוין נישט געווען אַלע גלייך, דען דער, וואָס איז געווען מעהר פרום, מעהר ירא וחרד, דער האָט פון דער דאָזיגער גזירה מעהר געליטען, מעהר יסורי הנפש אויסגעשטאַנען... און דעריבער האָט מען דעם דאָזיגען יום-טוב קובע געווען בהלל והודאה, אַ זאַך, וואָס איז אויך נישט גלייך ביי אַלעמען — יעדער איינער לויבט און דיענט השי״ת לויט זיין מדרגה אין עבודת-השם...

מען איז זיך נוהג, אַז דעם „שמש״, מיט וועלכען מען צינדט אָן די ליכטלעך, שטעלט מען אַוועק העכער, איבער די נרות-חנוכה. דער מהר״ל גיט אָן דערויף אַ סימן: „שרפים עומדים ממעל לו״. די „שרפים״, די אָנצינדער, ווערען געשטעלט „ממעל לו״, איבער די ל״ו, די זעקס און דרייסיג נרות חנוכה...

פֶּסַח

אינ׳ם דאָזיגען יום־טוב — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — מאַכען מיר זיך איינער דעם אַנדערען קאָמפּלימענטען. אֲני לדודי ודודי לי, מיר — דעם רבונו של עולם און דער רבונו של עולם — אונז.

די תורה רופט דעם יום־טוב: „חג המצות״, אַלס שבח און לויב פאַר׳ן פאָלק ישראל, וואָס האָט מקיים געווען דעם „ויאפו את הבצק עגות מצות וכו׳ וגם צדה לא עשו להם״, און דערויף זאָגט רש״י: „מגיד שבחן של ישראל״.

מיר דאַגעגען רופען איהם מיט׳ן נאָמען „פסח״, אַלס שבח און לויב פאַר׳ן רבונו של עולם: „ואמרתם זבח פסח הוא לד׳ אשר פסח על בתי בני ישראל״...

רבי לוי יצחק איז אַמאָל פאַר פסח אַרומגעגאַנגען איבער די בעקערייען, וואו ער האָט קאָנטראָלירט און אַכטונג געגעבען נישט־נאָר אויפ׳ן כשרות פון די מצות, נאָר אויך, אַז די בעקערס זאָלען נישט צו־שווער אַרבייטען מיט די געדונגענע ווייבער און קינדער... דערזעהענדיג אין איין בעקעריי, ווי שרעקליך די דאָזיגע ווייבער און קינדער ווערען עקספּלואַטירט דורכ׳ן בעל־הבית, וועלכער צווינגט זיי צו אַרבייטען פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, רופט זיך אָן רבי לוי יצחק:

— די שונאי ישראל האָבען אויף אונז אַ בלבול אויסגעטראַכט, אַז מיר באַקען, חלילה, די מצות מיט גוי׳איש בלוט, אָבער השם יודע און איהר אַלע ווייסט, אַז דאָס איז אַ נאַרישער שקר! בעוונותינו הרבים זעה איך אָבער, אַז עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע בעקער, וועלכע באַקען די מצות מיט אידיש בלוט, מיט׳ן בלוט פון אָרימע אידישע קינדערלעך, פון וועלכע מען זויגט, נעביך, אויס די לעצטע כוחות!...

הא לחמא עניא...

די גוים פלעגען שטענדיג קוקען אויפ׳ן אידישען סדר און זיינע מנהגים, ווי אויף עפּעס אַ טיפע געהיימניס, אַ מין אַלוועלטליך־אידישע פערשווע־

רוגג און דעריבער האָבען די חכמים דאַן איינגעפיהרט, אַז די איינלייטונג צום סדר זאָל אָנגעהויבען ווערען אויף דער דאַמאָלסדיגער פאָלקס-שפּראַך, אַראַמעאיש, בכדי אויך די נישט-אידישע שכנים זאָלען פערשטעהען און איינזעהען, אַז עס זענען נישטאָ דאָ קיין שום אונלעגאַלע סודות. בלויז די לעצטע ווערטער: „לשנה הבאה בני חורין”, האָט מען אויסגעלאָזט אויף העברעאיש, וואָס ס'איז שוין פאַר די שכנים אונפערשטענדליך געווען, כדי מען זאָל נישט זאָגען אויף די אידען, אַז זיי זענען מורדים, אַז זיי שטרעבען צו ווערען פריי און זעלבסשטענדיג...

(רבי אליהו הכהן תמרין)

אויף אַן אַנדער אופן ערקלערט עס דער אַברבנאַל:

דעריבער איז דער „הא לחמא עניא” פערפאַסט געוואָרען בלשון אַרמית, ווייל דאָס פּראָסטע פאָלק, די אַרימעלייט, צו וועלכע עס איז געווענדעט געווען דער רוף: „כל דכפין ייתי וייכול”, האָט נישט פערשטאַנען קיין לשון קודש...

הא לחמא עניא...

די דאָזיגע ווערטער זענען געווענדעט צו די איינגעלאַדענע אָרימע-לייט, וועלכע פיהלען זיך פערשעהמט און נידערגעשלאָגען, זיצענדיג אין דער דאָזיגער פייערליכער יום-טוב-נאַכט ביי אַ פרעמדען טיש. איז מען זיי דעריבער מקבל-פנים מיט וואַרימע טרייסט-ווערטער און מען רופט אויס: „הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים!” זייט נישט ביי זיך געפאַלען, אויך אונזערע עלטערען האָבען זיך אַמאָל אינ'ם זעלבען מצב געפינען און אָרים בעטעל-ברויט געגעסען און דער אויבערשטער האָט זיי נאָכהער גע-האָלפען און זיי זענען אויפגעריכט און אויסגעלייזט געוואָרען... זייט, אַלזאָ, נישט טרויעריג און נישט געפאַלען ביי זיך: „כל דכפין ייתי וייכול!” און אויך אייך וועט גאָט העלפען: „השתא הכא — לשנה הבאה בארעא דישראל, השתא עבדי — לשנה הבאה בני חורין”...

(בינה לעתים)

די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים...

הגם דער חג המצות ווערט געפייערט אַלס זכר אויפ'ן „ולא יכלו להתמהמה”, ווייל אַרויסגעהענדיג פון מצרים האָבען אונזערע עלטערען קיין צייט נישט געהאַט צו באַקען חמץ, האָבען זיי באמת אויך די גאַנצע צייט פריהער געגעסען מצות, און דעריבער טאַקי זאָגען מיר: „די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים”, דען אַזוי איז געווען איינגעפיהרט ביי די מצרי-

צייטישע פעלקער, אַז זייערע קנעכט פלעגען זיי געבען צו עסען מצות, וועלכע ווערען שווער פערדייהעט.

און אַזוי דערצעהלט אויך רבי אַברהם אבן עזרא, אַז בשעת ער איז געוועזען אין הודו און איז דאָרט געגומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, האָט מען איהם די גאַנצע צייט געשפייזט מיט מצות...

(רבי יוסף האזורי)

כל דצריך ייתי ויפסח...

אַ טייל מפרשים זענען נישט גורס צו זאָגען: „כל דצריך ייתי ויפסח", ווייל היינט האָבען מיר דאָך נישט קיין קרבן-פסח.

באמת אָבער — ערקלערט דער „תניא רבתי" (פון רבינו יחיאל דער פאָטער פון ראֵ"ש) — איז דער פשט פון „ייתי ויפסח": זאָל ער איבערטרעטען די שוועל פון דעם הויז, זאָל ער קומען און מיטעסען מיט אונז...

מה נשתנה הלילה הזה...

און דערויף קומט דער ענטפער: עבדים היינו! פרעג נישט קיין קשיות, דען „עבדים היינו לפרעה במצרים" און אויך דאָרט האָסטו קיין קשיות נישט געפרעגט, נאָר געטהון אַלץ, וואָס פרעה האָט געהייסען, און אויב דו האָסט געפאָלגט פרעה'ן דעם נוגש, וועלכער האָט דיר בלויז שלעכטס געטהון, מעגסטו דעם אויבערשטען, וועלכער מיינט בלויז דיין גוטס, אודאי און אודאי פאָלגען...

(רבי יעקב, ליסער רב)

מעשה ברבי אליעזר וכו' שהיו מסובין בבני ברק...

געוועהנליך איז אָנגענומען, און אַזוי האַלטען טאַקי דאָס רוב מפרשים, אַז „בני ברק" איז דער נאָמען פון אַן אָרט, וואָס געפינט זיך אין נחלת מטה דן, אין דרום-מזרח פון יפו (יהושע יט. מח.) און ווערט פיעל מאָל דערמאָהנט אין תלמוד (סנהדרין נ"ב, שבת מ', בבא-בתרא קנ"ד). אינ'ם דאָזיגען אָרט האָבען די חכמים אין אַ שעת-הגזרה, אין דער צייט פון אַדרינוס, זיך פערזאַמעלט אין געהיים און אָבגעריכט דעם סדר.

אַנ'אויסנאַהם איז בלויז דער אַברבנאַל, וועלכער טייטשט „בבני ברק" — „בכלי מילת", און דער פשט איז, אַז די פערזאַמעלטע חכמים זענען געוועזען אָנגעטהון „בבני ברק", אין זיידענע מלבושים... וואָס עס האָט דעם אַברבנאַל געצוואונגען צו אַזאַ מערקווירדיגען פירוש איז ווירקליך אונפערשטענדליך!

כנגד ארבעה בנים דברה תורה וכו׳...

דעריבער — פלעגט זאגען רבי נפתלי ראפשיצער בדרך הלצה — האט דער בעל־הגדה געשטעלט דעם רשע פאר׳ן תם, ווייל א נאר שטעהט נידריגער פון א רשע. א רשע קאן תשובה טהון און ווערען אויס רשע, א נאר אבער — דאס איז שוין א פערפאלענע זאך...

ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן...

וואס פאר א תשובה איז עס אויף דער שאלה פון חכם? צי ווייסט ער דען אליין נישט פון די אלע הלכות הפסח?

נאר דער חכם פרעגט: „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ד׳ א׳ אתכם״, נאכוואס זענען נויטיג צו לערנען די אלע דינים פון קרבן־פסח אין דער היינטיגער צייט, „אתכם״, ביי אייך, אין גלות, וואו עס איז קיין קרבן־פסח נישטא?

און דערויף קומט דער ענטפער: „ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח״ ערקלער איהם, אז דער דין איז: „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן״, אז דער אפיקומן איז אויף׳ן ארט פון קרבן־פסח, און אז א גאנצע רייהע דינים, וועלכע זענען נוהג ביי׳ם קרבן־פסח (ווי „נאכל על השובע״ וכו׳) זענען אויך נוהג ביי׳ם אפיקומן, און דעריבער זענען נויטיג צו וויסען די אלע „עדות וחוקים ומשפטים״...

(רבי יוסף ניטק לא)

אהן א שיעור פשטים און דרושים זענען פארהאן אויף׳ן דאזיגען מאמר, וועלכער לאזט זיך אויף׳ן איינפאכען אופן נישט אייגטייטשען. באמת, אבער איז דא ארייגעפאלען א טעות־הדפוס. אין שטראשונ׳ס ביבליאטעק געפינט זיך אג׳אלטער ש״ס, אין וועלכען דער נוסח איז: „ואף אתה אמור לו בהלכות (מיט א ב׳) הפסח עד אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן״. ד. ה. דו זאלסט מיט איהם לערנען אלע הלכות פון פסח, ביז צו דער משנה פון לעצטען פרק אין פסחים (פרק י׳ משנה ח׳), וועלכע הויבט זיך אן מיט — „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן״...

דעריבער איז מען זיך נוהג צו בעהאלטען דעם אפיקומן אונטער׳ן קישען, ווייל עס שטעהט אין פסוק: „ושמרתם את המצות״, ווי אויך אלס זכר צום — „משארותם צרורות בשמלותם״...

(עמודי אור)

ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר...

פאַרוואָס, אייגענטליך, איז ער דערמיט, וואָס ער איז זיך מוציא פון כלל, אַ כופר בעיקר?

דער ווילנער גאון איז דעריבער מגיה, אַז עס דאַרף צו זיין, נישט „כפר בעיקר", נאָר — „וכפר בעיקר", און דאָס זענען צוויי גאַנץ בעזונדערע זאַכען. ערשטענס, האָט ער מיט זיין אויסדרוק „לכם" זיך מוציא געווען פון כלל, צווייטענס, דערמיט, וואָס דער רשע האָט אין זיין שאלה נישט דער־מאָהנט (ווי אין דער שאלה פון חכם) דעם אויבערשטענס נאָמען, האָט ער בעוויזען, אַז ער איז אויך אַ כופר בעיקר...

אויף אַן־אַנדער אופן אין נאָמען פון רבי יאָשע בער בריסקער:

וואָס איז דער אונטערשיעד פון חכם ביז'ן רשע? אויך דער חכם מיט זיין אויסדרוק „אתכם" איז זיך דאָך מוציא מן הכלל? צווייטענס, פאַרוואָס איז ער דערמיט אַ כופר בעיקר?

נאָר „את עצמו" מיינט מען דעם אויבערשטען, ווי מיר געפינען: „טיטוס הרשע כסבור שהרג את עצמו" (גיטין נ"ז), און „שהוציא את עצמו מן הכלל" איז דער פשט, אַז דער רשע, להיפוך צום חכם, האָט מוציא געווען פון זיין שאלה און נישט דערמאָהנט דעם אויבערשטענס נאָמען...

אילו היה שם לא היה נגאל...

דער רשע פרעגט: „מה העבודה הזאת לכם"? נאָכוואָס דאַרף מען די עבודה, די אַלע דאָגמען און צערעמאָניעס. גאָט דיענען איז גענוג בלויז מיט'ן האַרצען, „רחמנא לבא בעי". דאָס איז בלויז אַן־ענין — טענה'ט ער — „לכם", פאַר אייך, קליינליכע, בעגרעניצטע מענשען, „ולא לו", אָבער נישט פאַר איהם, דעם משכיל, דעם אויפגעקלערטען... דערמיט איז ער אַ „כפר בעיקר", אין די עיקרי היהדות, וועלכע זענען געבויט הויפטזעכליך אויף די מצוות מעשיות, און דעריבער — „אילו היה שם לא היה נגאל", וואָרום דיענען גאָט בלויז מיט'ן האַרצען, מיט דער מחשבה, דאָס קאָן מען דאָך אין מצרים אויך...

(רבי אברהם'לע טשעכאַנאָווער)

כי גר יהיה זרעך וכו' — והיא שעמדה לאבותינו...

די גזירה פון „גר יהיה זרעך", וואָס גילט נאָך ביז היינט, דאָס, וואָס די גוים ווילען זיך מיט אונז נישט אַסימילירען און דערמאָהנען אונז בײ יעדע געלעגענהייט, אַז מיר זענען פרעמדע — „והיא שעמדה לאבותינו ולנו",

אַט דאָס איז אונז בייגעשטאַנען צו דערהאַלטען עד־היום אונזער זעלבס־שטענדיגקייט...

(רבי נפתלי צבי בערלין)

או הנסה אלקים לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי...

„מקרב", פון סאַמע אינגעווייד (פון לשון „ולא נודע כי באו אל קרבנה"). השי"ת האָט אַרויסגענומען די אידען „מקרב גוי", פון גוי'אישען, מצרי'שען מאַגען, אין וועלכען זיי זענען שוין געווען פערשלינגען, זייענדיג פולשטענדיג אַסימילירט, ווען ס'איז שוין באַלד נישט קענטיג געווען קיין זכר פון אידישקייט...

(רבי יעקב עמדין)

ולבן בקש לעקור את הכל...

וואו ווערט דען דערמאָהנט אין פסוק, אַז לבן האָט געוואָלט אומברענגען יעקב'ן? עס שטעהט בלויז: „יש לאל ידי לעשות עמכם רע", אָבער פון דאַנען איז דאָך נאָך נישט קיין בעוויז, אַז ער האָט איהם געוואָלט אומברענגען, איהם מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי אהרן קיידאַנאָווער בדרך בדיחות — דער דין איז אין דער גמרא: „האומר לשלוחו צא וקדש לי אשה ומת שלוחו — אסור בכל הנשים שבעולם" (גטין ס"ד), ווייל וועגען יעדע אשה איז פאַרהאַן אַ חשש, טאָמער איז זי אַ קרובה פון דער פרוי, וואָס דער שליח האָט מקדש געווען. וועגען אליעזר'ן, וועלכען אברהם האָט געשיקט מקדש זיין רבקה'ן פאַר יצחק'ן, ווערט אויפ'ן פסוק „ויישם לפניו לאכול" גע'דרשנ'ט: „נתנו לו סם המות בקערה". וועלענדיג, אַלזאָ, אומברענגען דעם שליח איז לבן דערמיט ממילא געווען אַ „בקש לעקור את הכל", דען יצחק וואָלט דאָך עפ"י דין נישט געטאָרט מעהר חתונה האָבען און עס וואָלט קיין פאָלק ישראל, חלילה, אויף דער וועלט נישט געווען...

כמה לקו באצבע וכו'...

וואָס איז, אייגענטליך, דער זין פון דער דאָזיגער פלוגתא וועגען די צאָהל מכות, וועגען וועלכע איין מאַן־דאמר זאָגט: „במצרים לקו עשר מכות ועל הים לקו חמשים מכות", אַ צווייטער—„במצרים לקו ארבעים מכות ועל הים לקו מאתים מכות", אַ דריטער— „במצרים לקו חמשים מכות ועל הים לקו חמשים ומאתים מכות". צוליעב וואָס האָט זיך יעדער פון זיי בעמיהט מוסיף צו זיין די צאָהל מכות און אַנטקעגען וואָס איז דאָס פאַר אַ נפקא־מינה?

עס איז צוליעב דעם — זאָגט דערויף דער ווילנער גאון — ווייל השי"ת

האָט אונז מבטיח געווען, אַז „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אָשים עליך״, ווי אויך „והסיר ד׳ ממך כל חולי וכל מדוי מצרים הרעים״ און דעריבער האָבען זיך די חכמים בעמיהט אָנצוּווייזען אויף אַלץ אַ גרעסערע צאָהל מכות, מיט וועלכע די מצריים זענען געשלאָגען געוואָרען אין מצרים און אויפ׳ן ים, כדי די אַלע מכות זאָלען אין אונז, לויט דער געגעבענער הבטחה, נישט שולט זיין...

(ילקוט אמרים)

הוציאנו מעבדות לחרות, מיגון לשמחה וכו׳...

פאַרהאַן אין דער גאולה פערשיעדענע מדרגות. ביי איינעם איז עס בלויז אַ שטרעבונג „משעבוד לגאולה״, ער זאָל נישט דאַרפען מעהר אַזוי שווער צו אַרבייטען. אַ צווייטער האָפט צום „מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב״, צו טעג פון פרייד, ווען ער וועט איבערהויפּט נישט טראָגען מעהר אויף זיך קיין שום דאגות. ביי אַ דריטען איז עס שוין פערבונדען מיט אַ העכערען וואונש: „מעבדות לחרות״, אַראָבצוּוואַרפען פון זיך דעם עול פון עבדות, פון צו זיין אונטערטעניג אונטער אַ פרעמדע מאַכט. יחידי סגולה וואַרטען דערביי אויפ׳ן „מאפלה לאור גדול״, אַז די גאולה זאָל ברענגען צו דער התגלות פון גרויסען געטליכען ליכט, וואָס זאָל אָנהויבען שיינען איבער דער גאַנצער וועלט און עס זאָל זיין „ומלאה הארץ דעה״... און דאָס איז אויך דער פשט: „את כל אשר עשה אלקים למשה ולישראל עמו״, בעזונדער „למשה״ און בעזונדער „לישראל״, דען אַנדערש זעהט-אויס דער זין און די בעדייטונג פון דער גאולה פאַר׳ן „לישראל עמו״ און אַנדערש — פאַר די משה׳ס...

(נועם אלימלך)

כן ד׳ וכו׳ יגיענו למועדים ולרגלים אחרים...

„ווען פרעהט זיך אַן אָרימאַן? — ווען ער פערלירט און געפינט״, און אַזוי איז עס אויך מיט׳ן רוב אידישע שמחות, וועלכע ווערען געפּראַוועט אין צוזאַמענהאַנג מיט פערשיעדענע צרות, פון וועלכע מען איז עפ״י נס ניצול געוואָרען. בעטען מיר דעריבער ביי׳ם רבונו של עולם: „יגיענו למועדים ולרגלים אחרים״, אַז מיר זאָלען זוכה זיין צו גאַנץ אַנדערע שמחות, „הבאים לקראתנו לשלום״, פריעדליכע שמחות, וועלכע זאָלען נישט זיין פערבינדען מיט איבערגעלעבטע צרות און מיט געשעהענע נסים...

(אמרי חן)

*

דעריבער איז אַ מנהג צו עסען אייער ביים סדר, ווייל אין מצרים איז לויט די עגיפּטישע געזעצען געווען פערבאָטען צו עסען אייער און

פלייש (אבן עזרא וארא, ח. כא.) און מיר ווייזען דערמיט, אַלס זכר לחרות, אַז מיר זענען מעהר נישט אונטערגעוואָרפען זייערע געזעצען.

צוליעב׳ן זעלבען טעם טונקען מיר אויך דאָס גריינס אין זאַלץ-וואַסער, דען אין מצרים איז זייערע כהנים געווען פערבאָטען צו עסען זאַלץ...

(ספר המנהגים)

אַנ׳ענדעקישער דעפוטאַט האָט אַמאָל געפרעגט דעם לובלינער רב, הרב שפּירא, פאַרוואָס אידען עסען אום פסח צום סדר האַרטע אייער.

— דאָס איז אַ סימבאָל אויף דער אידישער האַרטנעקיגקייט — האָט איהם דער רב געענטפערט — אייער, וואָס מעהר מען קאָכט און מען בראָט עס, אַלץ האַרטער ווערען זיי, און דאָס זעלבע איז אויך מיט אידען, „וכאשר יענו אותו — כן ירבה וכן יפרוץ״...

וועגען דעם אמת׳ן טעם, פאַרוואָס מען עסט אייער ביי׳ם סדר, ווערט געזאָגט אין רמ״א, אַז דאָס איז אַ זכר לתשעה באב (אייער — איז אַ סימן אבלות), וועלכער געפאַלט שטענדיג אינ׳ם זעלבען טאָג אין דער וואָך, וואָס דער ערשטער טאָג פסח.

שפוך חמתך...

וועגען דעם מנהג צו עפענען די טהיר ביי „שפוך חמתך״, ערקלערט ר׳ אליעזר הכהן צווייפעל, אַז דאָס שטאַמט פון די צייטען פון עלילת-דם. צוליעב די אָפטע בלוט-בלבולים, וועלכע פלעגען מעהרסטענטייל פּראָוואָצירט ווערען אין די סדר-נעכט, איז געוואָרען איינגעפיהרט, אַז איטליכער איד זאָל אינמיטען דעם סדר עפענען די טהיר און אַרומקוקען זיך, צי מען האָט, חלילה, נישט אונטערגעוואָרפען פאַר זיין טהיר אַ טוידט-קינד...

דנת מלך נדר בחצי הלילה...

אין שעפּעטאָווקע האָט איינמאָל פּאַסירט אַ מעשה און אַ פרוי האָט געבוירען אַ קינד צוועלף חדשים נאָכ׳ן מאנס טויט, די שטאָדט האָט געקאָכט און מען האָט געטייטעלט אויף איהר מיט די פינגער אַלס מופקרת. איז די פרוי אַוועק צום רב, רבי יעקב שמשון, פאַר וועלכען זי האָט געוויינט בדמעות שליש און זיך געשוואוירען, אַז ס׳איז אַ כשר אידיש קינד. רבי יעקב שמשון האָט איינגעפינען, אַז זי זאָגט אמת און ער האָט שטרענג בעפויהלען, אַז עס זאָל קיינער מעהר נישט וואַגען אויף איהר מוציא שם רע צו זיין

בעת מען האט איהם געפרעגט: היתכן? אויף וואס פאר א גרונד גלויבט ער איהר, ווי אזוי איז עס דען מעגליך, אז דאס קינד זאל זיין פון איהר מאן, וועהרענד דער מאן איז שוין צוועלף חדשים טויט? האט זיי רבי יעקב שמשון דערויף געענטפערט:

מיר זאגען אין דער הגדה: „דנת מלך גרר בחצי הלילה". איז דאך אויף אזא אופן א הארבע קשיא: אויב די מעשה פון אבימלך ושרה האט פאסירט אום פסח און געבוירען האט דאך שרה יצחק'ן אויך אום פסח („שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך"), עס הייסט פונקט אין צוועלף חדשים ארום, טא ווי אזוי האבען די ליצני הדור געקענט זאגען: „מאבימלך נתעברה שרה" און נאכוואס איז דערביי נויטיג געווען דער „צר הקב"ה קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם". אויב ס'זענען אריבער זיכער דאמאלס גאנצע צוועלף חדשים, איז דאך עס דער בעסטער בעוויז, אז עס איז א ליגען? — איז דערפון, אלזא, געדרונגען, אז ס'איז מעגליך צו געבוי-רען א קינד אויך צו צוועלף חדשים...

דעריבער מאכט מען נישט קיין „שהחיינו" בי"ם אנהויבען צעהלען ספירה, ווייל די מצוה פון ספירת-העומר איז חל אויף גאנצע זיבען וואכען, ניין און פיערציג טעג, איז טאמער פערגעסט ער איין טאג צו צעהלען, וועט ער דאך דאן האבען געמאכט א ברכה לבטלה.

(מהר"ם מינץ)

* *

*

אין פיוט פון מעריב ליל א' של פסח זאגען מיר: „ליל שמורים הוא זה הלילה וכו' זה אשר הוא לא יום ולא לילה".

עס איז אין פלוג אנ'אונפערשטענדליכער זאץ און דאס האט בעוואויגען דעם בעוואוסטען מדקדק ר' וואלף רעדעלהיים, און נאך איהם אויך די איב-ריגע מבארים, מגיה צו זיין: „זה אשר הוא לו יום ולו לילה" און דאס ווארט „לו" בעציהט זיך אויפ'ן אויבערשטען. די דאזיגע ערקלערונג בעפרי-דיגט אבער נישט, דען פונ'ם אויסדרוק „זה" איז משמע, אז דאס געהט אריף אויף דער נאכט, ווי עס ווערט געזאגט באלד אין אנהויב: „ליל שמורים הוא זה הלילה".

באמת אבער איז די גאנצע הגהה נישט נויטיג. וועגען דער ליל שמורים, די נאכט פון יציאת מצרים, ווערט געזאגט אין זהר פ' בא (דף ל"ח): „ותנא תוה נהיר ליליא כיומא דתקופא דתמוז וחמא כל עמא דינא דקב"ה ההוא ולילה כיום יאיר כחשכה כאורה", און דאס, אלזא, מיינט דער פיטן מרמז צו זיין מיט די ווערטער: „אשר הוא לא יום ולא לילה", קיין נאכט איז עס נישט

געוועזן, דען עס איז געוועזן דאן ליכטיג „כיומא דתקופא דתמוז" און אויך נישט קיין טאג — דען עס איז דאך געוועזן עונת לילה...

(רבי חיים לייב אבד"ק ויטעבסק)

און דערמיט ווערט, אגב, פערענטפערט די קשיא פון חתם סופר, וועלכער פרעגט (שו"ת ח"ס או"ח ס' נ"א), ווי אזוי מען מעג גומר זיין את ההלל אין דער נאכט פון פסח, ווערענד די גמרא זאגט דאך אין מגילה (סוף פרק ב'), אז קריאת ההלל מוז זיין דוקא בייטאג, ווייל מיר זאגען דאן: „ממזרח שמש עד מבואו".

אבער, ווי עס ווייזט אויס, איז אויף דער ליל שמורים אלס אויסנאהם נישט חל דער דאזיגער איסור, ווייל זי ווערט נישט גערעכענט אלס נאכט, דען — „הוה נהיר ליליא כיומא דתקופא דתמוז"...

(דבש וחלב)

שָׁבוּעוֹת

דעריבער איז די תורה געגעבן געוואָרען אין דער מדבר און נישט אין ארץ־ישראל, כדי נישט אַרויסצורופען קיין מחלוקת צווישען די שבטים; דער וואָלט געזאָגט: עס איז מיין תורה, דען אין מיין חלק לאַנד איז זי געגעבן געוואָרען, און דער וואָלט געזאָגט: עס איז מיין תורה, דען אין מיין חלק לאַנד איז זי געגעבן געוואָרען, און דער וואָלט געזאָגט: עס איז מיין תורה... דעריבער איז זי געגעבן געוואָרען אין דער מדבר, אין אַ מקום הפקר, אין וועלכען אַלע האָבען אַ גלייכען חלק.

(מדרש לקח טוב)

די תורה איז געגעבן געוואָרען אין אַנ׳אונבעשטימט אָרט — אין אַ מדבר, אין אַנ׳אונבעשטימטע צייט — מען ווייסט נישט גענוי, צי בששי בסיון, אָדער בשבעה בסיון, בכדי צו ווייזען דערמיט, אַז די תורה איז נישט אָבּ־העענגיג, נישט פון אָרט און נישט פון צייט, מחמת גאַנץ אָפט איז זיך דער מענש מורה היתר: דאָ קאָן מען זיך נישט פיהרען ווי אין דער היים, דאָ איז אַ פריי אָרט, אַ פרייע מדינה און מען מוז זיך צופאַסען צו די אָרטיגע בעדינגונגען, אָדער: מען מוז זיך צופאַסען צו דער צייט, היינט איז די צייט אַנ׳אַנדערע און מען קאָן נישט לעבען, ווי מען האָט געלעבט אין די פאַרצייטישע יאָהרען... און דערפאַר ווערט אויך געזאָגט: „שיהי׳ דברי תורה בעיניך כאלו היום ניתנו״. די תורה איז שטענדיג אַקטועל, צו יעדע צייט און אין יעדען אָרט.

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

מיר האָבען שוין געהאַט געבראַכט פאַר׳ן „קדושת לוי״, אַז דערפאַר ווערט שבועות אָנגערופען אין דער גמרא מיט׳ן נאָמען „עצרת״, ווייל פונקט, ווי שמיני עצרת, איז אויך דער דאָזיגער יום־טוב נישט פערבינדען מיט קיין שום בעזונדערע מצוה, אַ חוץ מיט „עצירת מלאכה״.

און דעריבער — ווערט דערויף צוגעגעבען אין ספר „קרבן העני״ — געפינען מיר דעם דאָזיגען אויסדרוק נור אין דער גמרא און נישט אין דער תורה, ווייל פריהער, פאַר׳ן זמן התלמוד, פאַר׳ן חורבן המקדש, האָט דער

דאָזיגער יום-טוב, אויסער דעם איסור פון עשית מלאכה, געהאַט נאָך אַ בעזונדערע מצוה, די מצוה פון שתי הלחם, וממילא האָט ער נאָך דאַמאָלס גישט געקענט הייסען „עצרת״, וועלכער בעדייט בלויז „עצירת מלאכה״...

דעריבער—פלעגט זאָגען רבי שלמה ראַדאָמסקער—זאָגען די חז״ל: „הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם״ (ביצה ט״ו), ווייל בשעת משה רבינו איז געקומען מקבל זיין די תורה האָבען די מלאכים זיך געגענגעשטעלט און גע׳טענה׳ט: „חמודה גנוזה וכו׳ אתה מבקש ליתנה לבשר ודם״? און דערויף האָט משה געענטפערט: „רבונו של עולם, תורת שאתה נותן לי מה כתיב בה וכו׳ כלום אתם עושים מלאכה וכו׳ קנאה יש ביניכם! יצר-הרע יש ביניכם?״... די תורה, איז, אַלזאָ, צוגענומען געוואָרען פון די מלאכים און געגעבען געוואָרען אונז נור צוליעב דעם, ווייל מיר זענען מענשען מיט אַלע מענשליכע שוואַכקייטען און מענשליכע בעדערפענישען, און דעריבער נויטיגען מיר זיך אין דאָזיגען יום-טוב אינ׳ם „לכם״, וואָרום ווען נישט דער „לכם״ וואָלטען מיר די תורה נישט בעקומען...

— רבונו של עולם! — האָט רבי לוי יצחק אַמאָל אויסגערופען אום שבועות ביי׳ם דאַוונען — „הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם״, אויף צו קאָנען מקיים זיין די תורה מוזען מיר דורכאויס האָבען דעם „לכם״, דען — „אם אין קמח אין תורה״!...

רבי אייזיל חריף האָט אַמאָל ערקלערט בדרך-הלצה, פון וואַנען עס נעהמט זיך, וואָס די אויפגעקלערטע, די „דייטשען״, זענען מזלזל אין די מצוות פון דער תורה, נאָר בלויז פון איין זאַך האַלטען זיי שטאַרק — פון דרך-ארץ.

ווייל בשעת מען איז געגאַנגען געבען אידען די תורה האָט משה רבינו געגעבען אַ בעפעהל און אויסגערופען: אידען, צום באַרג סיני! איז די פרומע אידען, די בטלנים, האָבען נישט געמאַכט קיין שהיות, זיי האָבען אויפגעהויבען די פאַלעס און זיך גלייך געלאָזט לויפען צום באַרג. די „דייטשען״ דאַגעגען, די פאָרטגעשריטענע, גרייטענדיג זיך צו אַזאַ פייער-ליכען אַקט, האָבען זיי זיך גענומען פוצען און ברענגען די טואַלעטען אין אָרדנונג, און ביז זיי זענען צוגעקומען צום באַרג סיני האָט מען שוין געהאַלטען נאָך תורה שבכתב און תורה שבעל פה און זיי האָבען קוים בעוויזען צו דער לעצטער מסכתא פון ש״ס — צו מסכת „דרך-ארץ״...

*

אין יוצר ליום ב׳ של שבועות, אינ׳ם פיוט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „יום נשתכר נפתחה תאותו״, ווערט געזאָגט: „כי בשכרותו יצא מדעתו, ויפר חוקי ויקרב מיתתו״.

וואו איז דער מקור, פונוואַנען דער פיטן האָט גענומען די דאָזיגע האַרבע ווערטער געגען נח׳ן? איבערהויפט זענען אונפערשטענדליך די לעצטע ווערטער: „ויקרב מיתתו״, בעת נח האָט דאָך געלעבט ניין הונדערט און פופציג יאָהר?...

(ע. נוסבוים)

זעקס בענדער — „פון אונזער אַלטען אוצר״

ערשטע זאַמלונג:

באַנד I (בראשית, שמות, ויקרא) 6.— זל. אין פראַכט-באַנד 7.50

באַנד II (במדבר, דברים, חמש-מגילות, ימים-טובים) 5.50 זל.
אין פראַכט-באַנד 7.00

צווייטע זאַמלונג:

באַנד III (בראשית, שמות, ויקרא) 5.00 זל. אין פראַכט-באַנד 6.50

באַנד IV (במדבר, דברים, חמש-מגילות, ימים-טובים, פרקי אבות) 5.00 זל.
אין פראַכט-באַנד 6.50

דריטע זאַמלונג:

באַנד V (בראשית, שמות, ויקרא) 4.25 זל. אין פראַכט-באַנד 5.75

באַנד VI (במדבר, דברים, חמש-מגילות, ימים-טובים) 4.25 זל.
אין פראַכט-באַנד 5.75

אַלע זעקס בענדער 30 זל. אין פראַכט-באַנד 39 זל.

אויסלאַנד אַלע זעקס בענדער 110 פראַנצויזישע פראַנק
אין פראַכט-באַנד 150 פראַנק.